STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00684

IBERLEBUNGEN FUN A YIDISHN PARASHUTIST

Mayer Horowitz

Permanent preservation of this book was made possible by
Robert J. Bender
in memory of
Frances & Abraham Bender

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאיר הורוויץ

מאיר הורוויץ

איבערלעבונגען פון אַ ייִדישן פאַראַשוטיסט

אַרויסגעגעבן פון בילדונגס-אָפּטיילונג
פון אַרבעטער-רינג
ניו-יאָרק, 1948

Life of a Jewish Parachutist

by

Mayer Horowitz

Copyright
by the
Educational Department of the Workmen's Circle
New York, 1948

Printed in the U. S. A.
GRENICH PRINTING CORPORATION
151 West 25th Street
New York City 1, N. Y.
166

אַ מתנה מיין ליבער מוטער און
מיין טייערן פֿאָטער — ביידע
האָבן אַ גרויסן חלק אין מיין
שרייבן.

איך דריק אויס אַ האַרציקן דאַנק:

דעם בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג, וואָס גיט אַרויס מיינע „איבערלעבונגען״; פריינד נ. כאַנינען, דעם בילדונגס־דירעק־טאָר פון אַרבעטער־רינג פאַר זיין אינטערעס און באַמיאונגען אַז דאָס בוך זאָל געדרוקט ווערן; פריינד מ. אַשעראָוויטשן פאַר זיין באַקענען זיך מיטן מאַנוסקריפּט און פאַר זיינע וויכטיקע עצות; פריינד ז. יעפּרויקינען, דעם דירעקטאָר פון דער אַרבעטער־רינג־מיטלשול, וואָס ניט נאָר האָט ער געלייענט דעם מאַנוסקריפּט, נאָר האָט מיר אויך געהאָלפן אים צוגרייטן צום דרוק; און פריינד ה. לאַנגן, רעדאַקטאָר פון דער זונטיקדיקער „פאָרווערטס״־אויסגאַבע, וואָס ער האָט דער ערשטער געבראַכט די „איבערלעבונגען פון אַ יידישן פּאַראַשוטיסט״ פאַר דעם יידישן לייענער.

מאיר הורוויץ

אינהאַלט:

פּאָרוואָרט פון ג. באַגין — 1

איך ווער אַ פּאַראַשוטיסט — 7

צפון אַפריקע — 13

- אויף אַ שיף אין מיטן ים — 15
- צוויי סאָלדאַטן — 17
- צוריק אַהיים — 19
- איך באַגעגן אַראַבער — 21
- איך געפין אַ חדר — 24
- די שטאָט קאָנסטאַנטין — 27
- אונדזער לאַגער — 31
- די טויטע שטאָט — 33

סיציליע — 35

- סיציליער — 37
- לעפּטי דער פּאַראַשוטיסט — 44
- מיר זוכן טויטע — 51
- דער מגן-דוד — 55
- בילדער — 63

איטאַליע — 66

- אויפן וועג צום איטאַליענישן פראָנט — 68
- מען פירט אונדז עסן — 72
- הינטערן פראָנט — 76
- איטאַליענישע קינדער — 81
- דער וואולקאַן וועזואוויוס — 83

פון פראָנט — 88

- דער שונא באַגראָבט זיינע טויטע — 88
- אַ לעגענדע ווערט געבאָרן — 90
- דער „לאַנגער טאָם" — 92
- מוזיק פאַר די טויטע — 93
- אָן אַ קאָפּ — 94
- דער אָפיציר — 97
- דער העלד — 99
- „דהי בלאָדי לאַימס" — 101
- לאָזט מיך שטאַרבן — 102
- דער ניגער — 105
- דער מאַנטל — 106
- „ס'איז קאַלט" — 107
- פּערציק לעבנס — 109
- „דאָס איז אונדזער פליכט" — 110
- קערפּערס — 110
- „דזשאָו" — 111
- אונדזערע „עס-פּיס" (מיליטערישע פּאָליציי) 114
- אַ בעקעריי — 115
- אַ פּאָסט-אָפיס — 116
- פרוילעכע מאָמענטן — 117
- אַ נאַכטאַרבעט — 118

אַמעריקאַנער סאָלדאַטן פון דייטשישער
אַפּשטאַמונג — — — — — — — — 120
אַ האַנטגראַנאַט וואָס איז ניט געווען קיין
גראַנאַט — — — — — — — — — — 122
אַ סאָלדאַט וויינט — — — — — — — — 124
דעם שונאס עראָפּלאַנען — — — — — — — — 127
אויף דער וואַך — — — — — — — — — — 127
אונדזער „היים" — — — — — — — — — 128
אויף יאַגד — — — — — — — — — — — 129
ער האָט תפילה געטאָן — — — — — — — — 130
פון טאָגבוך — — — — — — — — — — — 132
ענגלאַנד — — — — — — — — — — — 145
אָט אַזוי לעבט זיך אונדז ערגעץ אין ענגלאַנד 147
ווי אין דער היים — אָבער פאַרט אַנדערש — 153
ווען ועלן מיר זיך זען — — — — — — — 158
בלוט שוויס און טרערן — — — — — — — — 164
בעלגיע — — — — — — — — — — — 169
טעג אין בעלגיע — — — — — — — — — 171
האָלאַנד — — — — — — — — — — — 177
צווישן האָלענדער און דייטשן — — — — — — 179
מיין חבר שמואל שוואַרץ — — — — — — — 183
אַ בריוועלע דער מאַמען — — — — — — — 188
פון טאָגבוך — — — — — — — — — — 192
פראַנקרייך — — — — — — — — — — — 197
מיר שלעפּן זיך איבער פראַנקרייך — — — — 197
אָט אַזוי פאָרן סאָלדאַטן — — — — — — — 203
אַ שטעטל — — — — — — — — — — — 207
מיר באַזוכן קבֿרים — — — — — — — — — 209
אַ פראַנצייזישע פאָרשטעלונג — — — — — 211
פּאַריז — — — — — — — — — — — 213
אונדזערע קאַזאַרמעס — — — — — — — — 215
נעכטן שונאים, היינט . . . — — — — — — 217
די מזלדיקע — — — — — — — — — — 218
יידן און פּאָליאַקן אין גלות — — — — — — 221
מאַמע-לשון — — — — — — — — — — 226
אַ יידישער טשעפּלעין — — — — — — — — 231
יידיש לעבן — — — — — — — — — — — 235
אַ יידישער שרייבער-פּאַראַשוטיסט — — — — 238
דייטשלאַנד — — — — — — — — — — — 243
אויף דייטשישער ערד — — — — — — — — 245
העלדישקייט — — — — — — — — — — 250
מיט אָפענע אויגן — — — — — — — — — 254
„מיינע אויגן האָבן דאָס געזען" — — — — — 260
יאָסל, דער יינגל פון פּוילן — — — — — — 264
האַלב טויטע יידן — — — — — — — — — 273
וטהר לבנו — — — — — — — — — — — 281
חיות — ניט קיין מענטשן — — — — — — — 287
זשאָרזשעט — אַ יידישע מיידל פון פּאַריז — 290
מיר פאָרן אַהיים — — — — — — — — — 295

פאָרוואָרט

מיט פרייד און שטאָלץ, ברענגען מיר צו די ידישע לייענערס דאָס בוך פון מאיר הורוויץ „איבערלעבונגען פון אַ פּאַראַשוטיסט״.

מאיר הורוויץ איז געבאָרן אין אַמעריקע; אין פּאַבליק־סקול, אין היי־סקול און אין קאָלעדזש, האָט ער פלייסיק געלערנט אַמע־ריקאַנער געשיכטע, געלייענט מיט ליבשאַפט די אַמעריקאַנער ליטעראַטור; געווען פאַרקאַכט אין אַלע שפּילערייען, אין וועלכע די אַמעריקאַנער יוגנט האָט אַזאַ טיפן אינטערעס. גלייכצייטיק האָט ער זיך ניט אָפּגעריסן פון ידישן פאָלק, פון אַלע זיינע פריידן, פון אַלע זיינע ליידן. נאָך אַלס קינד איז ער אַריין אין דער אַרבעטער־רינג עלעמענטאַר־שול, זי פאַרענדיקט און ווייטער געלערנט אין מיטלשול און שפּעטער אויך אויף די הויכקורסן פון אַרבעטער־רינג.

אין די יאָרן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין די דערמאָנטע ידישע לער־אַנשטאַלטן, האָט ער זיך טיף פאַרבונדן מיטן ידישן לעבן און האָט זיך צוגעוואוינט ידיש טראַכטן און פילן. ער שרייבט ידיש, ער רעדט ידיש, לייענט ידיש, פונקט אַזוי גוט ווי די שפּראַך פון לאַנד.

אַלע, וואָס האָבן אים געקאַנט און וואָס קאָנען אים, האָבן אים ליב און באַטראַכטן אים ווי אַן אייגענעם.

ווען די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן, איז ער אַריין אין דער אַרמיי. נאָך אַ יאָר און אַ האַלב דינסט אין סיגנאַלן־קאָרפּוס, האָט ער זיך פרייוויליק אָנגעשלאָסן אַלס פּאַראַשוטיסט. אויב דאָס לעבן פון אַ סאָלדאַט אויפן שלאַכטפעלד איז אין געפאַר, איז די גע־פאַר פון טויט פאַר אַ פּאַראַשוטיסט נאָך פיל מאָל גרעסער. דער מלאך המות גייט אים נאָך אויף טריט און שריט. עס איז נאַטירלעך אַז אַלע נאָענטע פריינד פון מאיר הורוויצן, האָבן געהאָפט אַז דער טויט וועט אים פאַרבייגיין.

עס איז דעריבער געווען אַ פרייד צו זען ווי זיינע אַרטיקלען, אין וועלכע ער באַשרייבט זיינע איבערלעבונגען אַלס פּאַראַשוטיסט, דערשיינען רעגלמעסיק אין „פאָרווערטס״. דאָך האָט דאָס האַרץ געקלאַפּט פון שרעק; די וואָס האָבן אים געקאַנט — איך איינער צווישן זיי — האָבן געטראַכט: ווער ווייס, אפשר אין דעם מאָמענט,

ווען מיר לייענען דעם אַרטיקל, איז ער שוין ניטאָ צווישן די לע־בעדיקע ?

צו יעדן אַרטיקל אין „פאָרווערטס" געשריבן פון מאיר הורוויצן, האָבן מיר געהאַט אַ ספּעציעלע באַציאונג. מיר האָבן געפילט אַ ציטער. זיינע אַרטיקלען, האָבן אונדז געהאַלטן געשפּאַנט, און מיר האָבן שטילערהייט געבעטן אַז ער זאָל אַרויסקריכן פון אַלע געפאַרן און קומען אַהיים אַ געזונטער.

ענדלעך איז די שעה געקומען. די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט און מאיר הורוויץ איז אַהיים געקומען. דער בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג האָט אים באַלד פאָרגעשלאָגן ער זאָל אָנשרייבן אַ בוך פון זיינע איבערלעבונגען. מיר זיינען געווען זיכער, אַז דעם ברייטן ידישן עולם וועלן די איבערלעבונגען אינטערעסירן, ספּעציעל ווען אין זיי קומט צום אויסדרוק די ווירקונג פון דער ידישער דערציאונג דאָ אין לאַנד. ווי מיר האָבן עס געזען אין די אַרטיקלען אין „פאָרווערטס", האָט מאיר הורוויץ געקוקט אויף דער מלחמה און אַלע אירע שוידערלעכע באַגלייט־דערשיינונגען מיט די אויגן פון אַ פילנדיקן ידן. וואָו דער מלחמה־שיקזאַל פאַרוואַרפט אים נאָר, אין וועלכן לאַנד ער זאָל ניט קומען — זוכט ער ידן, ווייל ער וויסן וואָו ידן לעבן. ער זוכט זיי אין אַפריקע, סיציליע, איטאַליע, פראַנקרייך. ער גייט אַנטקעגן דער שוידערלעכער ידישער טראַגעדיע אין איראָפּע — און וויל זי איבערלעבן צוזאַמען מיט אונדזערע געפּייניקטע ברידער.

דער שטילער און באַשיידענער מאיר הורוויץ האָט זיך אַ ביסל געשראָקן אונדזער פאָרשלאָג אָנצונעמען. ער פאַרמאָגט צו פיל רעספּעקט און ליבע צום ידישן וואָרט, צום ידישן בוך און דער ידישער ליטעראַטור, און ער האָט מורא געהאַט אַז זיינס אַ בוך וועט ניט זיין ווערטפול גענוג. אונדז האָט זיך אָבער איינגעגעבן אים צו איבערצייגן אַז ער זאָל אַ בוך פון זיינע „איבערלעבונגען" אַרויסגעבן. אַזוי ווי מיר האָבן אויפגענומען מיט פרייד זיין מאַנוסקריפּט, אַזוי וועלן זיכער די לייענערס אויפנעמען מיט פרייד דאָס אָפּגעדרוקטע בוך.

דאָס איז אַ בוך פון העלדישקייט, ניט פון קיין אויסגעטראַכטע, נאָר אמת־איבערגעלעבטע און דורכגעלעבטע פּאַסירונגען.

נ. כאַנין, דירעקטאָר

בילדונגס־דעפּאַרטמענט אַרבעטער־רינג

איך ווער אַ פּאַראַשוטיסט

ווען איך בין אַריין אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי, האָב איך אַ יאָר און אַ האַלב אָפּגעדינט אינעם סיגנאַל־קאָרפּוס און נאָך דעם בין איך געוואָרן אַ פּאַראַשוטיסט. איך האָב זיך אין דער פּאַראַשוטיסטן־אָפּטיילונג אַנגעשלאָסן פרייוויליק, כאָטש איך האָב געוואוסט, אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט גרעסערע סכנות.

געווען איז דאָס „טענקסגיווינג דעי", ווען איך בין אָנגעקומען אין פאָרט בענינג, דזשאָרדזשיע, אין דער פּאַראַשוטיסטן־שול. דאָרטן האָבן מיר געדאַרפט דורכמאַכן אַ קורס פון פינף וואָכן איי־דער מיר זיינען געוואָרן קוואַליפיצירטע פּאַראַשוטיסטן.

דעם ערשטן טאָג אין לאַגער זיינען מיר גלייך אַוועקגעלאָפן צום פליפעלד, וואו עס זיינען געשטאַנען עראָפּלאַנען און הויכע טורעמס פון וואַנען מען האָט זיך געלערנט שפּרינגען. אונדז האָט זיך אַלץ געוואָלט זען מיט די אייגענע אויגן, ווייל נאָך פריער האָבן מיר אַ סך געלייענט וועגן פּאַראַשוטיסטן און וועגן דער שול, וואו מ'לערנט זיי שפּרינגען פון פליענדיקע עראָפּלאַנען.

מיר זיינען געשטאַנען מיט אָפענע מיילער און געגאַפט. ווי קען מען דאָס אַזוי הויך אַרויפקריכן און דערנאָך אַראָפּלאָזן זיך? אונדז האָט זיך ניט געגלייבט, אַז אויך מיר וועלן קענען טאָן די זעלביקע זאַך.

פון אַ דערבייאיקן בערגל האָבן מיר געזען ווי פּאַראַשוטיסטן שפּרינגען אַרויס פון פליענדיקע עראָפּלאַנען, קייקלען זיך אַ סעקונדע אין דער לופטן ביז די ווייסע פּאַראַשוטן טוען זיך אַן עפן און דאַן לאָזן זיי זיך פּאַמעלעך אַרונטער אויף דער ערד.

אַלץ וואָס מיר האָבן יענעם טאָג געזען האָט אונדז שטאַרק צערודערט; מיר האָבן זיך בשום אופן ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז מיר וועלן דאָס אויך קענען טאָן.

אויף מאָרגן האָט מען אונדז אָנגעהויבן לערנען. און אין

פאַרלויף פון פינף לאַנגע וואָכן, אין רעגן און אין קעלט, ביי טאָג און ביי נאַכט, אין די גרעסטע היצן, האָבן מיר זיך געלערנט די תורה. מיר זיינען געלאָפן און געשפרונגען פון פלאַטפאָרמעס, געלערנט זיך קייקלען ווי אַ קויל. אַראָפּגעלאָזט זיך פון הויכע טורעמס, געראַנגלט זיך איינע מיט די אַנדערע — דאָס אַלץ איז געווען אַ צוגרייטונג צום שפרינגען פון פליענדיקע עראָפּלאַנען.

דעם ערשטן שפרונג האָבן מיר געזאָלט מאַכן מאַנטיק אין דער פרי. די פאַראַשוטן האָבן מיר אַליין צונויפגעלייגט מיט אַ טאָג פריער. זונטיק ביי נאַכט איז געווען שווער איינצושלאָפן. אַלע האָבן גע־טראַכט וועגן ערשטן שפרונג פון אַן עראָפּלאַן און ווי דאָס וועט אַרויסקומען. האָבן מיר פיל ניט געשלאָפן.

מאָנטיק זיינען מיר פרי אויפגעשטאַנען און אַוועקמאַרשירט צום פעלד. עראָפּלאַנען האָבן שוין געוואַרט אויף אונדז. דער הימל איז געווען פאַרוואָלקנט. איידער נאָך מיר האָבן אָנגעטאָן די פאַ־ראַשוטן, האָט אַ גאָס געטאָן אַ רעגן און דאָס שפרינגען האָט מען אָפּגעלייגט אויף מאָרגן. פאַרשטייט זיך, אַז מיר זיינען געווען שטאַרק צופרידן, אָבער מיר האָבן זיך ניט געקענט באַפרייען פון אָנגע־שטרענגטקייט און האַרצקלאַפעניש. עס איז געווען אַ שטאַרקע אי־בערלעבעניש.

אויף מאָרגן האָט ווידער גערעגנט. אַ גאַנצן טאָג אַזוי: רעגן, רעגן, אָן אַן אויפהער. שפרינגען אין רעגן קען מען ניט. האָט מען עס אָפּגעלייגט אויף מיטוואָך אין דער פרי.

גאָט צו דאַנקען, דער רעגן האָט אויפגעהערט. אויפן פעלד זיינען פאַרבליבן ריטשקעלעך וואַסער, אָבער ניט צו פאַרזינדיקן.

האָבן מיר אָנגעטאָן ביידע פאַראַשוטן אויף זיך: אויפן פליי־צע דעם גרויסן און אויפן ברוסט דעם קליינעם, דעם רעזערוו, אין פאַל דער ערשטער וועט זיך ניט אויפעפענען. די אינסטרוקטאָרס האָבן דורכגעקוקט יעדן איינעם פון קאָפּ ביז די פיס און געזען אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג.

מיר האָבן געדאַרפט וואַרטן לויט דער ריי אויפן עראָפּלאַן. די שווערסטע זאַך איז געווען דאָס זיצן און וואַרטן אַ שעה צייט. מיר האָבן גערייכערט פּאַפּיראָסן איינע נאָך די אַנדערע, גע־שפּאַסט, געלאַכט; אָבער דאָס איז אַלץ געווען ניט מער כדי צו באַ־האַלטן אונדזער נערוועזיטעט און האַרץ־קלאַפעניש.

ענדלעך האָט מען אַרויסגערופן מיין גרופּע. מיר זיינען אויפ־געשפּרונגען און געלאָפן צום עראָפּלאַן. ביים אַריינגאַנג האָט מען פאַרצייכנט אונדזערע נעמען.

אין עראָפּלאַן האָבן מיר זיך אויסגעזעצט: 12 אויף איין זייט און 12 אויף דער אַנדערער זייט. צוויי שפּרינג־אינסטרוקטאָרס זיינען מיטגעפאָרן מיט אונדז.

דער עראָפּלאַן האָט זיך אַ ריר געטאָן, אָפּגעפאָרן אַ שטיקל וועג און זיך אָפּגעשטעלט. דאָס האָט ער געוואַרט אויפן סיגנאַל פון קאָנטראָל־טורעם זיך אויפצוהייבן.

די מאָטאָרן האָבן געברוישט און הערן איינע די אַנדערע האָט מען ניט געקענט. דער עראָפּלאַן האָט זיך אַ הייב געטאָן און מיר זיינען געפלויגן העכער און העכער. די אינסטרוקטאָרס האָבן גע־פּרוּווט אונדז פריילעך מאַכן און געהייסן אונדז זינגען און ריידן. די מערסטע אָבער זיינען געזעסן שטיל, מיט אָנגעשטרענגטע פּנימער און איבערגעחזרט אַלץ וואָס מען האָט געלערנט: ווי אָנצו־טשעפּען דעם דראָט אידער מען שפּרינגט אַרויס; ווי צו שטיין אין טיר; ווי צו לאַנדן, און אַלע איבעריקע זאַכן. מען האָט גאָר ניט געוואָלט פאַרפעלן, ווייל דער ערשטער שפּרונג האָט אויך געקאָנט זיין דער לעצטער... אַ פאַראַשוטיסט — האָבן אונדז די אינסטרוקטאָרס געוואָרנט — מאַכט נאָר איין טעות...

מיר האָבן אַרויסגעקוקט דורך די פענצטערלעך און אַלץ האָט אויסגעזען אַזוי קליין, ווי פליגן. דער עראָפּלאַן האָט זיך געהויבן העכער און העכער. 1,500 פוס אין דער הייך האָבן מיר דער־הערט דעם באַפעל: אויפשטעלן זיך! האָבן מיר זיך האַסטיק אַ שטעל געטאָן, צוגעטשעפּעט דעם פּאַס צום דראָט און געוואַרט אויפן ווייטערדיקן באַפעל צו שפּרינגען.

דער באַפעל איז געקומען און איינע נאָך די אַנדערע האָבן מיר זיך געשאַרט צו דער טיר, געוואַרט אויפן קלאַפּ אין שטיוול פון אינסטרוקטאָר און אַרויסגעשפּרונגען.

מען האָט אונדז געלערנט, אַז גלייך ביים אַרויסשפּרינגען, זאָלן מיר אָנהייבן ציילן: 1000, 2000, 3000 און אויב דער פאַראַשוט וועט זיך ניט עפענען, זאָלן מיר אַ שלעפּ טאָן דאָס הענטל פון רעזערוו־פאַראַשוט און ער וועט זיך עפענען.

איך בין אַרויסגעשפּרונגען, אָבער איך האָב פאַרגעסן צו

ציילן. בליץ־שנעל האָב איך זיך געקייקלט אין דער לופט און ווען איך האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט דער פּאַראַשוט, אַ גרויסער, אַ זיידענער, אַ ווייסער זיך געוויגט פון ווינט. מיר האָט זיך געוואָלט שרייען און זינגען: דער פּאַראַשוט האָט זיך געעפנט! דער פּאַראַשוט האָט זיך געעפנט! איך האָב זיך אַרומגעקוקט. אַרום מיר האָב איך געזען די אַנדערע שפּרינגערס. אויפן האַרצן איז געווען פריילעך, כאָטש ווער צעפּלאַצט.

איך האָב מאַניפּולירט דעם פּאַראַשוט. נידעריקער און ני־דעריקער האָב איך זיך אַרונטערגעלאָזן. איך האָב דערזען דעם אַמבולאַנס מיט דעם גרויסן רויטן קרייץ אויפן דאַך. איך האָב געזען די טראָקס און דזשיפּס און די אָפיצירן־שפּרינגערס וואָס זיינען געשטאַנען אויפן פעלד. עס איז געווען אַזוי גוט אַראָפּצו־נידערן.

אַ הונדערט פוס פון דער ערד האָב איך פאַרשטייפט די שטריק (סוספּענשאָן לאַינס) און איינגעבויגן די פיס. די ערד אונטער מיר האָט זיך גיך געדרייט. אין אַ סעקונדע אַרום האָבן מיינע פיס אָנגע־רירט די ערד און איך האָב געלאַנדעט ביי דער זייט פון נאָך אַ פּאַ־ראַשוטיסט.

מיין ערשטער שפּרונג איז גוט דורכגעגאַנגען. מיר האָבן אויסגעטאָן די כאַמעטן, צונויפגעלייגט דעם פּאַראַשוט און די טראָקס האָבן אונדז אָפּגעפירט אין די „האַנגערס", די גרויסע געביידעס, מיט לאַנגע טישן, וואו מיר האָבן געפּאַקט די פּאַראַשוטן.

ביי טאָג זיינען מיר געשפּרונגען אַ צווייט מאָל און עס איז אויך דורכגעגאַנגען גוט. נאָכן שפּרינגען האָבן מיר זיך גוט געפילט. איצט האָבן מיר איינגעזען, אַז אַלץ וואָס מיר האָבן געלערנט אויף די קורסן איז צו ניץ געקומען: דאָס קייקלען זיך, די פיזישע איבונגען, דאָס לויפן.

איידער מיר האָבן גראַדואירט, האָבן מיר געדאַרפט שפּרינגען פינף מאָל. זיינען מיר אויף מאָרגן ווידער געשפּרונגען צוויי מאָל און דעם פינפטן שפּרונג האָבן מיר געמאַכט אויפן דריטן טאָג.

ניט אַלע פּאַראַשוטיסטן האָבן אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. אַ סך זיינען דורכגעפאַלן, ווייל זיי האָבן פּשוט ניט געקענט אַרויס־שפּרינגען פון עראָפּלאַן. מיר האָבן עס גערופן „פריזינג־אַפּ" (ד״ה פאַרפרוירן ווערן אין טיר). אַזעלכע האָט מען געגעבן נאָך אַ שאַנס

צו שפּרינגען. אויב אָבער זיי זיינען „פאַרפראָרן געוואָרן“ אויך דאָס צווייטע מאָל, האָט מען זיי אויסגעשריבן פון קורס.

עס פאָדערט זיך קוראַזש און שטאַרקע נערוון אַרויסצושפּרינגען אין דער לופטן. ניט אַלע באַזיצן די צוויי מעלות.

די געפילן און איבערלעבונגען ביים שפּרינגען זיינען געווען פאַרשיידענע. אַנדערע איז דאָס אָנגעקומען שווער און אַנדערע גרינג. איין זאַך איז אונדז אַלעמען געווען קלאָר, אַז וואָס מער מען שפּרינגט, אַלץ קלאָרער ווערט די געפאַר. ווייל ביים ערשטן שפּרונג זיינען מיר געווען בלינד און ניט געוואוסט וואָס דאָס איז אַזוינס. אין אַן עראָפּלאַן זיינען מיר פריער קיין מאָל ניט געפלויגן. ביים צווייטן שפּרונג האָבן מיר שוין אויסגעפונען וואָס אַן עראָפּלאַן איז און ווי עס אַרבעט אַ פאַראַשוט.

מיר האָבן געזען אַז געפאַרן לויערן אויף שריט און טריט. דער פאַראַשוט קען זיך פאַרטשעפּען אָן עראָפּלאַן אָדער אין גאַנצן זיך ניט עפענען. דער ווינט קען אַ כאַפּ טאָן דעם פאַראַשוט און אים פאַרטראָגן שדים וויסן וואו: אויף אַ בוים, אין וואַסער, אויף עלעקטרישע דראָטן.

פאַראַשוטיסטן ריזיקירן מיטן לעבן. די געפאַרן אָבער רעגן אָן און עס איז אַן אַרויסרוף צום פאַראַשוטיסט צי ער וועט בייקומען אָט די אַלע געפאַרן.

אין אַ וואָך אַרום האָבן מיר באַקומען אַ דיפּלאָם און זילבערנע פליגלען. גרינג איז דאָס ניט אָנגעקומען. ווי איך האָב געשריבן אין אַ בריוו צו מיינע עלטערן, זיינען דאָס געווען די פינף שווערסטע וואָכן וואָס איך האָב דורכגעמאַכט.

פאָרט בענינג, דזשאָרדזשיע, דעצעמבער, 1942.

צפון־אפריקע

אויף אַ שיף אין מיטן ים

וואהין מיר פאָרן האָבן מיר ניט געוואוסט. ווען מיר זיינען געווען אַ העלפט וועג פון אונדזער געצילטן אָרט, האָט מען אונדז אויסגעזאָגט: מיר פאָרן קיין צפון־אַפריקע. די אָפיצירן האָבן יעדן איינעם געגעבן אַ קליין ביכעלע וועגן דעם „שוואַרצן קאָנטי־נענט", מיט אינפאָרמאַציע וועגן די אַראַבער, פראַנצויזן, די שטעט און דער שפּראַך.

מיר האָבן געלייענט דאָס ביכעלע און זיך געפּרואווט לער־נען פראַנצייזיש און אַראַביש. אויך האָט מען יעדן טאָג געשפּילט רעקאָרדס אין ענגליש און פראַנצייזיש.

איצט, ווען איך טראַכט וועגן יענער ערשטער רייזע אונדזערער איבערן אַטלאַנטישן אָקעאַן, אַ רייזע וואָס האָט אונדז געפירט אין נייע לענדער — קען איך נאָך פילן דעם ציטער און די אומרואיקייט, וואָס האָט אונדז באַהערשט אויף דער שיף. וואָס נעענטער מיר זיינען צוגעקומען צום אַפריקאַנישן ברעג, אַלץ מער האָבן מיר זיך גע־פרייט וואָס ענדלעך וועלן מיר באַטרעטן ערד און לאָזן הינטער זיך דאָס וואַסער.

אין דער פרי, דעם 10טן מאַי, 1943, האָבן מיר דערזען דעם וואַסערברעג פון דער שטאָט קאַסאַבלאַנקאַ. די זון האָט געשיינט אויף ווייסן זאַמד. פּאַלמען־ביימער און נידעריקע געביידעס. עס האָט געדויערט אַ פּאָר שעה ביז מיר זיינען אַריינגעשוואומען אין האַפן, ווייל דעמאָלט איז ער נאָך געווען „פאַרשלאָסן" מיט וואַסער־מינעס און מען האָט זיך אויסגעהיט פון פיינדלעכע שיפן.

ווען מיר האָבן שפּעטער, מיט אַ געפילדער, באַטראָטן קאַסאַ־בלאַנקער ערד, האָבן מיר דערזען אַראַבער, אמתע אַראַבער מיט בערד, באָרוועסע און אָנגעטאָן אין לאַנגע כאַלאַטן פון אַלערליי קאָלירן. אויך האָבן מיר באַוואונדערט די שוואַרצע סאָלדאַטן פון דער פראַנצייזישער קאָלאָניאַלער אַרמיי און די פראַנצויזן אַליין.

אונדזער לאַגער, אויפֿן נאָמען פֿון אַ פֿראַנצייזישן גענעראַל וואָס האָט מיט יאָרן פֿריער געקעמפֿט קעגן די אַראַבער, האָט זיך געפֿונען ווייט פֿון שטאָט. אַ טייל זײַנען אַהין געפֿאָרן גלײַך פֿון שיף און די אַנדערע האָבן מאַרשירט צו דער באַן און פֿון דאָרטן געקומען אין לאַגער אַרײַן.

מיר האָבן זיך גלײַך אײַנגעאָרדנט אין אונדזער נײַער היים — פֿריער צו צוויי אין „פּאַפּ"־טענטס (קלײנינקע ביידלעך) און דער־נאָך אין גרויסע געצעלטן זאַלבעאַכט.

מיר האָבן קיין צײַט ניט פֿאַרלוירן. גלײַך האָט מען אונדז גענומען אין האַנט אַרײַן און מיר האָבן יעדן טאָג מאַרשירט, געלאָפֿן, געמאַכט גימנאַסטיק און פּראַקטיצירט מיט די ביקסן.

עס איז געווען שרעקלעך הייס. די צפֿון־אַפֿריקאַנער זון האָט זיך מיט אונדז גוט אָפּגערעכנט. קיין ווינט איז ניט געווען און שאָטנדיקע ביימער האָבן זיך אויפֿן פֿעלד ניט געפֿונען. דאָס וואַ־סער, וואָס מיר האָבן געטרונקען, האָט געשמעקט מיט מעדיצין, ווײַל אין דעם וואַסער פֿלעגן אונדזערע דאָקטוירים אַרײַנטאָן אַזעל־כע פּילן, וואָס האָבן עס גערייניקט און אונדז פֿאַרהיט פֿון באַצילן.

אין אַ וואָך אַרום האָט מען אונדז דערלויבט צו גיין אין שטאָט אָפּכאַפּן דעם אָטעם. מיר האָבן זיך אַ לאָז געטאָן קיין קאַסאַבלאַנקאַ, די גרעסטע שטאָט פֿון מאַראָקאָ.

קאַסאַבלאַנקאַ, צפֿון־אַפֿריקע, מאַי, 1943.

צוויי סאָלדאַטן

דער בלינדער

אין אַן אַרמיי־שפּיטאָל אין קאַסאַבלאַנקאַ ליגט מיינער אַ פריינד. איך גיי אים געוואָר ווערן. ער דערפרייט זיך מיט מיר. איך זעץ זיך אויף זיין בעטל און מיר שמועסן. ער פרעגט זיך נאָך אויף די אַנדערע חברים אין אונדזער קאָמפּאַניע, און איך גיב אים איבער גרוסן פון יעדערן.

ווען איך האָב אים אַלץ אויסדערציילט, ווייזט ער מיר אָן אויף אַ קראַנקן.

— זעסט יענעם סאָלדאַט? — קום וועסטו זיך באַקענען מיט אים.

מיר גייען צו צו יענעמס בעטל.

— דזשים, זאָגט מיין פריינד, — ווער באַקאַנט מיט מיין „באַדי".

איך שטרעק אויס אַ האַנט צו דזשימען. דזשים שטרעקט אויך אויס אַ האַנט און זוכט מיינע. איך דערזע, אַז ער איז בלינד אויףביידע אויגן. איך נעם זיין האַנט אין מיינער און מיר באַקענען זיך.

דזשים איז נאָך יונג, מער ניט ווי 17־18 יאָר. דער מאַמעס מילך ליגט אים נאָך אויף די ליפּן. און ער איז שוין בלינד.

מיר שטייען אַ ווײַלע לעבן אים און שמועסן וועגן וועטער, וועגן עסן וואָס מען גיט זיי אין שפּיטאָל און וועגן די קראַנקן־שוועסטערס. שפּעטער אַ ווײַלע זעגן איך זיך מיט אים און ווינטש אים גליק.

זיצנדיק אויף מיין פריינדס בעטל, דערוויס איך זיך פון דזשימס טראַגעדיע. אַ פּשוטע פּאַסירונג, וואָס איז אַ טייל פון מלחמה און שלאַכטפעלד.

דזשימס אינפֿאַנטעריע רעגימענט האָט זיך געשלאָגן מיט די דייטשן אַרום טוניס, אין צפֿון־אַפֿריקע. אין דרייען האָבן זיי אַרומגערינגלט אַ מאַשינביקס און געהאַלטן זייער פּאָזיציע. דריי אַמעריקאַנער יונגען אויף אַ פֿעלד, אונטער אַ ברענענדיקער אַפֿרי־קאַנער זון, דאַרשטיקע און הונגעריקע.

איז אָנגעקומען אַ דייטשישער עראָפּלאַן, געפֿלויגן זייער נידעריק איבער די דריי און מיט די קוילן פֿון עראָפּלאַן האָבן זיי דערשאָסן צוויי, איינעם געטראָפֿן אין שטערן און דעם אַנדערן אין בויך. איז דזשים פֿאַרבליבן איינער אַליין ביי דער מאַשינביקס. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער געוואַכט. לעבן אים זיינען געלעגן די צוויי־טויטע חברים.

אין דער פֿרי איז דער עראָפּלאַן צוריקגעקומען, געפֿלויגן נידעריק איבער דזשימען און געטראָפֿן אים אין פּנים,ביידע אויגן פֿאַרמאַכט אויף אייביק... דזשים האָט זיך אָבער מיט זיי אָפּגע־רעכנט. איידער ער האָט פֿאַרלאָרן די ראיה, האָט ער מיט דער מאַשינביקס אַרונטערגעשאָסן דעם דייטשישן עראָפּלאַן.

די רעגירונג האָט אים געגעבן אַ מעדאַל און זיין נאָמען האָט מען דערמאָנט אין די צייטונגען.

מיין פֿריינד דערציילט וויטער:

די דאָקטוירים זאָגן דזשימען, אַז ער האָט אַ גרויסן שאַנס געזונט צו ווערן. זיי שיקן אים אין אַ גרויסן שפּיטאָל אין דער היים, אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, און דאָרטן וועט מען אים אָפּערירן.

איך גיי מיט מיין פֿריינד צום אַרויסגאַנג. מיר זעגענען זיך און איך זאָג אים צו צו קומען נאָך אַ מאָל באַזוכן אים אין אַ וואָך אַרום.

איך טראַכט וועגן דזשימען. (ער איז דער ערשטער בלינדער סאָלדאַט, וואָס איך זע. שפּעטער קומט מיר אויס צו טרעפֿן אַ סך אַזעלכע). ווי פֿילט ער? וואָס טראַכט ער אין די לאַנגע פֿינצטערע טעג? קען טאַקע זיין, אַז ער זאָל צוריק זעעוודיק ווערן? אָדער זאָגן עס אים נאָר אַזוי די דאָקטוירים, כדי ער זאָל האָבן אין וואָס צו גלייבן, אָן וואָס אָנצוכאַפּן זיך?

ווער ווייס?

צוריק אַהיים

צוריק אַהיים... צוריק אַהיים...

וועלכער סאָלדאַט חלומט ניט וועגן דעם? וועלכער סאָלדאַט שטעלט זיך ניט פאַר דעם טאָג, ווען ער וועט דערזען נאָך אַ מאָל די „סטאַטוע פון פרייהייט״?

ניט אַלע סאָלדאַטן וועלן דאַרפן וואַרטן ביז נאָך דער מלחמה צוריקצוקערן זיך אַהיים. אַנדערע וועט עס אַפּגליקן און זיי וועלן זיין אין דער היים פאַר אונדז.

די פאַרוואונדעטע שיקט מען צוריק. מיר זיינען זיי באמת מקנא... אויס מונדירן, אויס ביקס, אויס אַרמיי. צוריק צו טאַטע־מאַמע, צו דער ווייב, צו די אייגענע. אויף אַמעריקאַנער ערד וועלן זיי אויסלעבן זייערע יאָרן. מיר זיינען זיי מקנא...

אין דער קאַטעגאָריע פון די צוריקגעשיקטע ווערן אויך אַריינ־גערעכנט די קראַנקע, אַזעלכע וואָס האָבן זיך אין פרעמדע לענ־דער אַנגעשטעקט מיט קראַנקייטן, ווי מאַלאַריע און אַנדערע, און אַזעלכע וואָס די דאָקטוירים האָבן פאַרזען ווען מען האָט זיי אַריינגענומען אין דער אַרמיי.

מ. ב., אַ יידישער סאָלדאַט פון ניו־דזשוירזי. איך האָב זיך מיט אים באַקענט אין מיין פּאַראַשוטיסטן רעגימענט אין מאַראָקאָ.

צו ערשט איז אים „געגאַנגען גוט״ אין צפון־אַפריקע. שפּע־טער איז ער קראַנק געוואָרן און מ׳האָט אים צוגענומען אין שפּיטאָל. ער האָט געליטן אויף די אויערן און אויפן נאָז. אים איז שווער געווען צו אָטעמען און ער האָט ניט גוט געהערט. האָבן די דאָקטוירים באַשלאָסן צוריקצושיקן אים אַהיים.

איך האָב זיך געזען מיט אים איידער ער איז אַפּגעפאָרן. ער האָט מיר געוויזן די מתנות, וואָס ער האָט אַנגעקויפט פאַר זיינע עלטערן, פאַר זיין מיידל און פריינד. די אויגן האָבן ביי

אים געפינקלט, די שטימונג זיינע איז געווען אַ געהויבענע און ער האָט ניט געקענט איינזיצן אויף איין אָרט.

— איך בין אויפן זיבעטן הימל — האָט מיר מ. ב. געזאָגט, — דאָס איז די בעסטע מתנה וואָס אַ סאָלדאַט קען באַקומען. צוריק אַהיים, ברודער; נעמען זיך צו דעם, וואָס איך האָב דאָרטן איבערגעלאָזט, שלאָפן אין אַ ווייכער און ריינער בעט, עסן דער מאַמעס געקעכץ — וואָס נאָך קען איך איצט פאַרלאַנגען? איך און דו און די אַנדערע האָבן זיך גענוג אַנגעגעסן מיטן שטויב פון מאַראָקאָ, גענוג געבראָטן זיך אונטער דער אַפריקאַנער זון און געפרוירן ביי נאַכט. איך זאָג דיר, הורוויץ, מיר האָט זיך אַלץ מיט אַן אַנדער צוגעגעסן. וואָלט איך געווען אַ געזונטער, וואָלט מיך ניט געאַרט. איך בין אַן אַמעריקאַנער און אַז מיין פאָטערלאַנד האָט מיך גערופן, בין איך געגאַנגען קעמפן. נאָך מער, איך, אַזוי ווי דו, האָבן זיך פרייוויליק אַנגעשלאָסן אַלס פאַראַשוטיסטן. קיינער קען ניט זאָגן, אַז איך האָב גאָרנישט בייגעשטייערט אין דער איצטיקער מלחמה. איך קום קיינעם גאָרנישט. וויפל איך האָב געקענט, האָב איך געטאָן.

איך האָב אים שטאַרק מקנא געווען. קיין האַרץ אויף אים האָב איך ניט געטראָגן. איך האָף, אַז ער איז איצט גליקלעך און צופרידן.

קאַסאַבלאַנקאַ, צפון־אַפריקע, 1943.

איך באַגעגן אַראַבער

צפון־אַפריקע איז זייער אַן אינטערעסאַנטע מדינה, און פאַר־כאַפּט מיט איר אַנדערשקייט.

האָב איך נאָר געהאַט אַ שטיקל פרייע צייט, בין איך מיט נאָך אַ חבר אַוועק אויף אַ שפּאַציר איבער דער שיינער שטאָט קאַ־סאַבלאַנקאַ.

וואו מיר זיינען געגאַנגען, האָבן מיר באַגעגנט בלויז אַראַ־בער. די אַראַבער, כידוע, געהערן צו דער זעלבער ראַסע, וואָס יידן, — דער סעמיטישער. און אין פּרטים זיינען זיי טאַקע ענלעך אויף אונדז, יידן.

ביז איצט האָב איך געזען אַראַבער נאָר אין די „מזאוויס“, און איך געדענק, אַז ווען איך האָב געהערט ווי די אַראַבער דאַוו־נען, האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז דאָס דאַוונען יידן.

איצט, דאָ אין צפון־אַפריקע, זע איך אמתע אַראַבער און איך הער זיי ריידן די אַראַבישע שפּראַך, און — אין מיינע אויערן קלינגען די אַראַבישע ווערטער פּונקט ווי העברעאישע ווערטער. אָפט דוכט זיך, אַז דאָס ריידן זיי ניט אַראַביש, נאָר אונדזער לשון־קודש. אַ טאָג — אין העברעאיש יום — איז ביי די אַראַבער אויך „יאָם“ אָדער „יום“: אַ נאַכט — אין העברעאיש, לילה — איז ביי זיי אויך „לאיל“ אָדער „לייל“; אַן אויג — עין אָדער אַ קאָפּ — ראש — איז ביי זיי אויך „איין“ און „ראס“. און אַזוי אַ סך אַנ־דערע ווערטער. און דאָס איז זייער אינטערעסאַנט פאַר מיר, אַלס ייד.

אַחוץ אַראַביש הערט מען דאָ ריידן אויך איטאַליעניש, פראַנצייזיש, שפּאַניש. אָבער קיין שום שפּראַך קלינגט מיר ניט אַזוי היימיש, ווי אַראַביש.

מיר שפּאַצירן איבער די גאַסן פון שטאָט און ווייסן ניט אויף וואָס פריער צו קוקן. אַלץ פאַרכאַפּט אונדז מיט דער אַפרי־

קאַנער אייגנאַרטיקייט — די הייזער, די מערק, די קראָמען און די איינוואוינערס.

אַט איז אין מיטן מאַרק אַ ראָד מיט מענטשן. אַ גרויסער עולם האָט זיך צונויפגעקליבן און מען קוקט. אין מיטן ראָד שטייט אַ „גאַסן־צירק”. דער צירק באַשטייט פון איין אַראַבער און איין „באַבון”, אַ מאַלפּע אַזאַ. דער אַראַבער קאָמאַנדעוועט און דער „באַבון” ווייזט זיינע קונצן פאַרן עולם. ער שטעלט זיך אויף, ציט זיך אויס אין דער לענג און ווייזט ווי אַ סאָלדאַט באַגריסט זיין אָפיציר; אָדער ער פאַרדעקט זיין פּנים מיטביידע הענט. און נאָך אַזוינע קונצן ווייזט די מאַלפּע. און דער עולם אַמוזירט זיך. ווען די פאַרשטעלונג ענדיקט זיך, טוט דער אַראַבער עפּעס אַ זאָג, און די מאַלפּע שטרעקט אויס אַ האַנט און גייט אַרום בעטן געלט. זי טוט אַ כאַפּ אַ מטבע און טראָגט זי באַלד אָפּ צום באַלעבאָס.

איך האָב געוואָלט מאַכן אַ ביסל שפּאַס, און גיב דער מאַלפּע אַן אַמעריקאַנער פּאַפּיראָס. דער באַבון כאַפּט דעם פּאַפּיראָס אין מויל. דער באַלעבאָס וויל דאָס פאַר זיך אָבער די מאַלפּע גיט ניט. ווערט דער באַלעבאָס אין כעס אויף דער חוצפּה פון זיין באַבון, און בייזערט זיך אָן אויף אים. וואַרפט זיך די מאַלפּע צו זיינע פיס, טוליעט זיך און בעט אים איבער.

און אָט איז אַן אַנדער מענטשן־ראָד אין מאַרק. אין מיטן ראָד זיצט אַן אַראַבער מיט אַ גיטאַרע, שפּילט און זינגט צו דערביי פאַרטראַכט, אומעטיק, מיט צעצויגענע ווערטער. לעבן דעם אַלטן אַראַבער זיצן דריי יונגע אַראַבערלעך מיט מאָדנע אָריענטאַלישע אינסטרומענטן און זיי האַלטן אַ „טאָן”, ווי משוררים.

דאָס איז אַ מין אַראַבישער פאָלקס־דערציילער. ער דערציילט פאַרן עולם געגראַמטע מעשיות וועגן פּרינצן און באַנדיטן מיט זייערע אַוואַנטיורעס. אַלע שטייען און הערן זיך צו צו יעדן וואָרט פון דערציילער מיט גרויס אינטערעס. מיר, די אַמעריקאַנער, פאַרשטייען ניט וואָס דער פאָלקס־דערציילער רעדט, אָבער זיין קול און דער אומעטיקער זיסער ניגון זיינער אינטריגירט אונדז. עס דערמאָנט זיך מיר דער ניגון, מיט וועלכן פרומע יידן לערנען גמרא.

דער אַראַבישער דערציילער ענדיקט זיין פאַרשטעלונג. דער עולם וואַרפט אים מטבעות. מיר וואַרפן אים אַריין אַ פּאָר אַמע־

ריקאַנער סענטן. ער קושט די מטבעות און באַדאַנקט אונדז, בייגנדיק זיך צו דער ערד.

מיר שפּאַצירן ווייטער. אין די גאַסן לויפן, שמייען אַראַבישע יינגלעך. איניקע פּאַרקויפן צייטונגען און שרייען אויס אין ענגליש: „פּייפּערס!" „פּייפּערס!" אַנדערע פּוצן שיך און שרייען: „שיין! שיין, מיסטער!..." זיי דערזען אונדז, אַמעריקאַנער, און שלעפּן אונדז פאַר די אַרבל, לאָזן ניט אָפּ. מיר טרייבן זיי אַוועק, אָבער זיי לויפן נאָך אונדזערע פּוסטריט.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ גאַסן־פאָטאָגראַפער צו נעמען בילדלעך. ווי מיר שטייען אַזוי און וואַרטן ביז די בילדלעך וועלן פאַרטיק ווערן, דערפילן מיר ווי צוויי אַראַבערלעך פּוצן אונדזערע שיך. זיי האָבן אַפילו ביי אונדז ניט געפרעגט, נאָר גלייך זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זייערע קני און „גיבן אונדז אַ שיין". אַצינד האָבן מיר שוין ניט געפּרוווט אַפילו זיי אָפּטרייבן ווייל מיר זעען, אַז זיי האָבן זיך צוגעטשעפּעט צו אונדז ווי פּיאַווקעס. לאָזן מיר זיי ענדיקן די אַרבעט און מיר גיבן זיי אַ פיינעם „טיפּ".

מיר טוען אַ קוק, און מיר זיינען שוין אַרומגערינגלט פון קליינע און גרויסע אַראַבער. די קליינע בעטן „קענדי" און „פּעניס", און די גרויסע בעטן „סיגאַרעטס" און „מעטשעס". מיר צעטיילן זיי די קליין־געלט און פּאַפּיראָסן, וואָס מיר האָבן ביי זיך און — די אַראַבער זיינען מלא שמחה.

קאַסאַבלאַנקאַ, צפון־אַפריקע, יולי, 1943.

איך געפין אַ חדר

איך ווייס ניט פאַר וואָס, נאָר אַוועקגייענדיק פון די אַראַבער, האָט זיך מיר שטאַרק פאַרבענקט נאָך יידן. איך נעם פרעגן ביי פאַר־בייגייערס וואו עס וואוינען די „יאַהודי״. אַלע ווייזן מיר מיט די הענט אין איין דירעקציע, ווייט, ווייט, אַהין.

מיר שפּאַצירן דורך לאַנגע ברוקירטע גאַסן, באַזעצט מיט פּאַלמען־ביימער אין בײדע זייטן. די געבײדעס זיינען אין אַ שיינעם אַראַבישן סטיל. עס וואַרפן זיך אין די אויגן אויך גרויסע קראָמען מיט אָריענטאַלישן פּוץ און גלאַנץ.

שפּאַצירנדיק אַזוי איבער אַ שעה, האָבן מיר פאַרבלאָנדזשעט אין ענגע און שמאָלע געסלעך, ניט ברוקירטע, אַפילו אָן טראָטואַרן. הײזלעך אײנגעהױקערטע, אָפּגעלאָזענע, אָרעמע. קיין זכר פון קיין ביימל ניטאָ. עס האָט אויף מיר אַ ווי געטאָן מיט „געטאָ״, מיט „גלות״, מיט דערשלאָגנקייט. איך האָב אַ טראַכט געטאָן אַז דאָס מוז זיין אַ יידישע געגנט.

און ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט. מיר דערזעען פון ווייטן אַ שול מיט אַ גרויסן „מגן דוד״ אין דער הייך, און מיר האָבן זיך שטאַרק דערפרייט. אָט זיינען מיר דאָך צווישן יידן! ווי שטאַרק עס האָט זיך מיר געבענקט נאָך זיי! געוואָלט באַגעגענען די היגע אַפריקאַנער ברידער — און אָט האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף זיי.

מיט קלאַפּנדיקע הערצער זיינען מיר צוגעקומען צו דער שול. די טיר איז געווען פאַרשלאָסן. איך הער אָבער שטימען פון אינע־ווייניק און איך קלאַפּ אָן. אין־אַ פּאָר מינוט אַרום עפנט זיך די טיר און אַ ייִנגעלע מיט אָריענטאַלישן חן קומט אונדז אַנטקעגן און פירט אונדז אַריין אינעווייניק, אין אַ גרויסן צימער.

איך זע: אַרום די ווענט נידעריקע בענקלעך. אויף די בענק־לעך זיצן אַ פּאָר צענדלינג ייִנגלעך פון פאַרשיידענעם עלטער. אויבן־אָן אויף אַ בענקל זיצט אַ יונגערמאַן. דאָס איז אַ רבי מיט זיינע תלמידים. אַן אמת יידישער חדר. איך כאַפּ אַ קוק אין די ספרים, זיי לערנען חומש. דער יונגער רבי האָט אונדז באַגריסט מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ, זיך ניט געשטערט און ווייטער געלערנט.

איך אַנטשולדיק זיך, טו אַ פרעג אויב עמעצער פון זיי קען

ריידן ענגליש. איין יינגעלע שטעלט זיך אויף און זאָגט, אַז ער קען אַ ביסל ענגליש. איך זאָג אים, אַז מיר, איך און מיין חבר, זיי־נען אויך „יאַהודים", „עברים", פון אַמעריקע, סאָלדאַטן, פּאַראַ־שוטיסטן. דאָס יינגעלע זעצט איבער מיינע ווערטער אין אַראַביש. דער רבי מיט אַלע תלמידים שטעלן זיך אויף און באַגריסן אונדז זייער באַגייסטערט. איך ווייז אַלעמען מיין „מגן דוד", וואָס איך טראָג מיט זיך. דער רבי לויפט דאָן צו און גיט אונדז אָפּ „שלום עליכם" מיט אַ ברייטן שמייכל, און די קינדער קלייבן זיך אַרום אונדז מיט אַ „שאַלאָם". פון שולהויף לויפן אַריין אויך אַ פּאָר מיידלעך, בלייבן שטיין פון ווייטן און קוקן נייגעריק.

דער יונגער רבי וויל זיך נאָך אַלץ איבערצייגן צו מיר זיינען טאַקע יידן, דערלאַנגט ער מיר אַ חומש און מאַכט צו מיר אין העברעאיש:

— קערא! קערא! (לייען, לייען), ווען איך לייען איבער אַ פּאָר שורות אין חומש, דריקט ער מיר די האַנט און פרייט זיך מיט אונדז ווי מיט ברידער. אויך איך פריי זיך מיט אים.

דער רבי האָט אונדז גענומען דערציילן מיט דער הילף פון אונדזער איבערזעצער, דעם יינגל, אַז דאָס איז די קהלשע תלמוד־תורה. עס לערנען דאָ בערך אַ 250 קינדער יתומים, וואָס ווערן אויסגעהאַלטן מיט אַמעריקאַנער געלט. די יתומים קריגן אויך עסן און קליידונג. „ברוכים אַחינו, יהודי מאַמעריקאָ!" — געבענטשט זאָלן זיין אונדזערע אַמעריקאַנער יידישע ברידער!

דער רבי פירט אונדז אַריין אין אַ גרעסערן צימער, וואו עס שטייט דער ארון קודש. ער עפנט פאַר אונדז דעם פרוכת, און מיר זעען שטיין פינף גרויסע ספרי־תורות אין שיין באַפּוצטע מענ־טעלעך און מיט אַ זילבערנעם „יד". איך שטיי אַ ווילע אַנטקעגן אָפענעם ארון קודש, קוק און טראַכט בשעת־מעשה, אַז אָט די־אָ „רייניקייטן" פאַרבינדן אונדז יידן פון דער גאַנצער וועלט.

פון דאָרטן פירט אונדז דער רבי אַריין אין אַ זייטיק צימער. מיר שמועסן זיך דורך, דערציילן, פרעגן, ענטפערן.

מיר זיינען אַריין צוריק אין חדר און געפּרואווט זיך דורכרעדן אויך מיט די קינדער. אַחוץ אַראַביש, ריידן די קינדער אויך הע־ברעיש. אָבער מיר האָט עס ווייניק געהאָלפן. פון דעם ביסל העברעיש וואָס איך האָב אַמאָל געקענט איז מיר פאַרבליבן זייער

ווייניק אין זכרון. ניט גענוג אויף צוניפריידן זיך מיט די יידישע קינדער. האָבן מיר זיך פאַרשטאַנען אויפן וואונק און — געווען צופרידן.

עס זיינען אָריינגעקומען עטלעכע יידן פון גאַס און מיר האָבן זיך געגעבן אַ ברייטן און הארציקן שלום עליכם, ווי אַלטע באַקאַנטע.

מיר האָבן געוואָלט דעם רבין מיט עפּעס מהנה זיין, האָבן מיר אים געגעבן אַ פּעקל אַמעריקאַנער פּאַפּיראָסן מיט שוועבעלעך, וואָס איז דאָרטן אַ יקר־המציאות. ער האָט לכתחילה ניט געוואָלט נעמען. אָבער איך האָב אים געבעטן האָט ער צוגענומען די מתנה און שטאַרק באַדאַנקט. מיר האָבן אויך צעטיילט די תלמידים אַמעריקאַנער זילבערנע מטבעות. איז צוגעלאָפן צו מיר פון אַ ווינקל אַ קליין חנוודיק מיידעלע אין אַ לאַנג ראָזעווע קליידעלע און אויסשטערקנדיק איר הענטעלע געזאָגט „שאַלאָם". איך האָב זי אַ גלעט געטאָן איבערן קעפּל, געגעבן איר אַ מטבעה, האָט זי זיך פאַרשעמט.

ווען מיר האָבן שוין געהאַלטן ביים אַוועקגיין, איז אַריינגעלאָפן אַ פאַרסאָפּעטער אַ פּאַטריאַרכאַלישער ייד, דער שמש פון שול, מיט אַ „מגן דוד" אין לאַץ און מיט אַ שטעקן אין דער האַנט, און האָט אונדז אָפּגעגעבן אַ הייסן שלום עליכם. דער שמש האָט אַ פרעג געטאָן „מה שמיכם". מיר האָבן אים געזאָגט אונדזערע יידישע נעמען, און ער האָט יעדן פון אונדז געבענטשט מיט אַ „יברכך".

מיר האָבן זיך געזעגנט מיט אַלע, מיט גרויס און קליין, ווי מיט אַן אייגענער משפּחה. דער רבי, די יידן, דער שמש און אַלע קינדער האָבן אונדז נאָכגעשריען אויף אַ קול: „שאַלאָם! שאַלאָם! שאַלאָם!" ביז מיר זיינען אַרויס פון שולהויף.

די דאָזיקע באַגעגעניש האָט אויף מיר געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק, אַז איך האָב יענער נאַכט נישט געקאָנט איינשלאָפן, און נאָר געהאַלטן אין איין טראַכטן:

אין דער ווייטער אַפריקע, טויזנטער מיילן אַוועק פון מיין ניו־יאָרק, געפינען זיך יידן, וואָס לערנען תורה אויף אַמעריקאַנער הוצאות! ווייט — ווייטע ברידער און דאָך — אַזוי נאָענט.

קאַסאַבלאַנקאַ, צפון־אַפריקע, יולי, 1943.

די שטאָט קאָנסטאַנטין

פינף לאַנגע טעג האָבן מיר זיך געשלעפּט מיט דער באַן פון דער פראַנצייזישער מאַראָקאָ קיין אַלזשיר. ענדלעך זיינען מיר אָנ־געקומען קיין קאָנסטאַנטין.

איך האָב זיך גלייך פאַרליבט אין דער שטאָט. הויך אויף אַ פעלדז איז די שטאָט געבויט געוואָרן דורך דעם רוימישן אימפּע־ראַטאָר וואַלעריאַ קאָנסטאַנטינאַ. ער האָט זיכער געהאַט אַ גוט אויג פאַר שיינקייט. די פראַנצויזן האָבן די שטאָט פיל פאַרשענערט און פאַרבעסערט אויפן אייראָפּעאישן שטייגער.

מיר, פיר פאַראַשוטיסטן, האָבן געפונען דעם רויטן קרייץ אויפן סקווער. אַ שיינע געביידע. אויסגעמאָטערט פון וועג זיינען מיר געווען, ניט געגאָלטע, ניט געוואַשענע, די מונדירן צעקנייטשטע. אַזוי זיינען מיר אַריין אינעווייניק, צוגעגאַנגען צום טיש און געווענדט זיך צו דער מיידל, וואָס איז דאָרטן געזעסן.

אַ וואָרט אַהער, אַ וואָרט אַהין, ווייזט זיך אַרויס, אַז די מיידל איז אַ יידישע טאָכטער פון שיקאַגאָ, מיט אַן עכט־יידישן נאָמען, אסתר פרידמאַן. האָבן מיר זיך שוין ניט געקענט אָפּרייסן פון איר. די ערשטע אַמעריקאַנער מיידל, וואָס מיר האָבן אָנגעט־טראָפן אין אַ לאַנגער צייט. ווי קומט זי אַהער אין צפון־אַפריקע? אַן אַלטע מעשה. ווי אַ סך אַנדערע מיידלעך, האָט זי זיך אָנגעשלאָסן אין רויטן קרייץ צו העלפן די סאָלדאַטן אין דער אַרמיי. די ערשטע זאַך, וואָס אַ סאָלדאַט זוכט אין אַ שטאָט, איז — דער רויטער קרייץ. דאָרטן פילט ער זיך ווי ביי זיך אין דער היים.

האָט אונדז די מיידל געזאָגט, וואו מיר זאָלן גיין אַרומוואַשן זיך און כאַפּן אַ שפּריץ און אויך וואו מען קען קריגן עסן. זי איז אַריינגעלאָפן אין אַ דערבייאיק צימער און אונדז אַרויסגעבראַכט צוויי גרויסע האַנטעכער מיט זייף. אויף דעם האָבן מיר זיך גאָר ניט געריכט. זיינען מיר געוויס געווען דאַנקבאַר אָט דער אסתר

פרידמאַן, און ווי מיין חבר האָט זיך אויסגעדריקט: „גאָד בלעס די אַמעריקען ווימען. אַי לאַוו דעם אָל“ („גאָט זאָל בענטשן די אַמעריקאַנער פרויען. איך האָב זיי אַלע ליב“).

זיינען מיר אַוועק, וואוהין זי האָט אונדז געשיקט. מיר האָבן אין אַ שמאָלער גאַס געפונען אַ באָד מיט הייסע וואַסער און מיר האָבן זיך אַרומגעוואַשן אַ פאַר מאָל, אָנגעזייפט זיך גוט און ווייטער גע־וואַשן פון זיך דעם שטויב און רויך פון באַן.

דער יונגערמאַן, וואָס האָט אונדז באַדינט, איז געווען גאָר גוט צו אונדז. דאָס ערשטע מאָל וואָס ער האָט געזען אַמעריקאַנער פּאַראַשוטיסטן. ער האָט גערעדט אַ ביסל ענגליש. איך האָב אים געפרעגט, צי ער איז אַ פראַנצויז, האָט ער געענטפערט, אַז ניין, ער איז אַ ייד, אַן אַלזשירער ייד.

מיך האָט עס שטאַרק פאַראינטערעסירט: אַן אַלזשירער ייד! איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין אַן אַמעריקאַנער ייד. ער האָט ניט געוואָלט גלייבן. האָב איך אים געוויזן מיין מגן־דוד. מיר האָבן זיך פונאַנדערגערעדט. ער האָט גערעדט אַראַביש, פראַנצייזיש און ענגליש. העברעאיש האָט ער ניט געקענט. איך האָב אים באַוויזן, ווי מען שרייבט יידיש און העברעאיש פון רעכטס צו לינקס. איך האָב אָנגעשריבן זיין נאָמען אויף יידיש און ער האָט אָנגעשריבן מיין נאָמען אויף אַראַביש.

מיר האָבן אים געגעבן אַ „טיפּ“. צו ערשט האָט ער ניט גע־וואָלט נעמען, אָבער ווען מיר זיינען צוגעשטאַנען האָט ער דאָס געלט צוגענומען.

הונגעריק זיינען מיר איצט געווען. האָבן מיר געפונען דעם רע־סטאָראַן, וואָס דער רויטער קרייץ האָט אויסגעהאַלטן, און דאָרט האָבן מיר געגעסן.

נאָכן עסן איז שוין געוואָרן פינצטער. מיר האָבן זיך אַרויס־געלאָזט שפּאַצירן. די גאַסן זיינען געווען געפּאַקט. אַראַבער אָנ־געטאָן אין זייערע נאַציאָנאַלע קליידער, פראַנצויזן, ענגלענדער און, פאַרשטייט זיך, סאָלדאַטן. איך האָב נאָך אַזוי פיל פאַרשיידענע מונדירן קיין מאָל ניט געזען. סאָלדאַטן, פראַנצייזישע פון גענע־ראַל דע־גאָלס רייען; אַלערליי בריטישע סאָלדאַטן; לופטפליערס; אָפיצירן; שוואַרצע סענעגאַליער סאָלדאַטן מיט צייכנס אויף די באַקן, און מיר, אַמעריקאַנער.

האָבן מיר שפּאַצירט פון איין גאַס אין דער אַנדערער, דורך די סקווערן, פּאַרקן און אין אַראַבישן קוואַרטאַל.

צוריקקומענדיק, האָבן מיר זיך פאַרנומען אויף אַ גאַס, וואָס איז געגאַנגען באַרג־אַרויף. ניט ווייט איז געשטאַנען אַ גרויסע שול. קענטיק, אַז דאָס איז געווען דער יידישער קוואַרטאַל.

פון אַ זייטיק געסל זיינען אַרויס צוויי יינגלעך און אונדז גוט באַטראַכט. זיינען מיר שוין געווען צוגעוואוינט צו אַזעלכע זאַכן. פּאַראַשוטיסטן ציען די אויפמערקזאַמקייט, וואו נאָר זיי גייען. אפשר איז עס דערפאַר, וואָס מיר גייען אַנדערש אָנגעטאָן: שפּרינג־מונדירן מיט גרויסע קעשענעס און אַ זיפּער און שטיוול.

די יינגלעך זיינען אונדז נאָכגעגאַנגען. זיי זיינען צוגעקומען גאָר נאָענט און גערעדט פראַנצייזיש. ענדלעך האָט זיך איינער פון די צוויי געווענדט צו אונדז אין ענגליש:

— איר זייט דייטשן, יאָ?

האָבן מיר זיך צעלאַכט הויך אויפן קול.

— מיר זיינען אַמעריקאַנער פּאַראַשוטיסטן, — האָב איך דעם יינגל געענטפערט.

— איר זייט דייטשן, ניט אַמעריקאַנער, — האָט ער ווידער־האָלט אוןביידע האָבן זיך ניט געוואָלט אָפּטשעפּען פון אונדז. זיי זיינען נאָכגעגאַנגען און געהאַלטן אין איין איבערחזרן, אַז מיר זיינען דייטשן, ניט אַמעריקאַנער.

איך האָב די יינגלעך געפרעגט צי זיי זיינען פראַנצויזן.

— איזראַעליטן, — האָבן זיי געענטפערט.

האָב איך שוין פאַרשטאַנען זייער שרעק. איבער גאַנץ צפון־אַפריקע האָט פריער געהערשט די ווישי־רעגירונג. זי האָט איינ־געפירט אַנטיסעמיטישע געזעצן. די יידן אין צפון־אַפריקע האָבן שטאַרק געליטן. ווען דע־גאָול האָט איבערגענומען די רעגירונג אין צפון־אַפריקע, האָט מען די אַנטיסעמיטישע ווישי־געזעצן אָפּגעשאַפט.

פאַר וואָס די יינגלעך האָבן אונדז אָנגענומען פאַר דייטשן, ווייס איך ניט. אפשר דערפאַר, וואָס די מונדירן פון די אַמעריקאַנער פּאַראַשוטיסטן זיינען ענלעך אויף די מונדירן פון די דייטשישע פּאַ־ראַשוטיסטן.

די צוויי יינגלעך האָבן אונדז לאַנג נאָכגעקוקט. איך בין אָבער

אויף זיי ניט געווען אין כעס. זיי האָבן געהאָסט די נאַציס און מורא געהאַט פאַר זיי. ווי קען דען זיין אַנדערש?

מיר זיינען אַריינגעגאַנגען אין אַ שענק און געטרונקען ביר. דער פּלאַץ איז געווען געפּאַקט מיט סאָלדאַטן. אַ פּאָטער מיט אַ יינגל האָבן געשפּילט מוזיק אין אַ ווינקל. דער איטאַליענישער פריינד מיינער האָט געהאַט אַ שיינע שטים און מיר זיינען צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל זינגען. אַהער, אַהין און ער האָט געזונגען אין ענגליש און איטאַליעניש.

דער עולם האָט אים שטאַרק אַפּלאָדירט און געפאָדערט נאָך און נאָך. און ער האָט געזונגען. קיין געטראַנקען האָבן מיר שוין ניט געדאַרפט קויפן. מען האָט אונדז מכבד געווען פון אַלע זייטן.

גאַנץ שפּעט זיינען מיר געגאַנגען שלאָפן. אויף מאָרגן זיינען מיר אַוועק אין רויטן קרייץ, געשמועסט מיט דער יידישער מיידל פון שיקאַגאָ, שפּאַצירט אַ ביסל און געגאַנגען עסן.

נאָכן עסן האָבן מיר באַזוכט די קראָמען און געקויפט קליי־ניקייטן און סואווענירס. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַן אייז־קרים־פּאַרלאָר, זיך צוגעזעצט און געגעסן אייז־קרים. צוויי יינגלעך זיינען צוגעקומען, און מיר האָבן געשפּאַסט מיט זיי.ביידע זיינען געווען יידישע, מיט שוואַרצע אויגן און שוואַרצע האָר און פאַרברענטע פנימער. מיר האָבן זיי מכבד געווען מיט אייז־קרים און קענדי און געגעבן זיי קליינקייטן.

אין אָוונט איז אין רויטן קרייץ פאַרגעקומען אַ פאַרשטעלונג פאַר די סאָלדאַטן. זיינען מיר אַהין אַוועק. אסתר פרידמאַן איז אויך אויפגעטראָטן, און זי האָט געזונגען עטלעכע לידער. איין ליד האָט זי געווידמעט אונדז, פאַראַשוטיסטן, האָבן מיר זיך אַוודאי געגרייסט.

דאָס איז געווען אונדזער לעצטער אָוונט אין קאָנסטאַנטין. צו מאָרגנס זיינען מיר אָפּגעפאָרן צום פראָנט.

קאָנסטאַנטין, צפון־אַפריקע, 1943.

לאַגער אין שטאָט

אונדזער לאַגער

מיר שטייען עטלעכע מייל הינטערן שטאָט. דער לאַגער ליגט אין אַ טאָל. אַרום און אַרום בערג. פֿאַר אונדז — דער ים. קאַלט איז דאָ טאָג און נאַכט. דער ווינט פֿון ים בלאָזט איבערן לאַגער. שיפֿן וויגן זיך אין האַפֿן. דער ים איז שיין. אין אַ רעגנדיקן טאָג ברויזן די כוואַליעס און דער שוים קאָכט און קאָכט.

איידער מיר זיינען אַהער אָנגעקומען, האָבן דאָ געוואוינט אַראַ־בער. זייערע כאַטקעס שטייען נאָך דאָ און די אַראַבער דרייען זיך אַרום דעם לאַגער צו כאַפּן אַ פֿאַרדינסטל. זיי פֿאַרקויפֿן אַליווס און פּאָמעראַנצן און ווילן אונדז געבן 5 פּאָמעראַנצן פֿאַר 20 פֿראַנק (40 סענט).

קיין בעטן האָבן מיר ניט. אויף דער הוילער ערד האָבן מיר צעשפּרייט קאָלדרעס און אַזוי שלאָפֿן מיר. די פֿייכטקייט פֿון דער ערד גייט דורך און ביי נאַכט כאַפּן מיר אַ ציטער. מיר שלאָפֿן אין די זאַכן און דערצו ·נאָך דעקן מיר זיך איין אין די מאַנטלען. אָבער מען פֿריערט סיי־ווי־סיי.

אין אַ רעגנדיקן טאָג איז די בלאָטע איבערן האַלדז. די ערד איז אַ ווייכע און אַ זאַמדיקע און די שווערע שיך זינקען טיף אַריין. מיר שלעפּן די פֿיס פּונקט ווי מיר וואָלטן געווען ניט קיין יונגע, נאָר אַלטע לייט. די בלאָטע ווערט אַריינגעשלעפּט איןביידל און זאַמד פֿאַלט אויף די צודעקן און אין די קליידער.

מיר וואַשן זיך אין קאַלט וואַסער, אָבער ניט פֿון האַנטפּאַס, חלילה, און אַפֿילו ניט אין שיסלען, נאָר אין אונדזערע שטאָלענע היטלען. אין אָט די שטאָלענע היטלען (העלעמס) ראַזירן מיר זיך, רייניקן אונדזערע ציין און נוצן זיי פֿאַר אַנדערע צוועקן. וואָס וואָלטן מיר געטאָן אָן די היטלען?

קיין אַנדערע באַקוועמלעכקייטן האָבן מיר ניט. אָט זיץ איך

איצט אויף אַ קאַסטן לעבןביידל און שרייב. דער ווינט רייסט דאָס פּאַפּיר און איך לייג אַוועק שטיינדלעך ביי די זייטן, אַז עס זאָל ניט אַוועקפליען.

ביים ראַזירן זיך טרעפט אָפּט, אַז דער ווינט וואַרפט אַרונטער דאָס שפּיגעלע, וואָס מען שפּאַרט אָן אָן אַ בוים. כאַפּט מען זיך צום שפּיגעלע, קערט דערווייל דער ווינט איבער דאָס וואַסער אָדער עפּעס אַנדערש. אַזוי גייט עס שוין דאָ.

איין זאַך אָבער: קיין קאַלטע שפּייז דאַרפן מיר ניט עסן. אַלץ ווערט געקאָכט אויף פּעלדאויוונס. ס'איז אַ מחיה אויפצושטיין פאַר טאָג, ווען אין דרויסן איז אַ קעלט און אין ביידל זעט זיך יעדנס אָטעם — און זיך צוכאַפּן צו אַ פרישטיק פון הייסע קאַווע, הייסע אייער און קאַשע.

וואַשן, וואַשן מיר זיך ערשט נאָכן עסן. ערשטנס, איז דאָס וואַסער צו קאַלט, און צווייטנס, וויל יעדער אַריינכאַפּן אין זיך דאָס הייסע ביסל געקעכץ.

אונדזערע סאָלדאַטסקע וועש גיבן מיר אָפּ וואַשן צו די אַראַ־בער, וואָס וואוינען דאָ אַרום. קיין סך רעכענען זיי אונדז ניט פאַר דעם, און זיי וואַשן זייער ציכטיק. די נייע סאָלדאַטן, וואָס קומען ערשט אָן אַהער, וויסן אָבער ניט פון דעם. זיי גיבן וואַשן צו אַ פראַנצייזישער פאַמיליע, וואָס לאָזט זיך זייער גוט באַצאָלן. איך בין אויך אַזוי אַריינגעפאַלן. איך האָב אָפּגעגעבן וואַשן אַ פּעקל זאַכן, אַ פינף שטיק, דער פראַנצייזישער פאַמיליע און עס האָט מיר געקאָסט 165 פראַנק, דאָס הייסט 3 דאָלער מיט 30 סענט אויף אונדזער געלט. איצט ווייס איך שוין בעסער און איך גיב מיינע וועש צו די אַראַבער.

די סאָלדאַטן פאַרדריסט שטאַרק אויף אָט דער פראַנצייזישער פאַמיליע. אונדזערע סאָלדאַטן האָבן זיי אַרויסגעהאָלפן. אונדזערע עלעקטראָ־מעכאַניקערס האָבן אַריינגעצויגן דראָטן אין הויז און איצט האָבן זיי באַלייכטונג. די סאָלדאַטן האָבן פאַרריכט דעם דאַך זייערן, וואָס אַ באָמבע האָט אויפגעריסן ווען מ'האָט זיך דאָ געשלאָגן מיט די נאַציס. נאָך זאַכן האָט מען געטאָן פאַר זיי. אָבער ווען עס קומט צום וואַשן וועש, לאָזט זיך די פאַמיליע זייער גוט באַצאָלן.

איצט קלייבן זיך וואָלקנס אויפן הימל. באַלד וועט אַ גאָס טאָן אַ רעגן. מען דאַרף אַריין אין ביידל און אָנטאָן דעם רעגן־מאַנטל.

די טויטע שטאָט

איך האָב אַ סך געלייענט וועגן די אַמעריקאַנער „גאָוסט־טאַונס" (פּאַרלאָזענע, פּוסטע שטעטלעך אין דער וועסט). אַמאָל, אין די 70קער, 80קער, 90קער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט, האָבן אין די שטעט געוואוינט גאָלדזוכערס, מינען־אַרבעטער און אַנדערע. איצט זיינען די שטעט פּוסט און מייז באַוואוינען די געביידעס.

אַזאַ שטאָט איז ביזערטע. אַ טויטע שטאָט. עס שטייען מויערן, האַלבע, איינגעפאַלענע, די ווענט צעריסן, לעכער גרויסע, וואו פענצטער זיינען פריער געווען; אַן דעכער, אַן אַלץ מיט אַן אַנדער.

די מלחמה האָט די שטאָט חרוב געמאַכט. אַ גרויסע, שיינע שטאָט געווען ביים מיטללענדישן ים. די פראַנצויזן האָבן זי געבויט און שיין געמאַכט. ברוקירטע גאַסן געווען, מיט אַלייען, ביימער, פּאַרקן.

איז געקומען דער קריג אַזש אַהער. די אַמעריקאַנער און ענגלישע עראָפּלאַנען און די שיפן האָבן באָמבאַרדירט די שטאָט. די נאַציס זיינען געלאָפן פון דאַנען קיין סיציליע.

די איינוואוינערס זיינען אַנטלאָפן אין די אַרומיקע שטעט און דערפער און מיטגענומען נאָר דאָס נייטיקסטע. גייען מיר דורך די גאַסן און קוקן אַריין אין די קראָמען, האָטעלן, הייזער, טעאַטערס און זעען איבערגעבליבענע מעבל און בילדער אויף די ווענט, וואָס הענגען קרום, און אַנאָנסן אַלערליי אין פראַנצייזיש און אַראַביש.

פּוסטע לעכער קוקן אויף אונדז פון הייזער, וואו פריער האָבן מענטשן געוואוינט און אַ לעבן איז אַנגעגאַנגען.

פאַר אונדז איז גאָרניט פאַרבליבן. מער ווי סאָלדאַטן זעט מען ניט אין דער טויטער שטאָט, סאָלדאַטן אַמעריקאַנער, ענגלישע, און די פראַנצייזישע קאָלאָניאַלע סאָלדאַטן.

קיין באַלייכטונג איז ביי נאַכט ניטאָ. די גאַסן זיינען פינצטער

און מען דאַרף זיך היטן וואו מען גייט. די טראַקטאָרן און גאַסן זיי־
נען נאָך פאַרלייגט מיט שטיינער, ציגל, בלעך, דראָטן. נאָר די אַד־
מיניסטראַטיווע געביידעס — די אָפיסעס — פון דער מיליטערישער
מאַכט ווערן באַלויכטן.

עס כאַפּט אָן אַ מאָדנער געפיל ווען מיר שפּאַצירן ביי נאַכט
דורך דער שטאָט. שטיל אומעטום און שטאַרק פינצטער. עס הערט
זיך נאָר דאָס זינגען פון גרופּעס סאָלדאַטן.

אַרויסגייענדיק פון רויטן קרייץ, פאַרנעמט מען זיך צום לאַגער.
וואוהין צו גיין איז ניטאָ. מיט וועמען צו פאַרברענגען איז אויך
ניטאָ. גייט מען „אַהיים".

דאָס מאָל האָט אונדז ניט אָפּגעגליקט. די אַרמיי האָט אונדז
אָפּגעטאָן אויף טערקיש און איינגעקוואַרטירט זיך לעבן אַ טויטער
שטאָט. פריער פלעגן מיר זיך געפינען לעבן לעבעדיקע שטעט,
און אין אַ פרייען טאָג פלעגן מיר אַהין צוכאַפּן זיך. אין אַ באַ־
וואוינטער שטאָט קען מען פאַרט אַ ביסל פאַרברענגען: קויפן
אַ פּאָר קלייניקייטן און אָפּשיקן אַהיים, באַקענען זיך מיט מענטשן,
עסן אין אַ רעסטאָראַן.

צפון־אַפריקע, נאָוועמבער, 1943.

סיציליע

סיציליער

מיר געפינען זיך אין אַן אַמעריקאַנער מיליטערישן לאַגער אין סיציליע. זונטיק גייען מיר אין שטאָט פאַרברענגען אַ טאָג צייט. די שטאָט ליגט אַ זעקס מייל פון לאַגער. דער טאָג איז אַ שיינער און אַ וואַרעמער. אויפן האַרצן בענקט זיך אַהיים, אָבער מיר שווייגן און רעדן ניט וועגן דעם.

אין שטאָט קומען מיר אָן גאַנץ פרי, אַ זייגער צען. די איינוואוינערס זיינען אָנגעטאָן אין זייערע בעסטע בגדים. דער עולם גייט אין קלויסטער. די גלעקער צעקלינגען זיך און די טענער גייען פאַרלאָרן ערגעץ אין די אַרומיקע בערג און טאָלן.

מיר שפּאַצירן דורך די גאַסן. מיין פריינד כאַפּט אַרונטער בילדער מיט זיין קליינער קאַמערע. און דאָרט אין גאַס קומט פאָר אַ חתונה. דאָס פּאָרל איז ערשט אַרויס פון פאָטאָגראַפיסט. דער יונג און די מיידל זיינען אָנגעטאָן אין מאָדערנע חתונה־קליידער, פונקט ווי ביי אונדז. דער אונטערשייד איז אַ גאַנץ קליינער. דאָס וואָלט געקענט זיין אַן אַמעריקאַנער פּאָרל ערגעץ אין ניו־יאָרק אָדער שיקאַגאָ.

אין די שטעט און שטעטלעך גייט דער סיציליער אָנגעטאָן היינטוועלטיק. די זעלביקע קאָסטיומען, שיך און אַנדערע זאַכן. די יונגען קליידן זיך פראַנטיש. די מיידלעך—ניט ערגער פון אַמעריקאַנער מיידלעך. ווען ניט די שפּראַך, דוכט זיך, אַז מען געפינט זיך אין אַמעריקע.

נאָר אין די דערפער אָדער אין פּאַרוואָרפענע געגנטן איז שוין די קליידונג אַן אַנדערע. די קליידער זיינען קאָלירטע. הויזן אַנדערע, העמדלעך אַנדערע, היטלען אַנדערע, אַרום האַלדז איז אַרומגעבונדן אַ קאָלירט טיכל. אויפן קאָפּ אַ שטרויענע הוט.

ווי די קליידונג, אַזוי אויך אַנדערע זאַכן. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן, אַז איך זע באַמאָלענע וועגענער. די סיציליער וועגענער

האָבן צוויי גרויסע רעדער, געפירט פון אַ פערד אָדער אייזלען. די וועגענער דעקאָרירן זיי. קען זיין אַז דאָס איז אַזאַ רע־ליגיעזער מינהג, אָדער נאַציאָנאַלע טראַדיציע. ווי דאָס זאָל ניט זיין, איז עס וואונדערשיין פאַרן אויג. אויף די שרויפן, אויף די וועגנטלעך, אויף די רעדער — וואו נאָר דאָס אויג פאַלט, איז באַ־מאָלט מיט זייער שיינע בילדער. אַפילו די לייצעס. די פערד טראָגן שפּיגעלעך אין כאָמעט, מיט הויכע פעדערן איבערן קאָפּ און בלו־מען אין די אויערן.

דאָס איז אַן אינטערעסאַנטער שטריך פון היגן לעבן. די צי־וויליזאַציע פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט קומט אין באַרירונג מיט אַ לעבנסשטייגער וואָס גייט ניט אונטער און וואָס וועט נאָך אָנהאַלטן יאָרנלאַנג.

עס פעלט דאָ אין גאַנצן דער געדויש פון אַמעריקאַנער לעבן. דער כאַפּ־לאַפּ און הו־האַ איז דאָ אין גאַנצן ניטאָ. שטיל און רואיק לעבן זיך די סיציליער טאָג־איין, טאָג־אויס. נעמט אַזאַ זאַך ווי געשעפט אָדער האַנדל. די קראָמען עפענען זיך דאָ גאַנץ שפּעט, אַ זייגער צען אין דער פרי. צוועלף אַ זייגער ווערט אַלץ פאַרשלאָסן און מען גייט אַהיים עסן. שפּעט ביי טאָג ערשט עפענען זיך צוריק די געשעפטן.

די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן זיינען ניט צוגעוואוינט צו אַזאַ זאַך. וואו אין די פאַראייניקטע שטאַטן פאַרשליסט מען די קראָמען צו־ליבן גיין עסן? לאָכן די סאָלדאַטן אויף דעם חשבון פון די סי־ציליער. אָבער ווער קען זאָגן וועמעס לעבנסשטייגער איז בעסער?

דער סיציליער האָט ניט קיין באַגריף פון צייט. אַ שעה, אַ טאָג מיינט ביי אים גאָרניט. מיר גייען אַריין אין אַ פּלאַץ זיך פאָטאָגראַפירן. פרעגן מיר דעם פאָטאָגראַפער ווען די בילדער וועלן זיין פאַרטיק. ענטפערט ער, אין אַ דריי טעג אַרום, אָדער אפשר פינף. ער איז ניט זיכער. קומען מיר צוגיין אין דריי טעג אַרום. די בילדער זיינען נאָך ניט פאַרטיק. קומען מיר ווייטער צו אים אין פינף טעג אַרום, נאָך אַלץ ניט פאַרטיק. ווערן מיר שוין אין כעס. קוועטשט ער מיט די פּלייצעס און שמייכלט צו אונדז. אַזוי האָט געדויערט אַ וואָך מיט אַ האַלב איידער די בילדער זיינען פאַרטיק געוואָרן.

צייט, שפּילט ביי זיי קיין ראָלע ניט.

אין די ערשטע טעג, ווען מיר האָבן זיך נאָך געשלאָגן אויפן אינדזל, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַ סך איבערראַשונגען. אונדז האָט זיך קיין מאָל ניט געחלומט, אַז טויזנטער מיילן ווייט פון דער היים וועלן מיר טרעפן מענטשן, וואָס ריידן ענגליש און האָבן אַמאָל געוואוינט אין אַמעריקע. געוויס, ניט דאָ אין סיציליע.

אָבער אַזוי איז טאַקע געווען. מיר האָבן זיך געשלעפּט דורך פעל־דער און וויינגערטנער, האָט פון אַ הויז עמעצער אויסגערופן: „העלאָ, העלאָ!" האָבן מיר געמיינט, אַז אונדזערער אַ סאָלדאַט ליגט אפשר אַ פאַרוואונדעטער דאָרט. מיר האָבן זיך אַהין פאַרנומען און אונדז איז אַנטקעגנגעקומען אַ סיציליער פויער (אָדער פאַרמער, ווי מיר וואָלטן געזאָגט) און אָנגעהויבן רעדן אין ענגליש.

ער האָט אונדז פאַרבעטן אין הויז צום עסן. הונגעריק זיינען מיר געווען און אויסגעמאַטערט אויך, האָבן מיר גערן אָנגענומען די איינלאַדונג.

ער האָט אונדז אויפגענומען, ווי מיר וואָלטן געווען גדולים. אויפן טיש האָט ער אָנגעשטעלט עסן און טרינקען, שפּייז און פרוכט און ווייַן. די גאַנצע פאַמיליע האָט אונדז מכבד געווען פון אַלעם גוטן און זיי האָבן גערעדט ענגליש. ווייזט זיך אַרויס, אַז אַט דער סיציליער ווייַנגערטנער האָט מיט יאָרן צוריק געוואוינט אין דעטראָיט און געאַרבעט פאַר הענרי פאָרדן אין זיין פאַבריק. דאָרטן, אין דעטראָיט, האָט ער אויסגעהאָדוועט קינדער, אָנגעקליבן געלט און צוריקגעפאָרן אַהיים, צו דער ערד וואו ער און זיינע על־טערן פאַר אים זיינען געבוירן געוואָרן.

נאָך דעם האָבן מיר באַגעגנט אַ סך סיציליער, וואָס האָבן אַמאָל געאַרבעט אין אַמעריקע. דער האָט געוואוינט אין שיקאַגאָ, יענער אין ניו־יאָרק און דער אַנדערער אין פּיטסבורג. אַמעריקע האָבן זיי ניט פאַרגעסן. עס איז זיי אַריין אין די ביינער דאָס לאַנד אונדזערס.

מיר האָבן זיי געפרעגט פאַר וואָס זיי זיינען צוריקגעקומען אַהער, אויב זיי האָט זיך געלעבט אַזוי גוט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די ענטפערס זיינען געווען פאַרשיידענע. איינער איז צוריק־געפאָרן, ווייל ער האָט איבערגעלאָזט אין סיציליע אַ ווייב מיט אַ קינד. ווען ער האָט אָנגעקליבן אַ ביסל געלט, און דער אַמעריקאַנער דאָלער איז ווערט געווען פיל מער ווי וועלכע עס איז אַנדער געלט,

איז ער צוריקגעפאָרן צו דער פאַמיליע, געקויפט אַ פאַרם און זיך פאַרנומען מיט פלאַנצן ווייַנגערטנער. אַ סך אַזעלכע האָבן מיר דאָ אָנגעטראָפן.

אַנדערע זייַנען צוריקגעפאָרן כדי צו געניסן פון דער נייער איטאַליע, וואָס מוסאָליני האָט געזאָלט בויען. די פאַשיסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט דערגרייכט אַזש קיין אַמעריקע און פיל האָבן געגלויבט דעם דוטשע, אַז אין סיציליע וועלן זיי לעבן ווי אין אַ גן־עדן און ניט דאַרפן „שקלאַפן" זייערע טעג ווי ביי אונדז, אין אַמעריקע...

זייַנען זיי אַהער געקומען און געפונען אַ פייג — אָבער צוריקפאָרן האָבן זיי שוין ניט געקענט. האָבן זיי געליטן אונטער דער באַרבאַרישער אָרדענונג פון דעם מאַן מיט דער מאָרדע.

אָן אויסנאַם, ווילן זיי צוריקפאָרן קיין אַמעריקע נאָך דעם ווי די מלחמה וועט זיך ענדיקן.

זיי פלעגן אונדז אָנווייַזן אויף די צעריסענע שיך, וואָס זיי און זייערע קינדער טראָגן, און זאָגן:

— אָט דאָס האָט אונדז מוסאָליני געגעבן. ניט קיין ברויט, ניט קיין קליידער, ניט קיין שיך, נאָר צוזאָגן, אַז עס וועט קומען אַ צייט און מיר וועלן אַלץ האָבן.

ניט אַלע, פאַרשטייט זיך, האָבן אַזוי געליטן. האָט דאָך דער פאַשיזם געהאַט אָנהענגערס, וואָס האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן פאַשיסטישן וואָגן און גענאָסן פון כל־טוב.

מיר האָבן אין אַ שטאָט באַגעגנט נאָך אַזאַ געוועזענעם „אַמעריקאַנער". אין אַמעריקע, אין די יאָרן פון פּראָהיבישאָן, איז ער געווען ניט מער און ניט ווייניקער ווי אַ גענגסטער. האָט אים די רעגירונג צוריקגעשיקט צו זייַן געבורטאָרט, קיין סיציליע.

זייַנען מיר איין מאָל געזעסן און געשמועסט מיט אים וועגן מוסאָליניִן, פאַשיזם און אַנדערע זאַכן. האָט אָט דער גענגסטער געזאָגט, אַז ער קען אַרומגיין פון הויז צו הויז און אָנווייַזן יעדן פאַשיסט. ניט נאָר דאָס, נאָר ער האָט אויך געוואוסט וואו עס ליגט באַהאַלטן פאַשיסטישע געלט און ביכער, ווערטפולע דאָקומענטן, וואָס וועט צו ניץ קומען דער נייער אָרדענונג נאָך דער מלחמה, ווען די סיציליער וועלן זיך אָפּרעכענען מיט זייערע פריערדיקע רעגירערס.

שפעטער, ווען מיר האָבן פאַרטריבן אַלע נאַציס פון סיציליע און די אַמעריקאַנער פאַרטרעטערס האָבן גענומען איינשטעלן אַ ביסל אָרדענונג אין די שטעט און שטעטלעך פון סיציליע, האָט מען טאַקע אָנגעוויזן אויף באַהאַלטענע פאַשיסטן און מען האָט זיי אַרעסטירט. אויך האָט מען געפונען פּאַפּירן מיט ביכער וואו עס זיינען געווען פאַרשריבן אַלע געלטער און די נעמען פון די „געבערס", וואָס זיינען געווען געצוואונגען אויסצוהאַלטן די פאַשיסטישע קליקעס.

אַזאַ גרופּע פאַשיסטן האָט מען געהאַלטן אין אַ הויז לעבן אונדז. דער פירער פון דער גרופּע איז געווען אַ דיקער, אָנגעפרעסענער סיציליער. איצט אָבער, נאָכן פאַלן פון סיציליע, האָט ער געציטערט פאַר אונדז. געגעסן האָט ער זייער ווייניק. אויף אונדז פלעגט ער קוקן מיט מורא אין די אויגן. ער איז געפאַלן זייער נידעריק. דאָס צימער, וואו ער האָט זיך געפונען, האָט ער נעבעך געמוזט אַליין אויפראַמען.

די סיציליער, ווי דאָס גאַנצע איטאַליענישע פאָלק, זיינען שטאַרק רעליגיעז. אין אַ קליין שטעטל קענט איר געפינען פינף גרויסע קלויסטערס. גלחים זעט מען אומעטום. יונגע מיידלעך, וואָס לערנען זיך אין שולן פאַר מאַנאַשקעס, גייען אַרום פאַרוויז אין די שוואַרצע בגדים און מיטליאָריקע גייסטלעכע זעט מען אויף שריט און טריט. אָפט באַגעגענען מיר זיי אין וועגענער אויסער דער שטאָט, אָדער זיי פאָרן אַרום אויף וועלאָסיפּעדן.

אַ ייִנגל האָט מיר געוויזן גאַנצע פינף רעליגיעזע קייטעלעך מיט בילדלעך פון יעזוסן, וואָס ער האָט געטראָגן אויפן האַלדז און געהאַלטן אין קעשענע. און יעדער מאָל וואָס ער האָט מיר געוויזן אַ בילדל פון יעזוסן, האָט ער עס פרום געקושט.

ניט לאַנג צוריק, האָט דער טשעפּלעין איינגעלאַדן מאַנאַשקעס פון אַ מאָנאַסטיר צו אַ גאָטעס־דינסט אין סאָלדאַטישן טשעפּל. ס'איז געווען זונטיק. מיר זיינען גראָד געפאָרן אין לאַגער אויף אַ טראָק. אויפן וועג האָבן מיר דערזען ווי עס שלעפּן זיך אַ פּופּצן מיידלעך מיט זייערע „הייליקע שוועסטערס". דאָס זיינען זיי געגאַנגען אין לאַגער. האָבן מיר אָפּגעשטעלט דעם טראָק און איינגעלאַדן די „שוועסטערס" צו פאָרן מיט אונדז גלייך צום טשעפּל. מיט פרייד האָבן זיי די איינלאַדונג אָנגענומען. אָבער ווען ס'איז געקומען אַרויסצוקריכן אויפן טראָק האָבן זיי אונדז אָפּגעטריבן און ניט גע־

לאָזט אונדז העלפן זיי. די אַלטע „הייליקע שוועסטערס״ און די יונגע מיידלעך פון מאַנאַסטיר, אַנגעטאָן אַלע אין שוואַרצן, זיינען געווען אַזוי פרום, אַז זיי האָבן ניט געטאָרט אָנרירן קיין מאַנסביל.

אויף די וועגן פון סיציליע, איבער הויפט אין די בערג, שטייען בודקעס, „שריינס״, וואָס דאַרפן פאַרהיטן די באַפעלקערונג פון אַל דאָס בייז.

***

אין די שטעטלעך דרייען זיך אַרום די איטאַליענישע יונגעלייט און זיי האָבן ניט וואָס צו טאָן. די הענט פאַרלייגט אויף הינטן, שפּאַצירן זיי גרופּנווייז און שמועסן. דערמאָנט עס מיר אָן די יידישע יונגעלייט אין די אַמאָליקע שטעטלעך פון ליטע, פוילן און רוס־לאַנד מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, וואָס האָבן זיך אויך אַרומגעדרייט און געאַמפּערט זיך וועגן ציוניזם, דעם „בונד״ און אַנדערע ערשט אויפגעקומענע יידישע פּראָבלעמען.

אַ סך איז נאָך אין סיציליע צעשטערט. די מלחמה האָט כמעט אַלץ חרוב געמאַכט. דאָס אָפּשאָפן פון דעם פאַשיזם, מוסאָליניס מפּלה, און איטאַליעס דערקלערן קריג דייטשלאַנד האָט אַלץ פּלוצלונג איבערגעדרייט. די יונגעלייט פּרוּוון זיך צופּאַסן צו די נייע געשעענישן. צו וואָס צו נעמען זיך האָבן זיי ניט. זייער געהער־ריק אָרט אין היגן לעבן וועלן זיי ערשט געפינען נאָך דער מלחמה.

***

מיר, אַמעריקאַנער סאָלדאַטן, קענען זיך ניט באַקלאָגן אויף דער פריינדלעכקייט פון די סיציליער צו אונדז. איר האָט געוויס אַ סך געלייענט און געהערט אויף דער ראַדיאָ ווי מען האָט אונדז אויפגענומען אין די שטעטלעך, ווען מיר האָבן געטריבן די נאַציס.

אונדז אינטערעסירט און מיר האָבן געפּרוּווט אויסגעפינען ווי אַזוי די דייטשישע סאָלדאַטן האָבן זיך דאָ אויפגעפירט איידער מיר זיינען געקומען אַהער. קיין באַשטימטע ענטפערס האָט מען אונדז ניט געגעבן. איינציקע האָבן געלויבט זייער האַלטונג. אַנדערע האָבן דערציילט פּונקט דאָס פאַרקערטע. קען זיין אַז ביידע זיינען גערעכט.

מיר באַגעגענען דאָ מיידלעך, וואָס האָבן חתונה געהאַט מיט נאַצישע סאָלדאַטן. די קינדער זיינען בלאָנדע. די פאַרלאָזענע ווייב־לעך ריידן שוין דייטש. איינע אַזאַ פרוי וואַשט וועש פאַר אונדז. זי קומט אין לאַגער מיט אירע צוויי בלאָנדע מיידעלעך און מיר גיבן זיי קענדי. דער אַמעריקאַנער סאָלדאַט האָט אַ ווייך האַרץ. ווער ווייס, דער פאָטער פון די צוויי מיידעלעך האָט אפשר דערשאָסן אונדזערן אַ חבר אויפן שלאַכטפעלד, אָדער ער שלאָגט זיך איצט מיט אונדזערע אויף די פעלדער פון דרום־איטאַליע. די לאָגיק זאָגט, אַז מיר, סאָלדאַטן, וואָלטן געדאַרפט האַסן די צוויי טעכטערלעך פון נאַצי, אָבער דאָס האַרץ ווייס ניט פון קיין לאָגיק.

סיציליע, 1943.

לעפטי דער פּאַראַשוטיסט

אַ גאַנצע וואָך האָבן זיך די פּאַראַשוטיסטן געגרייט. מען האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי וועלן פליען, אָבער וואוהין — דאָס איז געווען אַ סוד. עס זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרשיידענע קלאַנגען. האָט איינער געזאָגט, אַז מען וועט פליען קיין סיציליע, איז געקומען אַן אַנדערער און האָט צו נישט געמאַכט יענעמס מיינונג. ער ווייס באַשטימט, ער האָט עס אַליין געהערט פון אַן אַנדערן, אַז מען וועט פליען קיין איטאַליע.

איז געקומען אַ דריטער און האָט אָפּגעלייקנט די קלאַנגען פון די ערשטע צוויי. ער, ווייס באַשטימט, מען וועט גאָר פליען קיין פראַנקרייך. דאָרטן געפינען זיך פיל נאַציס. וועלן זיי אַהין טאָקע פליען, שפּרינגען פון עראָפּלאַנען איבער פראַנקרייך און שלאָגן די נאַציס. אַזעלכע פאַרשיידענע קלאַנגען זיינען אַרומגע־גאַנגען איבערן לאַגער.

האָט „לעפטי" (די עלטערן האָבן אים אַ נאָמען געגעבן לייבל, נאָר ווער קען עס אַרויסריידן אַזאַ נאָמען אין ענגליש?) זיך צוגע־הערט צו די אַלע קלאַנגען און האָט געשמייכלט.

צו וואָס איז נייטיק דאָס פאַרשפּרייטן קלאַנגען? לוינט זיך צו אַמפּערן טאָג און נאַכט וועגן דעם?

אָבער גרייט זיינען אַלע געווען. די ביקסן האָט מען געררייניקט און געפּוצט, די שטיוול אויך, דער שפּרינג־מונדיר, מיט די גרויסע קעשענעס, אָנגעפּילט מיט האַנטגראַנאַטן און אַנדערע זאַכן, איז גע־לעגן גרייט אויף יעדנס בעטל.

ענדלעך האָט מען איין אָוונט אַלעמען צונויפגערופן און אָנ־געזאָגט, אַז מען וועט אָפּפליען פון לאַגער צוועלף אַ זייגער ביי נאַכט. וואוהין? קיין סיציליע. דאָרטן וועט מען אַרויסשפּרינגען פון די גרויסע עראָפּלאַנען גלייך אויפן שלאַכטפעלד.

די אָפיצירן האָבן אַלעמען צעטיילט אין גרופּעס, אָנגעזאָגט

וואָס צו טאָן, געגעבן באַפעלן און געהייסן אַלעמען זיין גרייט פונקט צוועלף אַ זייגער, ניט שפּעטער.

פונקט צו דער צייט האָבן די פּאַראַשוטיסטן אַריינגעמאַרשירט אין די עראָפּלאַנען. זיי האָבן זיך אויסגעזעצט צוועלף אויף איין זייט און צוועלף אויף דער צווייטער זייט. די מאָטאָרן האָבן זיך אַ דריי געטאָן מיט אַ שטאַרקן גערויש און די עראָפּלאַנען האָבן פאַרלאָזן דאָס פליפעלד איינער נאָכן אַנדערן.

הערן איינער דעם אַנדערן האָט מען אין עראָפּלאַן ניט געקענט. ווען איין פּאַראַשוטיסט האָט געוואָלט זאָגן עפּעס צום צווייטן, האָט ער געמוזט שרייען יענעם אין אויער אַריין.

די פּאַראַשוטיסטן האָבן גערייכערט, געוויצלט זיך און געזונגען:

We'll hang Adolph Hitler
We'll hang Adolph Hitler
We'll hang Adolph Hitler
On a sour apple tree,
On a sour apple tree,
On a sour apple tree,
Oh, yes! We'll sure hang him!

אין דער זעלבער צייט האָט יעדערער גוט עקזאַמענירט דעם גרויסן פּאַראַשוט אויף דער פּלייצע און דעם רעזערוו-פּאַראַשוט אויף דער ברוסט. די ביידע זאַכן האָבן געמוזט זיין אין דער בעסטער אָרדענונג, ווייל אויב ניט, וואָלטן זיי זיך ניט געעפנט ביים אַרויסשפּרינגען פון עראָפּלאַן און דאַן וואָלט אַלץ געווען קאַפּוט.

אַ שעה צייט איז מען געפלויגן. די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע. די לבנה איז געהאַנגען אין דער הייך, כאָטש נעם און דערלאַנג זי מיט דער האַנט. די שטערן האָבן זיך אויסגעלאָשן, אָנגעצונדן...

די עראָפּלאַנען האָבן זיך געהויבן אַלץ העכער און העכער. וואָס העכער, אַלץ קעלטער איז געוואָרן אינעווייניק. „לעפטי" האָט געוואוסט אַז זיי מוזן זיין פינף טויזנט פוס אין דער הייך. ער איז געווען אַן ערפאַרענער פליער. העכער און העכער האָט זיך דער עראָפּלאַן געהויבן. זעקס טויזנט פוס, זיבן, אַכט.

דערנאָך האָט דער עראָפּלאַן זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן נידע-

*) מיר וועלן אויפהענגען אַדאָלף היטלערן (דריי מאָל) אויף אַ זויערן עפּל-בוים (דריי מאָל). יאָ, מיר וועלן אים געוויס אויפהענגען!

ריקער און נידעריקער. דער לייטענאַנט, האָט געגעבן אַ באַפעל: „אויפשטעלן זיך און זיין גרייט צום שפרינגען!" יעמאָלט האָבן שוין אַלע געוואוסט, אַז מען פליט איבער סיציליע.

די פאַראַשוטיסטן האָבן זיך אַלע אויסגעשטעלט אין אַ ריי. „לעפטי" איז געווען דער ערשטער אין דער אָפענער טיר. מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ האָט ער געוואַרט אויפן באַפעל פון לייטענאַנט. די ביקס האָט ער געהאַלטן איבערגעלייגט איבער די אָרעמס. דעם לינקן פוס פאָרויס, דעם רעכטן פון הינטן, אַ ביסל אַן איינגעבויגע־נעם — אַט אַזוי האָט מען געדאַרפט שפּרינגען.

פלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ בום מיט אַ קראַך, קוילן זיינען געפלויגן פון אַלע זייטן און דער גאַנצער הימל איז באַלויכטן געוואָרן. אַהאַ! האָט „לעפטי" געזאָגט צו זיך אַליין — די נאַצים האָבן אונדז שוין דערשמעקט מיט זייערע דעטעקטאָרס (דאָס זיינען עלעקטרישע אינסטרומענטן, וואָס כאַפּן אויף דעם רויש פון אַן עראָפּלאַן).

דאַן האָט דער לייטענאַנט אַ געשריי געטאָן: „שפרינגט! שפרינגט!" „לעפטי" איז אַרויסגעשפרונגען פון טיר. דער פאַ־ראַשוט האָט זיך אָן עפן געטאָן מיט אַ קנאַק און ער האָט שיר ניט אַרויסגעלאָזט די ביקס פון דער האַנט. און וואָס טויג אַ סאָלדאַט אָן אַ ביקס?

„לעפטי" האָט זיך אַרומגעקוקט. אַרום אים האָט ער געזען נאָך פאַראַשוטיסטן, ווי זיי וויגן זיך אין ווינט רעכטס און לינקס. איבער זיין קאָפּ האָט ער געפילט קוילן, ווי זיי זיינען בליץ־שנעל פאַרבייגעפלויגן מיט אַ סווישטש און אַ זשום. דאָס האָבן די נאַצים געשאָסן אויף זיי מיט זייערע אַנטי־עראָפּלאַן מאַשינביקסן. די „עק־עקס" (אַזוי האָבן די סאָלדאַטן גערופן דעם סאָרט ביקסן) האָבן אָנגעמאַכט אַ מאָדנעם טומל: טאַ־טאַ־טאַ־טאַ.

לעפטי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריקער און נידעריקער. ער האָט שוין געקענט זען אויף דער ערד מענטשלעך, און מאַשינ־ביקסן, און אַנדערע זאַכן. „דאָס מוז זיין דער שונא"—האָט ער גע־טראַכט. האָט ער אַ צי געטאָן די שטריק פון פאַראַשוט און געהאָפט, אַז דער ווינט וועט אים פאַרטראָגן ניט אין שונאס לאַגער, נאָר ווייט פון זיי.

ענדלעך האָט ער פונאַנדערגעשפרייט די פיס, זיך שטאַרק

אָנגעהאַלטן אַן פּאַראַשוט און געלאַנדט. ער האָט זיך איבערגע־קוליעט, איז געבליבן אויף דער ערד, אַרויסגעקראָכן פון פּאַ־ראַשוט און זיך אַרומגעקוקט.

קיין אַנדערע פּאַראַשוטיסטן האָט ער ניט געזען. ער איז גע־ווען דער איינציקער דאָרט. וואו איז ער? אויף אַ פעלד? אין אַ ווייַנגאָרטן? ער איז געקראָכן אויפן בויך, איינגעהאַלטן דעם אָטעם, אָפּגעשטעלט זיך און געקראָכן ווייטער. יאָ, ער האָט זיך געפונען אין אַ ווייַנגאָרטן. ווייַנטרויבן האָבן געקיצלט אין נאָז און פיין גע־שמעקט. האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט, אָפּגעריסן אַ בינטל ווייַנטרויבן און געלייגט אין מויל. אַ מחיהדיקער טעם געווען.

אָבער פאַר וואָס איז ער דאָ איינער אַליין? וואו זיינען די אַנ־דערע פּאַראַשוטיסטן? וואו איז זיין פּלאַטון? האָבן זיי ניט גע־לאַנדט דאָ? קען זיין, אַז דער ווינט האָט זיי ערגעץ אַנדערש פאַר־טראָגן. גיי ווייס!

איז ער ווייטער געקראָכן אויפן בויך, צעריסן דעם מונדיר, אָבער אים האָט ניט געאַרט. די פיס האָבן זיך אָנגעשטאָכן אַן נאָדלען (שטעכיקע פלאַנצן) און די הענט האָט ער זיך צעדראַפּעט.

אים האָט זיך זייער געוואָלט פאַררייכערן. אָבער גיי צינד אָן אַ שוועבעלע אויפן שלאַכטפעלד. אַזאַ פייערל קענען נאָך די נאַציס דערזען, און עס וועט זיין אויס מיט אים.

פּלוצלונג האָט ער עפּעס דערזען. אַ דריי הונדערט פוס פון אים איז געווען אַ בריק און אונטער דער בריק — אַ טייכל. ער האָט גע־הערט ווי דאָס וואַסער פליסט שטיל און רואיק. לעבן בריק זיינען געשטאַנען איינגעבויגן צוויי נאַציס און זיי האָבן זיך געפּאָרעט אַרום אַן אויפרייס־מאַשין: דינאַמיט! „לעפטי" האָט געוואוסט וואָס „טי־ען־טי" איז. אַלע פּאַראַשוטיסטן האָט מען געלערנט וועגן אויפרייס־שטאָפן.

איז „לעפטי" צוגעקראָכן אַ ביסל נענטער צום טייכל, גע־קראָכן אויף דער רעכטער זייט, אויף דער לינקער זייט, דערנאָך אויפן בויך. ס'איז אַלץ צוגעגאַנגען אַזוי פּאַמעלעך. אָבער אַנדערש קריכן האָט ער ניט געקענט: טאָמער דערהערן די נאַציס.

הינטער אַ קוסט, צווישן צוויי ביימער, איז ער געבליבן ליגן. פון דאַנען האָט ער שוין געזען בעסער. צוויי נאַציס, איינער — אַ יונגער, דער צווייטער — אַן עלטערער, מיט אַ האַריק פּנים.

זיי האָבן געצויגן אַ דראָט פון אונטערן בריק און עס צוגעטשעפּעט צו אַ שוואַרץ קעסטל מיט אַ הענטל פון אויבן.

זיי האָבן גערעדט דייטש. „לעפטי״ האָט זיך צוגעהערט און פאַרשטאַנען. יידיש האָט ער געקענט, און וועלכער ייד וואָס קען ריידן יידיש, פאַרשטייט דאָס ניט קיין דייטש?

— שוויינע! דומקעפּ! — האָט דער עלטערער נאַצי געזאָגט דעם יינגערן. ער האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף דער צווייטער זייט בריק און ביידע האָבן זיך צעלאַכט.

— מיר וועלן זיי ווייזן די אַמעריקאַנער יאָלדן — האָט דער יינגערער נאַצי געענטפערט אין דייטש—ווי נאָר זיי וועלן אַרויפטרעטן אויף דער בריק, וועט זיין בום!—און ער האָט אָנגעבלאָזן ביידע באַקן און אַרויסגעלאָזט אַ פּייף.

האָט שוין „לעפטי״ געוואוסט וואָס זיי גרייטן זיך צו טאָן. פון דער אַנדערער זייט דאַרפן אָנקומען די פּאַראַשוטיסטן, אפשר איז דאָס זיין פּלאַטון מיט זיינע חברים, און זיי וועלן נעמען אַריי־בערגיין די בריק... וועלן די צוויי נאַציס אַ שטופּ טאָן דאָס הענטל און אויפרייסן אַלץ מיט אַנאַנדער.

ער וועט אָזאַ זאַך ניט דערלאָזן. ער וועט זיי באַווייזן, אַז די אַמעריקאַנער האָבן קעפּ אויף די אַקסלען און זיינען ניט קיין יאָלדן, ווי זיי, די נאַציס, שטעלן זיך פאָר.

אַ ביקס האָט „לעפטי״ געהאַט. שיסן אויף זיי? דאָס טויג ניט. אַנדערע נאַציס וועלן דערהערן דעם שאָס און קומען צולויפן צו דער בריק.

וואָרפן אַ האַנטגראַנאַט? וועט דאָס אויפרייסן אַלצדינג. טויג אויך ניט. טאָן עפּעס האָט ער געמוזט אויף גיך, ווייל עס האָבן דערווייל געקענט אָנקומען די פּאַראַשוטיסטן.

„לעפטי״ האָט געהאַט אַ שטריק אין קעשענע. יעדער פּאַראַ־שוטיסט האָט געטראָגן אַזאַ שטריק. די פּאַראַשוטיסטן האָבן זיך באַנוצט מיט דער שטריק, ווען זיי פלעגן פון עראָפּלאַן לאַנדן אויףביימער אָדער עלעקטרישע דראָטן. די שטריק פלעגן זיי אַרומבינדן אַרום בוים און אַראָפּגליטשן זיך צו דער ערד.

איז ער איצט, ליגנדיק אַזוי אויפן בויך געפאַלן אויף אַ פּלאַן. לעבן אים, פון ביידע זייטן זיינען געשטאַנען צוויי ביימער. איז ער צוגעקראָכן צו איין בוים, אַרומגעבונדן די שטריק אַרום אים, צו־

געפּויזעט צום צווייטן בוים און געטאָן דאָס זעלביקע. דערנאָך איז ער געקראָכן אויף צוריק אַ הונדערט פוס און איבערגעדרייט זיין שטאַ־לענעם העלעם.

„לעפטי" האָט צו זיך געשמייכלט. די אַמעריקאַנער העלעמס אַז מען דרייט זיי איבער זעען זיי אויס פּונקט ווי די דייטשישע. ווען חברה האָט זיך געוואָלט אַמוזירן, פלעגן זיי איבערדרייען די העלעמס, אויסשטרעקן די רעכטע האַנט אין דער הייך, אַ קלאַפּ טאָן מיט די פיס און אויסשרייען: „הייל שיקלגרובער!"

אין דער פינצטער, האָט „לעפטי" געהאָפט, וועלן זיי ניט דערקענען, אַז דער העלעם איז אַן אַמעריקאַנער. איצט איז ער געווען גרייט. ער האָט זיך אַ שטעל געטאָן און אויסגעשריען אין דייטש:

— האַלטען!

די צוויי נאַציס האָבן געקוקט אין זיין זייט.

— וואָס? — האָט געפרעגט דער ייִנגערער.

— האַלטען! — האָט „לעפטי" איבערגעחזרט — קאָמען זי היר! שנעל!

די נאַציס האָבן אַפּגעלאָזט דעם אויפרייס־אינסטרומענט, אַ כאַפּ געטאָן זייערע ביקסן און זיך געלאָזט גיין צו „לעפטין".

— שנעל! — האָט „לעפטי" געשריען — דער האָופּטמאַן (קעפּטן) באַפעלט!

דערהערט אַז דאָס איז אַ באַפעל פון „הויפּטמאַן", האָבן זיי זיך גע־לאָזט לויפן צו „לעפטין". אין דער פינצטער האָבן זיי זיך פאַרטשע־פּעט אַן שטריק, איבערגעקוליעט זיך און געבליבן ליגן ביי „לעפ־טיס" פיס. די ביקסן זייערע זיינען פאַרפלויגן ערגעץ אַן אַ זייט.

„לעפטי" איז געווען גרייט. מיט זיין טאָמי־גאַן איז ער גע־שטאַנען איבער זיי, איין פינגער האָט ער געהאַלטן אויף דעם צינגל פון ביקס און געהיט זייער יעדן ריר.

ער האָט די צוויי נאַציס געהייסן אויפשטעלן זיך, אויפהייבן די הענט אין דער הייך און צוגיין צום בוים.

— יודע (ייִד) — האָט „לעפטי" אָנגעוויזן אויף זיך.

די נאַציס זיינען געשטאַנען דערשראָקענע און אים אָנגעקוקט מיט בייז וואונדער.

— נאַציס ניט גוט — האָט „לעפטי" געחוזקט — אַמעריקאַנער גוט. היטלער קאַפּוט!

ווי גוט ער, „לעפטי", האָט זיך איצט גֿעפילט. ער, אַ ייד, האָט איבערגעכיטרעוועט די צוויי נאַציס, די צוויי היטלער־יאָלדן. ער האָט אַ שפּיי געטאָן אויף זיי.

דערווייל האָבן זיך דערהערט טריט. פון דער אַנדערער זייט בריק איז עמעצער געגאַנגען. צענדלינגער טריט האָבן זיך דערהערט. זיינען דאָס אַמעריקאַנער אָדער נאַציס? אויב נאַציס, האָט „לעפטי" באַשלאָסן, וועט ער צו ערשט דערשיסן די צוויי געפאַנגענע און אַליין אויפרייסן די בריק.

די צוויי נאַציס האָבן זיך אויך אָנגעשטרענגט און צוגעהערט. זיי האָבן געהאָפט, אַז דאָס גייען זייערע קאַמעראַדן אַהער. אויב אָבער אַמעריקאַנער — איז אַלץ פאַרפאַלן.

די טריט האָבן זיך געהערט נענטער און נענטער. דאַן האָט „לעפטי" געהערט ווי עמעצער האָט אויסגעשריען אין ענגליש: „האָלט!" מסתמא האָט מען זיי דערזען פון דער אַנדערער זייט בריק. „לעפטין" האָט זיך געוואָלט שפּרינגען אין דער הייך און שרייען פאַר פרייד. ענדלעך דערוואַרט זיך אויף זיינע חברים. און ער האָט טאַקע אויסגעשריען:

— איטס אָל־ראַיט! אַי'ם ען אַמעריקען! יו קען קראָס דהי ברידזש! *)

דערהערט ענגלישע רייד, האָבן די סאָלדאַטן פון דער אַנדערער זייט גענומען אַריבערגיין די בריק. דאָס זיינען געווען פאַראַשוטיסטן פון „לעפטיס" פּלאַטון טאַקע.

זיי זיינען צוגעלאָפן צו אים. אַלע האָבן באַטראַכט די צוויי נאַציס. דער לייטענאַנט האָט אויסגעפרעגט „לעפטין" און „לעפטי" האָט אים אַלץ איבערגעגעבן — וועגן דינאַמיט, וועגן שמועס מיט די נאַציס און ווי ער האָט זיי איבערגעכיטרעוועט.

— גוט געטאָן „לעפטי" — האָט אים דער לייטענאַנט געזאָגט

— דו האָסט געראַטעוועט אַ גאַנצן פּלאַטון פון אַ זיכערן טויט. גוט געטאָן!

פאַר דער דאָזיקער העלדישקייט האָט „לעפטי" שפּעטער באַקומען אַ מעדאַל.

סיציליע, 1943.

---

*) האָט ניט מורא! איך בין אַן אַמעריקאַנער! איר מעגט אַריבערגיין איבערן בריק!

מיר זוכן טויטע

אין דער פרי לאָזן מיר זיך אַרויס אין אַן אַרמיי־טראָק זוכן טויטע לופטפליערס. געַנוי וואו זיי צו זוכן ווייסן מיר ניט. דער קעפּטן ווייס, אַז אַן ערך דאָ, אָדער דאָרט, קאָן מען זיך אָנשטויסן אויף עפּעס.

מיר פאָרן דורך קליינע שטעטלעך. אומעטום איז אַ חורבן: הייזער, געשעפטן — איינגעפאַלענע, צעבראָכענע, אָן פענצטער, אָן טירן...

מיר זוכן אויף די פעלדער. לעבן אַ פאַרם שטעלן מיר זיך אָפּ. איטאַליעניש ריידן קענען מיר ניט. דער פאַרמער אָבער קען ענג־ליש. מיט יאָרן צוריק איז ער געווען אין אַמעריקע, געאַרבעט אין דעטראָיט ביי הענרי פאָרדן. „אַ גוט לאַנד אַמעריקע", זאָגט ער, „נאָך דער מלחמה פאָר איך מיט מיין פאַמיליע צוריק אַהין". שמייכלען מיר. שוין געהערט אַ סך אַזעלכע מיינונגען און ווונטשן פון די סיציליער. אַלע ווילן זיי לויפן קיין אַמעריקע.

דערוויל איז ער אונדז מכבד מיט וויינטרויבן גוטע, סיצי־ליער ווין און קאַווענע. קיין געלט נעמען פאַר די זאַכן וויל ער ניט. יע, ניט ווייט פון אים טאַקע, האָט מען דאָ ניט לאַנג אַראָפּגעשאָסן אַן עראָפּלאַן. וואָס פאַר אַן עראָפּלאַן — ווייסט ער ניט, נאָר די דייטשן האָבן אים געפּאַקט, ווען מען האָט זיך נאָך דאָ געשלאָגן.

פאָרן מיר דורכן פעלד צום פּלאַץ, און דאָרטן ליגט טאַקע עפּעס, וואָס בלישטשעט פון ווייטנס. מיר פאָרן צו נענטער, קריכן אַרויס פון טראָק און קלייבן זיך צוזאַמען אַרום עראָפּלאַן. צעבראָכן אויף העלפט ליגט ער. בלעך, מאַשינבּיקסן, גלאָז, האָלץ — אַלץ צעוואָרפן אַרום און אַרום.

מיר זוכן און נישטערן. די בעסטע טיילן פון דעם עראָפּלאַן האָבן די נאַציס צוגענומען. דער מאָטאָר פעלט, די ראַדיאָ און אַנ־

דערע אינסטרומענטן קאָנען מיר ניט געפינען. דער עראָפּלאַן איז אַן ענגלישער.

עטלעכע פון אונדז נעמען אַ גראַבאײַזן, וואַרפן אָפּ די ערד אויך אַ זייט און זוכן ווייטער. מיר לאָזן גאָרניט דורך. אפשר אַ נאָמען, אַ בריוול, אַן אַדרעס, אָדער אַ וועלכע ניט איז אידענטיפיקאַציע, אָבער אומזיסט אונדזער זוכן.

מיר גראָבן טיפער. די זון ברענט אַ שרעק, שווייס גיסט פון אונדז. מיר טרינקען אַ סך וואַסער און רוען זיך אָפּ יעדע ווײַלע.

פּלוצעם דערזעען מיר עפּעס. עטלעכע ציין, האָר, ביינער מענטשלעכע און אַ זאַק מיט אַ שוך. דער פּאַרמער האָט אַ טעות געהאַט. דעם עראָפּלאַן האָבן די דייטשן געמוזט אַראָפּשיסן שוין לאַנג צוריק, ווײַל מער ווי ביינער איז ניט פאַרבליבן.

מיר טוען אָן גראָבע גומענע הענטשקעס, כדי זיך ניט אָנצושטעקן פון די ביינער און די אַנדערע איבערבלײַבעכצן. פון טראָק נעמען מיר אַראָפּ לאַנגע, ווײַסע מאַטראַץ־צודעקן און וואַרפן אַרײַן אַהין די ביינער. מיר קלײַבן זיך פונאַנדער אין זיי און לויט אַלע סימנים זײַנען אין עראָפּלאַן געווען צוויי לופטפליערס.

אָפּגעטאָן אונדזער אַרבעט, קריכן מיר צוריק אַרויף אויפן טראָק און פאָרן זוכן נאָך אַרונטערגעשאָסענע עראָפּלאַנען און לופטפליערס.

פון דער ווייטנס זעען מיר אַ צווייטן צעשטערטן עראָפּלאַן. דער טראָק פאַרנעמט זיך אַהין, צו יענעם פּלאַץ. מיר פאָרן צו, קריכן אַראָפּ און זעען דעם קראַך, די באַזונדערע טיילן און די אײַנגעפאַלענע ערד, וואָס אַרום דעם עראָפּלאַן.

דער עראָפּלאַן איז אויך אַן ענגלישער. עטלעכע מאַשינביקסן, בלעך, רעדלעך און אַ צעריסענער פּאַראַשוט ליגן צעוואָרפן אַרום און אַרום.

ווידער אַ מאָל נעמען מיר זיך צו דער אַרבעט, גראָבן, נישטערן, אפשר וועלן מיר עפּעס געפינען. אָבער מיר שטויסן זיך נאָר אָן אויף ציין, האָר, מענטשלעכע ביינער, שיך און צעריסענע זאָקן. מיר טוען ווידער אָן די גומענע הענטשקעס, וואַרפן די ביינער אין באַזונדערע מאַטראַץ־צודעקן און אַרבעטן אין דער שטיל.

איין סאָלדאַט דערזעט אַ בלעכל. שלעפּט ער עס אַרויס פון

דער ערד און אַ מויז שפּרינגט אַרויס, קוקט זיך אַרום און דער־שראָקענערהייט אַנטלויפט זי.

אַזוי ווי אין ערשטן עראָפּלאַן, האָבן אויך דאָ די דייטשן אַלץ אַרויסגענומען. מיר געפינען נאָר דאָס איבערבלייבעכץ. שוין לאַנג ליגט דאָ דער עראָפּלאַן. מער ווי ביינער איז ניט פאַרבליבן.

פאַרטיק מיט אונדזער אַרבעט, פאָרן מיר צו דער באַן־סטאַנ־ציע. דאָ ווילן מיר באַגראָבן די פינף אומבאַוואוסטע לופטפליערס. דערווייל רוען מיר זיך אָפּ אַ ביסל, פאַררייכערן, שמועסן און נע־מען זיך ווייטער צו דער אַרבעט.

פינף לופטפליערס דאַרפן מיר ברענגען צו קבורה. גראָבן מיר פינף גריבער. מיר בייטן זיך: דער גראָבט אַ ווײַלע, יענער אַ ווײַלע. אַ שווערע אַרבעט אין אַזאַ היץ. און דורשטיק איז מען.

פאַרענדיקט גראָבן, לייגן מיר אַריין די ביינער אין די גרי־בער און וואַרפן צוריק די ערד אַהין אַריין. אַרום יעדן קבר לייגן מיר אַרום ווייסע שטיינער. שענער אַזוי. איין סאָלדאַט פוילט זיך ניט, גייט אַוועק צום עראָפּלאַן און ברענגט צוויי מאַשינביקסן. ער שטעלט זיי אַנידער צוקאָפּנס פון צוויי קברים. די מאַשינביקסן טייטלען גלייך צום הימל.

איבער אונדז פליען עראָפּלאַנען, אַמעריקאַנער. מיר, פּאַראַ־שוטיסטן, רופן עראָפּלאַנען „פליענדיקע טרונעס“. דאַרף מען אַ בעסער נאָמען? דאָס זיינען זיי דאָך.

***

אויף מאָרגן ברענגען מיר צו קבורה אַ פּאַראַשוטיסט. אַ פעלד־מינע האָט אים צעריסן. פון שפּיטאָל לייגן מיר אים אויפן זעלבן טראָק און פאָרן אַ זעכציק מייל צום בית־עולם, וואו עס ליגן פּאַ־ראַשוטיסטן.

דער וועג שלענגלט זיך דורך שטעטלעך, דערפלעך, פאַרביי סיצילישע ווײַנגערטנער, סעדער, פעלדער.

ענדלעך קומען מיר אָן צום פּלאַץ. דער בית־עולם איז לעבן קלויסטער „אַווע מאַריאַ“. הינטערן קלויסטער אַ ווײַנגאָרטן, אַרום און אַרום ביימער. ס'איז דאָ שטיל, רואיק, אידיליש.

דאָ דאַרפן מיר שוין ניט גראָבן. פאַרטיקע גריבער פאַראַן.

פון טראָגבעטל נעמען מיר אַראָפּ דעם בר־מינן און לייגן אים פּאַ־מעלעך אַריין אין גרוב. דער יונגער טשעפּלעין, אַליין אַ פּאַראַשו־טיסט, נעמט אַרויס פון קעשענע אַ קליינעם טעסטאַמענט מיט שוואַרצע טאָוולען און הייבט אָן: „שטויב צו שטויב, אַש צו אַש"...
מיר שטייען אַרום קבר מיט הוילע קעפּ, געבויגן — און אַ מאָדנער געפיל איז אין האַרצן.

נאָך דער צערעמאָניע פאַרשיטן מיר דעם קבר. צוקאָפּנס שטעקן מיר אַריין אַ הילצערנעם צלם מיט דעם בר־מיננס „דאָגס טעגס" (אידענטיפיקאַציע־בלעכל).

די גלחים פון קלויסטער לאַדן אונדז אַיין אינעווייניק אין הויף. זיי זיינען אונדז מכבד מיט וויינטרויבן, קאַלט וואַסער און פריינדשאַפט.

סיציליע, אָקטאָבער, 1943.

דער מגן־דוד

איך האָב אין דער אַרמיי אַ חבר געהאַט. אים האָט דער טויט צוגענומען, מיך האָט ער געלאָזן. פֿאַר וואָס איז דער גורל אויס־געפֿאַלן אויף אים? מיר זיינען דאָך שטענדיק געווען צוזאַמען; וואו ער, בין איך געווען אַ צווייטער. וואו איך, איז ער געווען אַ צווייטער. מיר האָבן זיך קיין מאָל ניט געשיידט. צעשיידט האָט אונדז דער טויט.

⁂

מיט משה קאַפּלאַן האָב איך זיך באַקענט אויף דער שיף, וואָס האָט אונדז געפֿירט אין פֿרעמדע לענדער שלאָגן דעם שונא.

יענעם טאָג, ווען איך האָב זיך מיט אים באַקענט, איז די איבערראַשונג געווען אַ גאַר גרויסע. איך בין געשטאַנען אָנגע־שפּאַרט אָן פּאַרענטש פֿון שיף. דער ים האָט זיך געצויגן ברייט און ווייט, און די בלויקייט פֿון שוימיקן וואַסער האָט ווי פֿאַרכישופֿט דאָס אויג, און איך האָב זיך ניט געקענט אָפּרייסן פֿון אָרט. דערצו איז דער הימל געהאַנגען איבער אונדז אַזאַ דורכגעלויטער־טער און הויכער, אַז עס האָט זיך פּשוט געוואָלט אויסשטרעקן די הענט און אים אָנטאַפּן.

די דאָזיקע געהויבענע שטימונג האָט אָנגעפֿילט דאָס האַרץ. איך האָב זיך געמוזט מיט עמעצן טיילן די איינדרוקן מיינע פֿון ים און פֿון דער רייזע. לעבן מיר איז געשטאַנען אַ יונגער סאָלדאַט מיט אַ בלאָנדער טשופּרינע האָר און חן־גריבלעך. גאָר ניט קיין יידיש פּנים.

אפשר אַ חבר? האָב איך אַ טראַכט געטאָן. איך האָב אויס־געדרייט דעם קאָפּ צו יענעם, און מיינע אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אין אַ קליינעם העברעישן תנכל, געבונדן אין שוואַרצע טאָוולען.

יענער האָט אַ פּנים דערפּילט מיין בליק אויף אים און ער האָט זיך אָפּגעקערט פון ספר.

— אַ ייד ? — האָב איך געפרעגט, כאָטש די פראַגע איז שוין געווען איבעריק.

— יע, — האָט ער געענטפערט — אַ ייד, וואָס לייענט העברעאיש.

— טאָ, לאָמיר זיך באַקענען — האָב איך ווייטער געצויגן דעם שמועס — איך בין אויך אַ ייד, פון ניו־יאָרק, וואָס לייענט יידיש.

איך האָב גערדריקט זיין האַנט און מיר האָבן ביידע געשמייכלט, צופרידענע.

אַרום אונדז איז געווען טומלדיק. די סאָלדאַטן האָבן געזונגען און געשפּילט אויף גיטאַרעס און האַרמאָשקעס. די שיף־ראַדיאָ האָט איבערגעגעבן די לעצטע מלחמה־נייס. גאַנץ אָפט האָט זיך די שיף צעטרובעט.

מיר ביידע זיינען אַוועק פון פאַרענטש און געזוכט אַ שטילן ווינקל. מיר האָבן אים געפונען לעבן דער גרויסער ראָד, וואָס ציט אַרויף און לאָזט אַרונטער דעם אַנקער אין וואַסער. מיר האָבן זיך אויסגעשפּרייט אויפן דיל. די זון האָט געוואַרעמט, די לופט האָט געשמעקט מיט געזאָלצענעם וואַסער.

מיר האָבן ביידע פאַררייכערט, משה קאַפּלאַן אַ פּאַפּיראָס און איך מיין ליולקע. דער טאַבאַק האָט גוט געשמעקט. דער ווינט האָט פונאַנדערגעטראָגן דעם רויך פון פּאַפּיראָס און ליולקע.

איך געדענק נאָך איצט די אַלע קלייניקייטן, זיי האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון.

נייגעריקע זיינען מיר אַזוי געזעסן, מיר ביידע, און פונאַנדערגעפרעגט איינע די אַנדערע וועגן אונדזערע לעבנס, איידער מיר זיינען געוואָרן סאָלדאַטן.

די פראַגעס און ענטפערס האָבן פאַרקניפּט אונדזער ערשט געוואָרענע פריינדשאַפט אויף אייביק.

איך זאָג „אויף אייביק״, ווייל כאָטש משה קאַפּלאַן געפינט זיך נישט מער לעבן מיר „פיזיש״, איז ער אָבער מיט מיר „גייסטיק״, וואָס איך האַלט, אַז דאָס איז אַ גרעסערע מדרגה.

מיר האָבן זיך ביידע געחברט אויף דער שיף טאָג און

נאַכט. די איינזאַמקייט, וואָס מיר האָבן געהאַט געפילט, ווען מיר האָבן פאַרלאָזט אַמעריקע, איז שוין איצט געווען אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט.

משה האָט מיר געזאָגט: — ווייסט, הורוויץ, איך וויל דיר אויסזאָגן אַ סוד. ווען אַנקל סעם האָט מיך גערופן גיין דינען, און איך האָב איבערגעלאָזט הינטער זיך מיין אַרבעט און געזעלשאַפט־לעכע טעטיקייטן, און כ׳בין אַריינגעפאַלן אין אַ נייער וועלט פון ביקסן און מונדירן און סאָלדאַטן, האָב איך זיך דערפילט זייער איינזאַם. אָפּגעריסן פון דער פאַמיליע און פריינד און פון דער יידי־שער גאַס, אין אַן אומגעבונג פון ניט־יידן, האָב איך זיך אויסגעוויינט דאָס האַרץ און באַדויערט מיין גורל. איצט אָבער, האָב איך איינ־געזען, אַז אייגנטלעך בין איך דאָך ניט דער איינציקער, וואָס געפינט זיך אין אַזאַ לאַגע. אויך אַלע אַנדערע סאָלדאַטן קוועטשט דער שוך. יעדערער פילט זיך איינזאַם. טיף אין האַרצן טליעט ביי אַלע סאָלדאַטן אַ האָפענונג, אַז אייביק וועט מען דאָך ניט דינען אין דער אַרמיי. אַ מאָל וועט דאָך די מלחמה קומען צו אַ סוף, און מיר אַלע, אַנקל סעמס סאָלדאַטן, יידן און ניט־יידן, וועלן אויס־טאָן די מונדירן און צוריקקומען צו דעם, וואָס מיר האָבן איבערגע־לאָזט אין אונדזערע היימען. האָסטו ניט דורכגעלעבט און דורכגע־טראַכט דאָס זעלביקע?

— נאָך ווי — האָב איך אים געענטפערט — מיר ליגט נאָך גאַנץ גוט אין די ביינער מיינע געפילן און שטימונגען פון די ערשטע טעג אין דער אַרמיי. פונקט אַזוי ווי דו בין איך געווען איינזאַם צווישן טויזנטער סאָלדאַטן.

נאָך דעם דאָזיקן שמועס זיינען מיר שוין איבערגעגאַנגען אויף „דו“ און צו מאַמע־לשון, יידיש.

איין מאָל, ס׳איז געווען אַ פרייטיק אין דער פרי, האָט משה געזאָגט צו מיר: „ווייסט, מאיר, היינט אָוונט וואָלטן מיר געדאַרפט אָפּהאַלטן „סוירוויסעס“ יידישע. מיר וועלן צונויפרופן די יידישע סאָלדאַטן און איינלאַדן דעם פּראָטעסטאַנטישן טשעפּלעין זאָגן עטלעכע ווערטער. קיין יידישן טשעפּלעין האָבן מיר דאָך דאָ ניט.

— „סוירוויסעס“, — האָב איך זיך געוואונדערט — ביסטו דען אַ פרומער ייד, משה?

— „עס האָט ניט צו טאָן מיט פרומקייט“ — האָט ער גע־

ענטפערט ערנסט — דער פאָטער מיינער איז געווען אַ פרומער ייד. איך בין אַ הייסער ייד, אָבער ניט קיין פרומער. בין איך דען קיין ייד ניט, ווייל איך גיי ניט אין שול דאַוונען?

— אָבער גאָטעס־דינסט פראָווען שמעקט מיט רעליגיע, משה.

— האָב איך אים געענטפערט — און ווי קום איך צו דינען גאָט, אַז אין שול גיי איך ניט און דאַוונען דאַוון איך ניט?

משה האָט אַ צי געטאָן דעם פּאַפּיראָס און אַ ווײַלע האָט ער געשוויגן. דאַן האָט ער געזאָגט:

— הער זיך איין, מאיר, מיט וואָס זאָלן מיר יידן זיך אידענטיפיצירן? מיט רעליגיע? מיט שפּראַך? איך בין אַ ייד. דו ביסט אַ ייד. פאַר וואָס? ווייל מיר ריידן יידיש? ווייל מיר טראָגן יידישע נעמען? ווייל אונדזערע עלטערן זיינען יידן? מיר מוזן דאָך האָבן עפּעס אַ צייכן, עפּעס אַ סימן, וואָס זאָל ווייזן דער וועלט, אַז מיר זיינען יידישע זין.

ער האָט אַריינגעוואָרפן דעם אויסגערייכערטן פּאַפּיראָס אין שוימיקן וואַסער, און אַ כוואַליע האָט עס איינגעשלונגען. ער האָט פאַררייכערט אַ פרישן פּאַפּיראָס. איך האָב געבלאָזן דעם רויך פון מיין ליולקע. אַרום אונדז איז געווען טומלדיק. מיר אָבער האָבן זיך געפונען אין אַן אַנדערער וועלט. דער שמועס אונדזערער האָט אויפגעשטעלט אַ וואַנט צווישן אונדז און די אַנדערע סאָלדאַטן.

— דער כוח פון אונדזער יידישקייט — האָט מיין חבר ווייטער גערעדט — ליגט אין אָט דעם דאָזיקן זעקסשפּיציקן מגן דוד, דו זעסט?

איך האָב גאָר ניט באַמערקט ווי ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ זילבערנעם מגן דוד.

איך האָב גענומען דעם מגן דוד און אים אַוועקגעלייגט אויף דער פלאַך פון מיין האַנט. די זון האָט אָפּגעזילבערט דעם מעטאַל. דאָס וואָרט „ציון" האָט געפינקלט. מיט אַ פינגער האָב איך געריבן די שפּיצן, געוואויגן דעם סימבאָל און געשוויגן.

שפּעטער בין איך מיט משהן אַוועק צום טשעפּלעין און איינגעלאַדן אים צו אונדזערע „סוירוויסעס". ער האָט גערן די איינלאַדונג אָנגענומען.

אין אָוונט האָבן זיך די יידישע סאָלדאַטן צונויפגעקליבן אין סאַלאָן פון דער שיף און אַ יידישער פּאַראַשוטיסט פון פילאַדעלפיע

איז געווען דער חזן. אייניקע האָבן מיטגעדאַוונט, אַנדערע האָבן זיך נייגעריק צוגעהערט צום חזן און עטלעכע האָבן בלויז „אָמן" געענטפערט.

בעת מעשה האָב איך געהאַלטן אין איין טראַכטן וועגן דעם, וואָס משה האָט מיר געזאָגט אין דער פרי: „דער כוח פון אונדזער יידישקייט ליגט אין דעם זעקסשפּיציקן מגן דוד. ער אידענטיפי־צירט אַלע מינים יידן, אי דעם פרומען דאַוונער, אי דעם שווייגער און אויך דעם הייסן יידן".

דאַן האָט דער טשעפּלעין געהאַלטן אַ קליינע דרשה אויף דער טעמע, וואָס אין אונדזער לאַנד האָט יעדערער אַ רעכט צו דינען זיין גאָט; ייד אָדער קריסט, ס'מאַכט ניט אויס וואָס מען איז, אָבער רעליגיעזע פרייהייט האָבן מיר סיי אין ציווילן לעבן און סיי אין דער אַרמיי. מיר אַלע דאַרפן זיין שטאָלץ מיט דעם דאָזיקן פאַקט, האָט ער פאַרענדיקט.

***

די טעג זיינען געלאָפן איינע נאָך די אַנדערע. אי ביי טאָג, אי ביי נאַכט האָבן מיר זיך צו עפּעס געגרייט, די אָפיצירן און די סאָלדאַטן. אין די גרויסע היצן פלעגן מיר שפּרינגען פון די עראָפּ־לאַנען, געלערנט זיך שיסן אין ציל, געלאָפן, געשפּרונגען און מידע פלעגן מיר זיך וואַרפן אויף די געלעגערס אָן עסן. מיר האָבן פאַרלוירן דעם אַפּעטיט. דאַן האָט מען אונדז אָנגעזאָגט, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועלן מיר ענדלעך פליען און שפּרינגען אויפן שונא, שוין ניט אויף צו פלייסן. וואו דאָס וועט זיין, האָט מען גע־האַלטן בסוד.

ווען די באַשטימטע צייט איז געקומען, האָבן מיר אָנגעטאָן די ביקסן און מעסערס, אין די גרויסע קעשענעס האַנטגראַנאַטן אַריינגעלייגט, און מאַפּעס ספּעציעלע מיטגענומען, אויך פּאַפּיראָסן און קעסטלעך „געקענטע" עסנוואַרג.

אין טראָקס זיינען מיר אָפּגעפאָרן צום פליפעלד און דאָרטן געוואַרט. די לעצטע שעה האָט זיך געצויגן ווי אַן אייביקייט. עס האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער אָפּפליען און וואָס שנעלער באַגע־גענען דעם שונא.

***

משה האָט געוואָלט זיך אַראָפּריידן פונם האַרצן, אַרויסזאָגן זיינע לעצטע געדאַנקען:

„איז עס ניט מאָדנע, מאיר? מיר האָט זיך קיין מאָל ניט געחלומט, אַז איך וועל אַ מאָל האַלטן אַ ביקס אין האַנט און שפּרינגען פון אַן עראָפּלאַן. פון דער נאַטור בין איך אַ שטילער מענטש. איך האָב ליב צו לייענען, גיין צו לעקציעס, און בכלל זיין געזעלשאַפטלעך טעטיק אויף דער יידישער גאַס. אָבער מלחמה האַלטן מיט עמעצן און לערנען זיך צו זיין אַ סאָלדאַט — דאָס האָט זיך מיר בשום אופן קיין מאָל ניט געחלומט. אַ מאָדנע וועלט און אַ טשי־קאַווער לעבן!"

***

שפּעטער זיינען מיר געזעסן אין עראָפּלאַן און געציילט די מינוטן ביז מיר וועלן דערגרייכן סיציליע. אַהין זיינען מיר געפלויגן שלאָגן זיך.

ווען מיר האָבן דערגרייכט דעם אינדזל און געשטאַנען אין עראָפּלאַן גרייט צו שפּרינגען, איז אונדז געווען הייס און קאַלט...

אַרום אונדז זיינען געפלויגן קוילן און באָמבעס. אין דער נאַכט האָבן די „פייערווערק" אָנגעמאַכט אַ גרויסן טומל.

ווען מיר האָבן גענומען אַרויסשפּרינגען פון עראָפּלאַן, לויטן באַפעל פון אונדזער אָפיציר, האָבן דעם שונאס קוילן אונדז אָנגעיאָגט און איין פּאַראַשוטיסט איז געפאַלן טויט, אַזוי שטייענדיק אין דער ריי גרייט צו שפּרינגען.

איך בין אַרויסגעשפּרונגען און משה הינטער מיר. קוילן האָבן געהאָגלט אַרום אונדז, עראָפּלאַנען האָבן זיך אָנגעצונדן און געקראַכט מיט אַ מוראדיקן בראַזג.

מיין פּאַראַשוט האָט זיך גוט געהאַלטן. איך האָב געטראַכט און געהאָפט, אַז אויך משהס פּאַראַשוט האַלט זיך גוט.

ווען מיין פּאַראַשוט האָט אָנגערירט די ערד, האָב איך זיך איבערגעקוליעט, געבליבן ליגן אויף דער פּלייצע און גיך אויס־געטאָן דעם כאָמעט פון זיך. מיט דער ביקס אין האַנט בין איך

געקראַכן אויף אַלע פיר צו אַ פריער באַשטימטן פונקט. פינצטער איז געווען, בלויז דער פייער פון ביקסן און האַרמאַטן האָט באַלויכטן דעם אַרום.

איך האָב דערהערט ווי עמעצער פויזעט לעבן מיר. מיטן פינגער אויפן צינגל פון דער ביקס האָב איך געוואַרט. יענער האָט מיך אויך דערהערט. אויך ער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— „יענק״? — האָט יענער אויסגערופן.

— „יענק״ — האָב איך געענטפערט. — קום צו נענטער.

קען זיין, אַז ער איז גאָר אַ נאַצי, האָב איך געטראַכט. אויב יע, וועל איך שיסן. ער איז צוגעקומען נענטער און איך האָב דערזען משהן, מיין גוטן, ליבן חבר משהן.

מיר האָבן זיך אַרומגעכאַפּטביידע, געקוקט זיך אין די אויגן און שיר זיך ניט צעוויינט פון פרייד.

— ביסט אַראָפּגעקומען בשלום, מאיר ?

— יע, און דו אויך ?

ביידע צוזאַמען האָבן מיר געפונען אונדזער פּלאַטון, אָבער ניט אַלע האָבן זיך אָפּגערופן. עס האָבן געפעלט פּאַראַשוטיסטן.

זיינען זיי געווען טויט, געפאַנגען געוואָרן, אָדער פאַרוואונדעט ? מיר האָבן ניט געוואוסט.

מיר, די פּאַראַשוטיסטן, האָבן זיך גערוקט נענטער צום שונאס פּאָזיציע ביז אַ דייטשישע מאַשין־ביקס־נעסט האָט אונדז פאַרהאַלטן און מיר האָבן ווייטער ניט געקענט גיין.

נאָך איידער אונדזער אָפיציר האָט צייט געהאַט צו געבן אַ באַפעל, האָט משה געבעטן דערלויבעניש איינער אַליין אָפּצוראַמען דעם שונא פונעם דערבייאיקן וועג. דער אָפיציר האָט מסכים געווען.

משה האָט זיך שטילערהייט אַוועקגערוקט. מיר האָבן געוואַרט. עס האָט זיך דערהערט אַ שיסן פון אַ מאַשינביקס און אַ קראַך פון אַ האַנטגראַנאַט.

אונדזער גרופּע פּאַראַשוטיסטן האָט זיך צוגערוקט נענטער צום פּלאַץ, וואו ס׳איז פאַרגעקומען די שיסעריי. דער דייטשישער מאַשין־ביקס־נעסט איז געווען חרוב און צעריסן. דערביי איז געלעגן אַ טויטער... משה קאַפּלאַן.

ער האָט זיין שליחות אויסגעפירט ווי אַ העלדישער סאָלדאַט ;

ווי אַ ייד און אַמעריקאַנער האָט ער גענומען נקמה פון די שונאים, און אָפּגעגעבן זיין יונג לעבן פאַר אַ גרויסער און הייליקער זאַך.

אַזוי האָב איך אים געפונען, אַ טויטן מיט קוילן אין ברוסט. דעם העלעם איז אים אַראָפּגעפאַלן פון קאָפּ און איז געלעגן אַן אַ זייט מיט דער ביקס.

דאָס האַרץ ביי מיר האָט זיך כמעט ווי אָפּגעשטעלט.

„משה קאַפּלאַן! משה קאַפּלאַן!" — האָט אַן אינעווייניקסטער קול פון האַרצן ביי מיר גערופן.

און עפּעס אַן אינעווייניקסטער קול האָט זיך אָפּגערופן און אַרויסגעוויינט די איינציקע ווערטער וואָס כ'האָב געקענט זאָגן: „יתגדל ויתקדש שמה רבא".

משה קאַפּלאַן איז צוגענומען געוואָרן צו אַ שלאַכטפעלד בית־עלמין. זיין מצבה וועט באַצייכנט זיין מיט אַ „מגן־דוד".

סיציליע, 1943.

בילדער

זונטיק

אין דער פרי שטייט מען אויף אַ ביסל שפּעטער. כאָטש זונ־טיק איז ניט קיין רוטאָג, דאָך פילט מען זיך יום־טובדיק אויפן הארצן. די קריסטלעכע סאָלדאַטן גייען אין טשעפּל צו גאָטעסדינסט. זיי טוען אָן אַ ריינעם מונדיר, פּוצן די שיך. גרופּעסווייז גייען די קאַ־טאָליקן און פּראָטעסטאַנטן בעטן גאָט.

דער פרימאָרגן איז אַ שיינער. די זון ליגט אין די בערג, וואָס אַרום לאַגער. עראָפּלאַנען גליטשן זיך איבערן הימל. זיי פליען גאַנץ נידעריק און עס לאָזט זיך הערן דאָס רוישן פון די מאָטאָרן.

סיציליער קומען אין לאַגער מיט זייער סחורה. זיי נעמען אַלץ פונאַנדער, לייגן עס אויס אויפן גראָז. די סאָלדאַטן קויפן אויס־געניייטע נאָזטיכלעך, שפּיגעלעך, קעמעלעך און אַנדערע זאַכן. אויך אייער און ניס האָבן זיי צו פאַרקויפן.

נאָכן פרישטיק גייט זיך יעדער סאָלדאַט צו זיין אַרבעט, און טאָן איז פאַראַן וואָס. דער טראָק דאַרף פאָרן נאָך וואַסער און עסנוואַרג. די קובערס גרייטן צו דעם מיטאָג. דאָ דאַרף מען ריי־ניקן און קערן און וואַשן. דער „מעיל אָרדערלי‟ קלייבט צונויף אַלע בריוו. דער סאַרדזשענט גייט אַרום און גיט אַכטונג, אַז אַלץ זאָל געטאָן ווערן ווי עס דאַרף צו זיין.

קיין פאַרוויילונג איז אין לאַגער ניטאָ. אין אָוונט, איין מאָל אַ וואָך, ווייזט מען יאָ אַלטע פילמען, און ווען־ניט־ווען קומט אַ פילם־סטאַר פון האָליוואוד און אַמוזירט די סאָלדאַטן.

קיין צייטונגען, ביכער, ראַדיאָס זיינען ניטאָ. אַ טעגלעכער בולעטען, מימיאָגראַפירט אין דער הויפּט־קוואַרטיר, ברענגט די לעצטע נייס. לייענט מען מיט אינטערעס.

מען לאַנגווייליקט זיך אַ גאַנצן טאָג. עס פעלן ניט קיין קאָרטן־שפּילערס. געלט האָט מען, דאַרף מען דאָך עפּעס טאָן מיט דעם. שפּילט מען אין קאָרטן אַ גאַנצן טאָג און ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

ניט אַלע מאָל איז דער סאָלדאַט אויפן שלאַכטפעלד. ווען ער שלאָגט זיך ניט, גרייט ער זיך צום קאַמף און לערנט זיך צו דאָס וואָס אים פעלט. רעוואָלווערן, מאַשינביקסן, אויפרייסשטאָף — אין פעלד פּראַקטיצירט מען מיט דעם נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל. יעדער פּלאַטון האָט זיך זיין „טרעינינג־פּראָגראַם" יעדן זונטיק ביי טאָג.

מען שרייבט בריוו אַהיים. אַ בריוו איז ביים סאָלדאַט דאָס גאַנצן לעבן. עלטערן, פרויען, געליבטע, פריינד — דער פאָדעם ציט זיך פון דער היים אַזש אַהער קיין סיציליע. דער איינציקער קאָנטאַקט מיט אַמעריקע איז דורך בריוו.

דער אונטערשייד אין צייט איז פינף שעה. ווען אין אַמעריקע איז דער זייגער 12 (מיטאָג), איז דאָ פינף אַזייגער נאָך מיטאָג. ווייס יעדער סאָלדאַט, וואָס די פאַמיליע טוט אין דער און דער צייט. זונטיק אין דער היים און זונטיק דאָ, ניט ווייט פון שלאַכט־פעלד.

סאָלדאַטן זיינען די סענטימענטאַלסטע מענטשן. אַלץ דער־מאָנט זיי אָן דער היים, אָן ווייב און עלטערן. קען עס דען אַנדערש זיין?

ווען דער סאָלדאַט עסט דאָ וועטשערע פינף אַ זייגער, עסט זיין משפחה מיטאָג, אַלע זיצן ביים טיש (אַזוי שטעלט ער זיך פאָר), קינדערלעך לויפן אַרום איבערן הויז, די ראַדיאָ שפּילט, מען רעדט וועגן דער מלחמה, וועגן אים געוויס, און אַזוי ווייטער. און אויפן האַרצן איז קאַלעמוטנע.

און פון דער היים איז ער אַזוי ווייט, טויזנטער מיילן. די היים! איז עס ניט אַ מאָל אַ חלום, אַן אויסגעטראַכטע זאַך? ווען איז ער געשלאָפן אין אַ ווייכער, וואַרעמער בעט? ווען האָט ער געגעסן דער מאַמעס געקעכץ? אפשר מיט הונדערטער יאָרן צוריק...

דער טאָג איז אַזאַ לאַנגער. די שעהן שלעפּן זיך. עס וואָלט שוין בעסער געווען, אַז קיין זונטיק וואָלט אין גאַנצן ניט געווען. דער דאָזיקער טאָג דערמאָנט צו פיל אָן דעם, וואָס איז אַ מאָל געווען און דאָס וואָס מען האָט איבערגעלאָזט הינטער זיך.

זונטיק אין דער היים, זונטיק דאָ — אַ ווייטער מהלך.

סאָלדאַטן זיצן און שמועסן און דערציילן זיך עפּיזאָדן פון

שלאַכטפעלד, דערמאָנען חברים וואָס זיינען שוין מער ניטאָ צווישן די לעבעדיקע, און דיסקוטירן די מלחמה — ווען, וואו און ווי אַזוי זי וועט זיך ענדיקן.

אַזוי איז זונטיק.

קריסטמעס

עס דערנענטערט זיך דער הייליקסטער קריסטלעכער יום־טוב — קריסטמעס.

קען איך גוט פאַרשטיין און מיטפילן די קריסטלעכע סאָלדאַטן. זיי וועלן היינטיקס יאָר ניט פייערן דעם יום־טוב מיט זייערע ליבסטע. נאָר אין גייסט וועלן זיי זיין צוזאַמען.

גייען זיי אַרום אומעטיקע און דערמאָנען די קריסטמעס יום־טובים, וואָס זיינען פאַרביי. זיי לעבן דורך יעדן מאָמענט, יעדע שעה פון אַמאָל אין דער היים.

קיין שניי איז דאָ, אין סיציליע, ניטאָ. אין די שטאַטן איז איצט ווינטער. דאָ ביי אונדז איז זומער. אין דער היים גרייטן זיך אַלע קריסטן צום הייליקן יום־טוב און דאָס גרייטן זיך איז אויך יום־טוב.

די קריסטלעכע סאָלדאַטן האָבן זיך ניט צו וואָס צו גרייטן. היינטיקן קריסטמעס וועט מען זיין אויפן שלאַכטפעלד און אויס־קעמפן אַ פרידלעכן קריסטמעס אויף די קומענדיקע יאָרן.

פון דער היים קומען שוין אָן קריסטמעס־קאַרטלעך און אַלע ריכטן זיך אויף פעקלעך מתנות. דאָס וואַרטן אויף דעם גיט אַ ביסל האָפענונג און בטחון. און איין גאָט ווייס, אַז דער סאָלדאַט דאַרף האָבן ביידע זאַכן.

קיין קריסטמעס־קאַרטלעך קען מען דאָ, אין סיציליע, ניט באַקומען. מאַכט מען זיך אייגענע קאַרטלעך פון פשוטן פאַפיר, מיט צייכענונגען און ווינטש־ווערטער. די איינציקע שרייב־אינ־סטרומענטן, וואָס דער סאָלדאַט האָט, איז אַ בליישטיפט און אַ פען...

זיצן קריסטלעכע סאָלדאַטן און גיסן אויס זייערע הערצער אויף פראָסט פאַפיר, וואָס וועט אָנקומען צו זייערע ליבסטע.

סיציליע, נאָוועמבער, 1943.

איטאליע

אויפֿן וועג צום איטאַליענישן פראָנט

1

אַ רעגן איז געגאַנגען, קאַלט איז געווען, און מיר האָבן זיך געשלעפּט אין טראָקס צום שיף. אונטער אַזעלכע אומשטאַנדן איז ביטער אויפֿן האַרצן, בפרט נאָך ווען מיר האָבן געפּרואווט טרעפֿן וואוהין מיר פֿאָרן.

ביז מיר זיינען אָנגעקומען צום שיף, האָבן מיר זיך אויסגע־ווייקט דורך און דורך. פֿון טראָק זיינען מיר אַראָפּגעשפּרונגען גלייך אין בלאָטע. די פּעק אונדזערע האָבן מיר געמוזט אַליין אַרויפֿשלעפּן אויפֿן שיף. אַלע האָבן געשאָלטן דעם טייוול און געשטופּט איינע די אַנדערע וואָס גיכער אַרויף אויפֿן שיף.

עס האָט גענומען לאַנג, און אַלץ איז צוגעגאַנגען פֿאַמעלעך. ווען מיר האָבן שוין באַטראַכטן די שיף, זיינען מיר געווען מיד און בייז אויף דער גאַנצער וועלט. מיר האָבן זיך אַנידערגעוואָרפֿן אויף דעם האַרטן דיל, און אין טומל און שטופּעניש ווי עס איז געמאַכט געלעגערס.

מיר האָבן צו רעכט געמאַכט אונדזערע געלעגערס און פּעק און זיך אַרומגעקוקט וואו מיר זיינען.

דער ערשטער טאָג איז גיך פֿאַרביי. אַזוי איז עס שטענדיק אויף אַזאַ רייזע. מיר האָבן זיך באַקענט מיט דער שיף און מיט די מאַטראָסן. סאָלדאַטן און מאַטראָסן האָבן זיך דורכגערעדט און געוואָר געוואָרן אַז זיי וואוינען אין דער זעלביקער שטאָט אָדער שטעטל.

די מערסטע פֿון אונדז האָבן אַ גאַנצן טאָג שפּאַצירט אויפֿן דעק, אָדער געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן פֿאַרענטש און געשמועסט וועגן אַלץ אין דער וועלט.

2

אויף דער שיף האָבן זיך אויך געפֿונען ענגלישע סאָלדאַטן, וואָס זיינען געפֿאָרן מיט אונדז — וואוהין האָבן מיר נאָך ניט געוואוסט.

די ענגלישע סאָלדאַטן האָבן מיך שטאַרק אינטערעסירט. מיר האָט זיך געוואָלט וויסן, וואָס זיי טראַכטן, ווי פֿילן זיי, אַז די סאָלדאַטן, וועמעס היימען און פֿאַמיליעס ווערן באָמבאַרדירט פֿון שונא יעדן טאָג.

צו ערשט האָבן זיך די ענגלישע סאָלדאַטן געהאַלטן ווייט פֿון אונדז. זיי פֿלעגן זיצן אין גרופּקעלעך און שמועסן און לאַכן, פּונקט אַזוי ווי מיר. שפּעטער, אָבער, האָבן מיר גענומען זיך באַקענען מיט זיי, כאָטש צו פֿריינדלעך זיינען זיי ניט געווען. מיר האָבן זיך אַפֿילו געטיילט מיט פּאַפּיראָסן און עסן, דאָך האָט געפֿעלט די גוט־ברודערישקייט וואָס מען טרעפֿט צווישן די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן.

זיי האָבן אונדז דערציילט וועגן זייערע היימען און פֿאַמיליעס אין ענגלאַנד, סקאָטלאַנד און אירלאַנד. אונדז האָט אינטערעסירט זייער אופֿן פֿון לערנען זיך סאָלדאַטישע אין זייער אַרמיי. מיר האָבן זיך געטוישט מיט מיינונגען און אַפֿילו געוויזן איינע די אַנדערע ווי מען מושטירט, ווי מען סאַלוטירט אד״גל.

די ענגלישע אויסשפּראַך איז גאַנץ אַנדערש פֿון אונדזערער. צו ערשט איז אונדז שווער געווען זיי צו פֿאַרשטיין, אָבער גאָר גיך האָבן מיר אויפֿגעכאַפּט זייער לשון.

ביי מיר איז געבליבן דער איינדרוק, אַז דער ענגלישער סאָלדאַט איז פֿיל מער ערנסט פֿון דעם אַמעריקאַנער סאָלדאַט. זיי האָבן פֿאַרט אַן אַנדער באַציאונג צו דער מלחמה, אַרמיי און צום שלום, וואָס דאַרף קומען.

3

איך בין געזעסן און זיך געוואָרעמט אויף דער זון. לעבן מיר זיינען געשטאַנען דריי סאָלדאַטן און גערעדט שפּאַניש. איינעם פֿון זיי האָב איך געקענט. ער איז געווען אַ מעקסיקאַנער, פֿון ביי־

מעקסיקאַ. פּנימער — אָפּגעברענטע פון דער זון, צײן — װײַסע און גלײַכע, אױגן — לאַכעדיקע. זײַנען די דרײַ געשטאַנען און האָבן געלאַכט אױפֿן קול.

איך האָב זיך צוגעהערט צו זײער מאַמע־לשון. זײער שפּאַניש האָט געקלונגען שײן און מוזיקאַליש. כאָטש זײ האָבן גערעדט אַן אױסגעצײכנטן אַמעריקאַניש, אָן אַן אַקצענט; כאָטש אַלע דרײַ זײַנען געװען אַמעריקאַנער געבױרענע — דאָך האָבן זײ צװישן זיך גע־רעדט ניט ענגליש, נאָר זײער אײגענע שפּראַך.

זינט איך בין אין דער אַרמײ, האָב איך זיך נאָך אױף אַזױנס ניט אָנגעשטױסן צװישן ײדישע סאָלדאַטן.

4

דעם פערטן טאָג אױפֿן װאַסער, האָט מען אונדז אױסגעזאָגט דעם סוד, אַז מיר פֿאָרן קײן איטאַליע. ענדלעך האָבן מיר געװאוסט װאו מיר װעלן זיך געפֿינען גאָר אין גיכן.

איך בין חושד, אַז דאָס דערװיסן זיך, אַז מיר פֿאָרן קײן איטאַליע, האָט צערודערט אַ היפּש ביסל סאָלדאַטן. איטאַליע, פֿראַנט, שלאַכטפֿעלד — דאָס רעכטע געדיכטע. פֿריער אָדער שפּעטער מוז יעדער סאָלדאַט פֿאַרזוכן דעם טעם פֿון קריג.

5

קײן הײסע װאַסער האָבן מיר ניט געהאַט, נאָר פֿאַרע. מיר פֿלעגן אָנפֿילן אַ קרוג מיט קאַלט װאַסער, אונטערשטעלן עס אונ־טערן רער, און די פֿאַרע פֿלעגט אַרײַנשיסן אין קרוג. עס פֿלעגט אָבער דױערן לאַנג, און שטײן אין דער רײ אַ שעה צײַט אין װינט און רעגן האָט זיך ניט געגלוסט. האָבן מיר ניט געהאַט קײן חשק זיך צו װאַשן אין דער פֿרײ מיט קאַלט װאַסער. אײן מאָל איז אָבער אַרױס אַ באַפֿעל, אַז אַלע סאָלדאַטן מוזן זיך ראַזירן יעדן טאָג. דאָס איז אונדז ניט געװען צום האַרצן. מיר האָבן ניט געקענט פֿאַרשטײן צוליב װאָס מיר דאַרפֿן זיך ראַזירן אױפֿן ים.

די מערסטע פֿון אונדז האָבן טאַקע איגנאָרירט דעם באַפֿעל און זיך ניט ראַזירט. האָט מען אונדז דערפֿאַר באַשטראָפֿט. װען עס איז

געקומען צום עסן און מיר זיינען געשטאַנען אין דער ריי, איז אַן אָפיציר דורכגעגאַנגען דורך דער ריי און האָט ניט־געגאָלטע גע־הייסן גלייך אָפּראַזירן זיך. פאַרשטייט זיך, אַז עסן האָבן מיר שוין ניט געקענט, אַז איידער וואָס ווען האָט מען שוין אַלעמען אָנגע־קאָרמעט, און מיר האָבן געמוזט עסן „רעשאָנס".

אָט די שטראָף האָבן מיר אָבער אויפגענומען גוטמוטיק. אַפּילו אויפן ים — האָבן מיר געשפּאַסט — האַלט די אַרמיי אָן איר דיס־ציפּלין.

6

קיין אויסערגעוויינלעכע זאַכן האָבן אויף דער רייזע ניט פּאַ־סירט. מיר האָבן זיך געפילט אַ מאָל בעסער, אַ מאָל ערגער. דאָס האָט זיך געווענדט אָן ים. אַנדערע טעג זיינען געווען שיינע און וואַרעמע, און אַנדערע — קאַלטע און רעגנדיקע.

ווען מיר זיינען אַריינגעפאָרן אין די פיינדלעכע וואַסערן, האָט די שיף אַרומגעוואָרפן אַרום זיך אַ נעץ, כדי צו באַשיצן זיך פון שווימענדיקע וואַסער־מינעס.

ווען מיר האָבן, שפּעטער צו, דערזען דעם ברעג פון איטאַליע, האָבן מיר זיך אַרומגעקליבן אַרום אַלע זייטן פון שיף און געקוקט, געקוקט אויפן איטאַליענישן ברעג.

איטאַליע איז געווען דאָס דריטע לאַנד אין אונדזער וואַנדער־וועג, נאָך צפון־אַפריקע און סיציליע.

איך, און איך בין זיכער אַז אויך די אַנדערע, האָבן געטראַכט וועגן איטאַליע און וואָס אונדז דערוואַרט אין נייעם לאַנד.

איטאַליע, יאַנואַר, 1944.

מען פירט אונדז עסן

מיר האָבן זיך געפונען אין אַן אַפּרולאַגער ניט ווייט פון פראָנט. צייט האָבן מיר געהאַט, זיינען מיר אַוועק אין שטאָט זען וואָס עס טוט זיך.

דער טאָג איז געווען אַ שיינער און אַ וואַרעמער. עס איז געווען אַנגענעם צו שפּאַצירן אַזוי, פריי פון אַרמיי־לעבן, כאָטש צייטווייליק.

די גאַסן זיינען געווען פול מיט מענטשן און סאָלדאַטן אַלערליי: אַמעריקאַנער, ענגלישע, איטאַליענישע, פראַנצייזישע, קאַנאַדער און אַפילו סאָלדאַטן פון ניי־זעלאַנד און אינדיע.

די געשעפטן, מואווי־הייזער, אייז־קרים פּאַרלאָרס זיינען גע־ווען געפּאַקט. קיין גרויסער אונטערשייד פון דער שטאָט ביז אַ גרויסער שטאָט אין אַמעריקע האָט זיך ניט געמערקט. מענטשן, געשעפטן אַלערליי, טראַפיק, אַ שטופעניש — גרויס־שטאָט דאָ ווי אין ניו־יאָרק אָדער שיקאַגאָ אָדער לאָס־אַנדזשעלעס. דער גרויסער אונטערשייד איז דאָ דאָס לשון: איטאַליענישע שילדן, צייטונגען און ביכער, כאָטש אַ סך געשעפטן האָבן שוין אַרויסגעהאַנגען שילדן אין ענגליש.

אויף דער הויפּטגאַס האָבן זיך הין און צוריק אַרומגעדרייט קינדער און דערוואַקסענע און אָפּגעשטעלט אַלע סאָלדאַטן: „מאַנ־דזשאַרי, מאַנדזשאַרי" (עסן, עסן) האָבן זיי גערופן. קיין רעסטאָראַ־נען זיינען ניט געווען. אין רויטן קרייץ האָט מען מער ווי קאַווע מיט אַ שטיקל קוכן ניט באַקומען און עסן דאַרף מען דאָך, האָבן אַ סך איטאַליענער געעפנט רעסטאָראַנען.

עסן האָט זיך אונדז געוואָלט, אָבער גיין שלעפּן זיך ערגעץ־וואו האָט זיך אונדז אויך ניט געוואָלט. ווייבלעך, מענער, קינדער זיינען נאָכגעגאַנגען און געריסן ביים אַרבל: עסן, עסן, עסן...

ענדלעך האָבן אונדז אָפּגעשטעלט צוויי מיידלעך, יונגע טאָקע, און געפרעגט:

— הערי, דזשאָו (די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן רופן די איטאַ־ליענער מיט דעם נאָמען) ווילסט עסן?

האָבן מיר זיך געקווענקלט: יע גיין, ניט גיין. איידער וואָס־ווען האָבן אונדז די מיידלעך גענומען אונטער דעם אָרעם און אונדז אַוועקגעשלעפּט. און גייענדיק האָבן זיי אונדז אויסגערעכנט וואָס מיר קענען עסן אין רעסטאָראַן: ספּאַגעטי, סטעיק, אייער, קאַרטאָפל און, פאַרשטייט זיך, וויין אָדער שאַמפּאַניער. וועגן פּרייז, אַזוי האָבן זיי אונדז פאַרזיכערט, וועלן מיר שוין דורכקומען.

זיינען מיר זאַלבעפערט געגאַנגען און געגאַנגען דורך גאַסן און געסלעך און ענדלעך האָבן זיי אונדז געבראַכט צום רעסטאָראַן. עס רעדט זיך אַזוי רעסטאָראַן. אין דער אמתן איז דאָס געווען מער ניט ווי אַ דירה אַן אַלטע, אַזוי ווי די מערסטע דירות אין איטאַליע. אין אַזאַ דירה האָבן זיי גענומען אַ צימער, אַריינגעשטעלט אַהין אַ טיש מיט אַ פּאָר שטולן און עס איז געוואָרן אַ רעסטאָראַן.

מיר זיינען אַריין איגעווייניק. די וואוינונג איז געווען אַ פינצ־טערע, אָפּגעלאָזענע. קיין עלעקטרישע באַלייכטונג איז ניט געווען. אַ פּאָר ליכט האָבן זיך געשמעלצט אויפן טיש. אַ טוכלער גערוך האָט אַ שפּאַר געטאָן אין נאָז.

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און לעבן אונדז די מיידלעך. די מאַמע איז אַריין פון דער קליינער קיך און געפרעגט וואָס מיר ווילן: ספּאַגעטי, אייער אָדער ביף־סטעיק. מיר האָבן באַשטעלט ספּאַגעטי, סטעיק און וויין.

איך האָב זיך דערווייל אַרומגעקוקט. די פינצטערניש, די פאַרשמירטע ווענט, דאָס גאַנצע אויסזען פון דער דירה האָט שווער געמאַכט אויפן האַרצן. אַזאַ אָרעמקייט און דחקות. איך האָב געזען סלאַמס ביי אונדז אין אַמעריקע, אָבער ניט אַזעלכע ווי די, וואָס מען זעט דאָ אין איטאַליע.

די היגע באַפעלקערונג לעבט אין אָרעמקייט. די מלחמה האָט דאָ אָנגעמאַכט אַ חורבן. טאַטעס, ברידער, זין זיינען גענומען געוואָרן געפאַנגענע אָדער האָבן פאַרלוירן זייער לעבנס אופן שלאַכטפעלד. די וואָס זיינען פאַרבליבן, די ווייבלעך, מאַמעס און קינדער, קענען ניט צונויפשלאָגן אויף אַ לעבן. האָט מען זיך גענומען צו רעסטאָראַ־נעווען און עס באַצאָלט זיך, ווייל די פּרייזן זיינען גרויס. די קינדער שיקט מען אַרויס אין גאַס און זיי ברענגען אַריין קונדן, מערסטנס

אַמעריקאַנער סאָלדאַטן. דער סאָלדאַט לאַדט שוין איין דאָס מיידל אָדער זון צום טיש און זיי זאָגן זיך קיין מאָל ניט אָפּ. אַזוי עסן זיי און אַזוי לעבן זיי.

מיר און די ביידע מיידלעך האָבן געגעסן און פאַרטרונקען מיט וויין. אַ ביסל ענגליש האָבן זיי גערעדט און מיט אונדזערע צענדלינג איטאַליענישע ווערטער זיינען מיר דורכגעקומען.

וואָס מען וויל קען מען זאָגן וועגן די איטאַליענישע מיידלעך, אָבער אָן אַפּעטיט האָבן זיי, אָן עין הרע, אַ גרויסן און אַ גע־זונטן. איך בין זיי באמת מקנא. זיי האָבן באַשטעלט צו צוויי פּאָר־ציעס. איך און מיין חבר האָבן געשפּאַסט אין ענגליש, אַז ווען אונדזערע מיידלעך, חלילה וחס, וואָלטן אַזוי געגעסן, וואָלטן זיי אונדז בדלות געשטעלט. סיי־ווי־טיי האָבן מיר זיי פאַרגונען מיטן גאַנצן האַרצן.

נאָכן עסן און טרינקען איז אונדז פריילעכער געוואָרן און די מיידלעך האָבן פאַרצויגן אַן איטאַליענישן ניגון. מיר האָבן זיי געגעבן אַ „סעמפּל" פון אַמעריקאַנער לידער.

די מאַמע האָט זיך אויך צוגעזעצט צום טיש, אַן עלטערע פרוי מיט פאַרהאַרטעוועטע הענט און פיל קנייטשן אויפן פנים. מאַמעס זיינען מאַמעס אומעטום, מאַכט ניט אויס צי דאָס איז אין איטאַליע, צי אין אַמעריקע. איך ווייס ניט פאַר וואָס (אפשר דערפאַר וואָס איך האָב זיך דערמאָנט אָן מיין מוטער), נאָר איך האָב אַרויסגענומען קליינע בילדלעך פון מיין משפחה און געוויזן זיי דער מוטער.

האָט זי פון אַ ווינקל אַרויסגענומען עטלעכע בילדער פון איר מאַן און זון. דער מאַן אירער איז געשטאָרבן מיט אַ צייט צוריק און דער זון, האָט זי אונדז דערציילט, איז אַ געפאַנגענער אין אַמע־ריקע.

אַזוי האָבן מיר פאַרבראַכט אַ שטיקל צייט, געטרונקען נאָך אַ פלעשל וויין און גענומען קלייבן זיך „אַהיים".

זי האָט אונדז אויסגערעכנט וויפל איר קומט. דער „ביל" האָט געוויזן אויף אַכט הונדערט לירעס (אַכט דאָלאַר אין אַמעריקאַנער געלט). כאָטש עס איז געווען צו פיל און איר חשבון האָט אונטער־געהונקען, האָבן מיר ניט געמאַכט קיין ווערטער דערפון און באַצאָלט איר אין גאַנצן. דאָס קליינגעלט האָבן מיר אַוועקגעגעבן ביידע מיידלעך.

די מיידלעך זיינען מיט אונדז אַרויס אין גאַס און באַגלייט אונדז אַ האַלבן וועג. נאָך דעם האָבן מיר זיך אָפּגעזעגנט מיט זיי. מיר זיינען אַוועק אין לאַגער און זיי — אויפכאַפּן נאָך קונדן פאַרן „רעסטאָראַן".

אַט אַזוי עסט מען אין איטאַליע.

ערגעץ אין איטאַליע, יאַנואַר 23, 1944.

הינטערן פראָנט

פון פראָנט ביזן שטעטל איז ניט אַזאַ ווייטער מהלך. אין מײלן איז עס גאָר ניט, אָבער אין אונטערשייד איז עס ווי פון גיהנום ביזן גן־עדן.

אויפן פראָנט: טויט, פאַרוויסטונג, קרבנות, רעגן, ווינט, בלאָטע, שניי. ניט מען לעבט, נאָר מען שטופּט די טעג איינע נאָך די אַנדערע. יעדער טאָג איז אַן אייביקייט. שטופּט מען דורך די פיר און צוואַנציק שעה איז מען צופרידן וואָס מען עקסיסטירט נאָך.

גליקלעך איז דער סאָלדאַט וואָס ווערט צוגענומען פון פראָנט אויף ספּעציעלער אַרבעט אין דעם נאָענטסטן שטעטל. וואָס מער קען ער פאַרלאַנגען? אויב עס איז אויסגעפאַלן אויף זיין גורל אַזאַ מזל, איז ער אַוודאי און אַוודאי דער גליקלעכסטער מענטש אין דער אַרמיי.

מיר געפינען זיך ניט ווייט פון פראָנט, אין דעם נאָענטן שטעטל, אויף ספּעציעלער אַרבעט.

אין פאַרגלייך מיטן פראָנט, איז דאָ אַ גן־עדן. פאַר באָמבעס, שראַפּנעלן און קוילן דאַרפן מיר מער ניט מורא האָבן. אין „פוקסן־לעכער״ דאַרפן מיר זיך ניט אויסבאַהאַלטן.

מיר האָבן זיך איינגעקוואַרטירט אין אַ גרויסער געביידע וואָס איז האַלב חרוב. פריער זיינען דאָ געשטאַנען די דייטשן. אויף די ווענט זיינען נאָך פאַרבליבן דייטשישע אויפשריפטן און שילדן. דאָ און דאָרט וואַלגערן זיך דייטשישע צייטונגען.

די פענצטער זיינען צעבראָכן. דער ווינט פייפט אַריין פון איין זייט און פייפט אַרויס פון דער אַנדערער זייט. מיר זיינען אָבער פאַרהיט פון רעגן. דער דאַך איז גאַנץ.

מיר שלאָפן אויף דעם שטיינערנעם דיל. אונדזערע געלעגערס זיינען ניט קיין רויזן־בעטן, דאָך איז עס בעסער איידער ליגן אין בלאָטע אויפן פראָנט. מיר האָבן אויפגעזוכט קאָלדרעס, גאַנצע אָדער

צעריסענע, און ביי נאַכט דעקן מיר זיך איבער מיט אונדזערע סאָלדאַטסקע מאַנטלען. צו וואָרעם איז ניט, אָבער ווי עס איז שטופּן מיר דורך די נעכט.

ערגעץ־וואו האָט אַ סאָלדאַט געפונען אַן אַלט, צעבראָכן אייזוועלע און ער האָט עס ווי עס איז פאַרריכט. איצט האָבן מיר אַ ביסל וואַרעמקייט. האָלץ איז דאָ גענוג. ברעטער און קעסטלעך וואַלגערן זיך צווישן די חורבות, קלייבן מיר זיי צונויף און ברענען דאָס אָנשטאָט קוילן.

ליכטלעך האָבן מיר אויך ערגעץ דערטאַפּט און ביי נאַכט שרייבן מיר בריוו אָדער לייענען אונדזער אַרמיי־צייטונג, די „סטאַרס ענד סטרייפּס“.

אויף דעם זעלביקן אייזעלע קאָכן מיר אויף קאַווע אָדער טיי. דאָס זיינען אונדזערע איינציקע געטראַנקען. פיר פאַר טאָג, ווען מיר מוזן אַרויסקריכן פון אונדזערע געלעגערס צו גיין צו דער „אַרבעט“, בריען מיר אויף קאַווע און עס האָט טעם גן־עדן.

דאָס עסן דאָ ביי אונדז איז ניט שלעכט. אויפן פראָנט עסט מען מערסטנס דאָס וואָס הייסט „רעישאַנס“. אַלץ קומט פאַרטריקנטערהייט אין „קענס“ און דער סאָלדאַט עסט אַלץ קאַלטערהייט. דאָ אָבער קאָכט מען אַלץ פאַר אונדז. דער קריסטמעס־מאַלצייט איז געווען גאָר גוט: אינדיק, ניס, פּאָמעראַנצן, פלוימען און אַפילו פּאַפּיראָסן האָט מען אונדז אויסגעטיילט.

אַזאַ „שטיל“ לעבן האָבן מיר דאָ אין שטעטל. דער מלחמה־פראָנט איז אָבער צו נאָענט, אַז מיר זאָלן פאַרגעסן דאָס שלאַכטפעלד. אַלע טאָג קריגן מיר ידיעות פון דאָרטן: דער און דער אָפיציר איז שוין מער ניטאָ צווישן די לעבעדיקע; יענער סאָלדאַט איז פאַרוואונדעט געוואָרן; סאַרדזשענט „עקס“ איז אַ געפאַנגענער ביי די דייטשן.

עס טרעפט:

אַט ערשט נעכטן האָבן מיר גערעדט מיט אונדזערן אַ חבר און געטרונקען קאַווע צוזאַמען, און היינט דערוויסן מיר זיך, אַז אַ גראַנאַט האָט אים אויפגעריסן און פון אים איז קיין זכר ניט פאַרבליבן. נאָר זיינע אידענטיפיקאַציע־בלעכלעך האָט מען געפונען.

אָדער: לייטענאַנט „בי“ האָט אָנגעפירט אַן אַטאַקע אויף אַ באַרג. די דייטשן האָבן זיך באַפעסטיקט אין די לעכער און מיט מאַשינביקסן פאַרניכטעט דעם לייטענאַנטס פלאַטון. ער, דער לייטענאַנט, איז אויך אומגעקומען.

אַ ליבער, באַשיידענער מענטש איז לייטענאַנט „בי״ געווען. ער האָט ניט געבלאָזן פון זיך ווי אַנדערע אָפיצירן. מיר האָבן אים ליב געהאַט און פאַר אים וואָלטן מיר געקראָכן אין פייער און וואַסער.

איצט דערמאָנען מיר אים צום גוטן. יעדערער דערציילט וואָס ער געדענקט וועגן אים.

נייַן, פון פראָנט קען מען ניט אַנטלויפן. מיט טויזנטער פּע־דעם זיינען מיר פאַרבונדן מיט אים. אונדזערע חברים קעמפן נאָך דאָרטן טאָג און נאַכט, אין רעגן, אין שניי, אין ווינט און אין קעלט.

היינט זיינען מיר דאָ און זיי דאָרטן. מאָרגן וועלן מיר זיין דאָרטן און זיי וועלן פאַרנעמען אונדזערע ערטער דאָ אין שטעטל.

***

עס טרעפט אָפט אַז עס לויפן פאַרביי טעג און וואָכן און מען ווערט אָפּגעפרעמדט פון דער היים. די פּאָסט איז ניט רעגל־מעסיק. קיין אַנדערע פאַרבינדונגען זיינען ניטאָ. די לענדער וואו ער קעמפט — צפון־אַפריקע, סיציליע, איטאַליע — דערמאָנען ניט אָן דער היים. איז ער, דער סאָלדאַט, פאַריתומט, — אַ מענטש אָן אַ לאַנד, וואָס וואָגלט פון איין אָרט צום אַנדערן.

ער דערמאָנט זיך אָן דער היים ווען ער באַקומט בריוו, פּעקלעך, צייטונגען און זשורנאַלן. ווי אַ פרישער ווינט טוט אַ בלאָז מיט היימישקייט; עס ברויזט אינעווייניק די פרייד, כאַטש נעם און ווער צעפּלאַצט. בריוו עפנט ער מיט ציטערדיקע הענט. ער לייענט זיי ניט איין מאָל און ניט צוויי מאָל, נאָר שטענדיק, ווייל דאָס פּעקל בריוו ווערט אַ טייל פון זיין באַגאַזש. וואו ער גייט און וואו ער שלעפט זיך, שלעפט ער מיט די בריוו. די בריוו ווערן זיינס אַ גליד. און ווי קען זיך אַ מענטש שיידן מיט אַ גליד?

איך האָב די טעג באַקומען פון דער היים עטלעכע און פער־ציק בריוו, פּעקלעך, צייטונגען און זשורנאַלן.

אַ ווייל האָב איך פאַרגעסן אָן דער מלחמה, אָן שלאַכטפעלד. איך האָב געלייענט, געלייענט און געלייענט. איך האָב געלייענט די

זשורנאַלן מיט די צייטונגען. עס איז דאָך פון דער היים. עס איז דאָך פון אַמעריקע. פון דער היים!

איך האָב שוין דעם גאַנצן טאָג ניט געקענט רוען. עפּעס האָט צעשטערט דאָס האַרמאָנישע סאָלדאַטן־לעבן אויף אַ ווייל. עפּעס האָט באַאומרואיקט. די אַנדערע וועלט, וואָס איך האָב איבערגעלאָזט הינטער זיך, איז געקומען צו מיר און שוין פאַרבליבן מיט מיר.

אַלץ וואָס איז ריין און מענטשלעך און ציוויליזירט האָב איך אַרויסגעלייענט פון די געדרוקטע זאַכן.

אויב עס איז פאַראַן עפּעס, וואָס דערמאָנט דעם סאָלדאַט אַז ער האָט ערגעץ איבערגעלאָזט אַ טייל פון זיך און דער טייל מאָנט צינזן, איז דאָס דאַן ווען ער באַקומט זאַכן פון דער היים.

***

ווי אַזוי האָט זיך עס פאַרשפּרייט? ווער ווייס? אפשר גאָר פון אַ שפּאַס. פון אַ פליג איז געוואָרן אַ העלפאַנט...

אין אָוונט לויפן אַריין אַ פּאָר אונדזעריקע מיט אַ געשריי:

— דייטשלאַנד האָט זיך אונטערגעגעבן! פולשטענדיק אונ־טערגעגעבן!

מיר שפּרינגען אויף.

— וואו? ווער? ווי אַזוי?

— אין די גאַסן שרייט דער עולם, אַז „טעדעשקא פיניטאָ!" (דער דייטש איז קאַפּוט). מען קושט זיך און מען טיילט וויין.

אַזוי זאָגט מען אונדז.

מיר קענען עס ניט פאַרשטיין. אָט געפינען מיר זיך ניט ווייט פון פראָנט. דאָרטן קומען נאָך פּאָר בלוטיקע שלאַכטן. עס איז גאַנץ ווייט פון אַ וואָפן־שטילשטאַנד. ווי קען עס זיין?

מיר כאַפּן זיך צו דער ראַדיאָ, אָבער די ראַדיאָ דערמאָנט קיין וואָרט ניט. מען הערט נאָר מוזיק, אַנאָנסן, אַנדערע וועלטנייס, אָבער ניט דאָס וואָס מיר ווילן הערן...

יעדערער דרייט איבער דאָס רעדל אויף פאַרשיידענע סטאַנ־ציעס, איטאַליעניש, פראַנצייזיש, ענגליש, אַפילו דייטש ווערט געהערט. אָבער קיין איין וואָרט ווערט ניט דערמאָנט וועגן דעם, אַז דער נאַצי האָט זיך אונטערגעגעבן.

דערווייל וועט מען זיך אין פינף און צען דאָלאַרדיקע, אַז עס איז אַן אמת; אַז עס איז ניט מער ווי דייטשישע פּראָפּאַגאַנדע; אַז אַזוי און אַז אַזוי...

איך קוק זיך צו. עס פלאַמען ביי אַלעמען די פּנימער. ווי ניי־געריק יעדערער איז צו הערן די ווערטער וועגן וועלכע ער חלומט. אַ ים מיט האָפענונגען ליגט באַגראָבן אין דעם... אַ ים מיט לעבנס וואַרטן אויף די ווערטער.

די מינוטן קלאַפּן אָפּ און רוקן זיך אַוועק. חברה צעגייט זיך. מען קיבעצט זיך. מען וואַרפט שטעכווערטלעך אויף די פאַרשפּריי־טערס פון אַזעלכע קלאַנגען.

עס ווערט שטיל און מען גייט שלאָפן. מען שלאָפט אָבער ניט. ווי קען מען דען? דער גאַנצער טאַראַראַם האָט דאָך אויפגעוועקט אינעווייניקסטע געפילן, אַ האָפענונג אויף דער צוקונפט. ווי קען מען דען שלאָפן אין אַזאַ צושטאַנד?

ערגעץ אין איטאַליע, 1944.

איטאַליענישע קינדער

וואו נאָר מיר שטייען איין, קלייבן זיך אַרום אונדז קינדערלעך: גרויסע און קליינע, מיידלעך און יינגלעך. די מערסטע זיינען הונגע־ריקע, אויסגעמאָגערטע, און זיי קומען צו אונדז צונעמען דאָס, וואָס בלייבט איבער: קאַווע, ברויט, פלייש און זופּ.

זיי לויפן אַרום באָרוועסע, אין צעריסענע קליידעלעך און הויז־קעלעך, מיט פאַרשמירטע פּנימער און רינענדיקע נעזלעך.

עטלעכע קאַליקעס דרייען זיך אויך אַרום אונדז. איינער איז אַ יינגל פון אַ יאָר 6—7, אָדער — ווער קען וויסן זיין עלטער? — עס קען זיין, אַז ער איז צען אָדער צוועלף. נאָר איין פוס האָט ער. דאָרט וואו עס האָט באַדאַרפט זיין אַ צווייטע פוס, הענגט אַ שטיק פלייש, ווי אַ קלעצל, און באַמבלט זיך. קיין הויזקעס פאַרמאָגט ער ניט. מער ניט ווי אַ העמדל, אָן קנעפּלעך, טראָגט ער אויף זיך, און זיין נאַקעט קערפּערל איז הויל פאַר אַלעמען צו זען. קענטיק, אַז אין דער געגנט איז מען שוין צוגעוואוינט צו אים, ווייל ביי זיי, ביי די איטאַליענער, איז ער ניט קיין אַטראַקציע, ווי ער איז דאָס ביי אונדז, סאָלדאַטן.

מיר קוקן אויף אים און האָבן רחמנות. אָבער העלפן אים קע־נען מיר ניט. ביי אונדז, אין אַמעריקע, טראַכטן מיר, וואָלט מען אַזעלכן ניט געלאָזט אַרומדרייען זיך אַ נאַקעטן איבער די גאַסן. אַ צדקה־געזעלשאַפט וואָלט אים געוויס גענומען אין די הענט אַריין.

איטאַליענישע קינדער ווערן גיך אַלט. דעם יאָך פון לעבן טוען זיי אָן אויף זיך יונגערהייט. זיי העלפן טאַטע־מאַמע, אַרבעטן פונקט אַזוי שווער ווי זיי. אַזוי איז דער גורל פון היגן קינד. זיי פּוצן שיך, פאַרקויפן צייטונגען, פירן גרינסן אויף די מערק און אַרבעטן אין די געשעפטן אַלס קליינע „ביזנעסלייט".

די מלחמה האָט אויף זיי אַרויפגעוואָרפן אַ שווערן יאָך. פיל

פון זיי האָבן פאַרלוירן די עלטערן און דרייען זיך אַרום פּוסט און פּאַס; וואו געטאָגט, ניט גענעכטיקט; עסן דעם אָפּפאַל און דרייען זיך אַרום פריי ווי די פייגל.

אַזאַ ייִנגל איז געווען דזשאַני. אַזוי האָבן מיר אים גערופן, כאָטש געהאַט האָט ער אַן איטאַליעניש נאָמען.

דזשאַני דער שיכפּוצער פלעגט קומען צו אונדז יעדן אין דער פרי. אַ קליינגעוויקסיקער, דאַרער, אין אַ צעריסענעם מלבוש, האָט ער געהאַט זיין אייגן ווינקל. מיר האָבן עס אַ נאָמען געגעבן „שו־שאַין פּאַרלאָר". דזשאַני איז געווען אַ גרויסער שוויגער. מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן פלעגט ער שמירן און פּוצן, און פאַרן „טיפּ" אָפּ־דאַנקען.

מיר האָבן אים ליב באַקומען, ווייל ער איז געווען אַנדערש פון די קינדער, וואָס פלעגט זיך אַרומדרייען אין גאַס און שרייען און שטופּן זיך אַרום אונדזער קיך. מיר האָבן דאָס פיינט געהאַט, און אַזעלכע קינדער האָבן מיר שטענדיק אָוועקגעטריבן פון אונדז.

ווען מיר האָבן זיך אַרויסגעקליבן פון דאָרטן, האָט אונדז שטאַרק באַנג געטאָן, וואָס מיר האָבן געמוזט איבערלאָזן אונדזער שיכפּוצער דזשאַני.

אין אַן אַנדערן לאַגער האָט זיך צו אונדז צוגעטשעפּעט אַ מיידל פון אַ יאָר צוועלף. זי האָט אונדז דערציילט, אַז אירע עלטערן זיינען אומגעקומען פון אַ באָמבע, און זי איז פאַרבליבן אַ יתומה איינע אַליין, אָן קרובים, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ און אָן געלט.

ביי נאַכט האָבן מיר איר גאַלאָזט שלאָפן אין אַ טראָק. מיר האָבן איר געגעבן קאָלדרעס און אַ מאַנטל און הענטשקעס.

אַזוי ווי קיין מיידלעך טאָרן מיר אין לאַגער ניט אַרייננעמען, האָט זי געמוזט אַרומדרייען זיך אַרום לאַגער. מיר האָבן זי אָבער ניט פאַרנאַכלעסיקט. עסן און נאַשערייען, און אַפילו קליינגעלט, האָט זי געהאַט גענוג.

ווען מיר האָבן זיך אַרויסגעקליבן, האָט זי אַזש געוויינט. מיר האָבן איר געטרייסט, אַז די סאָלדאַטן וואָס וועלן קומען פאַרנעמען אונדזער אָרט, וועלן זי באַהאַנדלען פּונקט אַזוי גוט.

איטאַליע, יאַנואַר, 1944.

דער וואולקאַן וועזואוויוס

די צייטונגען האָבן דערציילט, אַז וועזואוויוס, דער וואולקאַן, האָט אויפגעריסן פּלוצלונג און פאַרגאָסן מיט לאַווע אַלץ וואָס איז געשטאַנען אין וועג. פון די נאָענטע שטעטלעך אַרום האָט מען די איינוואוינערס אַוועקגעפירט אַנדערשוואו.

זיינען מיר שפּעטער, ווען וועזואוויוס האָט זיך שוין איינגעשטילט, צוגעפאָרן זען וואָס עס טוט זיך דאָרטן אויפן באַרג.

די איטאַליענישע באַן איז געווען געפּאַקט. לעבן אונדז זיינען געזעסן צוויי מיידלעך. איינע האָט גערעדט אַ ביסל ענגליש, וואָס זי האָט זיך אויסגעלערנט אין סקול. מיר האָבן זיך פונאַנדערגערעדט און שפּעטער, ווען די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ קליינער סטאַנציע, האָט זי אונדז געזאָגט, אַז דאָרט ליגט דער וואולקאַן. מיר האָבן איר באַדאַנקט און אַרונטער.

די סטאַנציע איז געווען ליידיק. צוויי יינגלעך זיינען צו אונדז צוגעלאָפן און אין אַ צעבראָכענעם ענגליש אָנגעוויזן וואו מען פאַרקויפט בילעטן אויף צום פאָרן אויפן באַרג. זיינען מיר צוגעגאַנגען צום אָפיס און דער איטאַליענער האָט דורכן פענצטערל אונדז געזאָגט, אַז ערשט אין אַ שעה אַרום וועט דער טראַמוויי צוריקקומען פון באַרג. דער וואולקאַן געפינט זיך אַ פּאָר מייל פון דער סטאַנציע.

דער טאָג איז געווען אַ זוניקער און דער נאָמען וואָס מען האָט געגעבן דעם לאַנד „די זוניקע איטאַליע", האָט זיך גראָד צוגעפּאַסט.

וואַרטן אַ שעה האָט זיך ניט געוואָלט, האָבן מיר זיך אַוועקגעלאָזט שפּאַצירן.

דאָס שטעטל האָט זיך געשפּרייט באַרג אַראָפּ און באַרג אַרויף. די גאַסן און געסלעך זיינען געווען ריין. קליינע געשעפטן האָבן זיך געצויגן איינע נאָך די אַנדערע. ווי אומעטום, האָבן מיר געזען שיי־

נע געביידעס און איינגעפּאַלענע הייזער; ברייטע גאַסן מיטביימער פון ביידע זייטן, און שמאָלע גאַסן, אָן ביימער און אָן טראָטואַרן.

שפּעטער, אַז אונדז האָט זיך פאַרוואָלט עסן, האָבן מיר אויס־געקליבן אַ ייִנגל, וואָס איז געווען ריינער אָנגעטאָן ווי די אַנדערע קינדער וואָס זיינען אונדז נאָכגעגאַנגען, און געהייסן אים פירן אונדז ערגעץ עסן.

ער האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַן אָפּגעלאָזענעם רעסטאָ־ראַן אין אַן אָרעמער געגנט. אויף די עטלעכע טישלעך זיינען געלעגן ניט קיין צו ריינע טישטעכער. מיר האָט שוין פאַרדראָסן, וואָס מיר זיינען אַהין אַריין. אונדז האָט אָבער אָפּגעגליקט. די באַלעבאָסטע, אַ גראָבע איטאַליענערקע, האָט געזאָגט דעם ייִנגל, אונדזער פירער, (און ער האָט איבערזעצט אין ענגליש אירע רייד), אַז זי האָט מער ניט קיין עסן. האָט דאָס מיך זייער געפרייט און מיר זיינען אַוועק פון דאָרטן.

דאָס מאָל האָט דער ייִנגל אונדז אַריינגעפירט אין אַן אמתן רעסטאָראַן. דער רעסטאָראַן האָט אונדז ממש איבערראַשט. אויף אַזאַ האָבן מיר זיך אַוודאי ניט געריכט. ביז איצט האָבן מיר גע־געסן אין הייזער פינצטערע, אין קראָמען, אָבער ניט אין רעסטאָ־ראַנען. אין איטאַליע זיינען איצט, אין מלחמה־צייט, ניטאָ קיין רעסטאָראַנען.

אַלע דריי — מיין חבר, דער ייִנגל און איך — זיינען אַריין אינעווייניק. מיר האָבן דערזען ווייסע טישטעכער אויף די טישן, מיט בוקעטן בלומען, און ריינע טעלער. און דאָס מיידל, די סאַר־ווערקע, איז געווען נעט אָנגעטאָן און העפלעך.

ביי אַנדערע טישן האָבן געגעסן פיין געקליידעטע איטאַליע־נער. קענטיק, אַז דאָס זיינען געווען די גבירים פון שטעטל. ביי איין טיש זיינען געזעסן צוויי אַמעריקאַנער אָפיצירן מיט „וועקס".

דאָס עסן איז געווען גוט און ניט צו טייער. דער ייִנגל אונד־זערער האָט נאָך אַזוי גוט קיין מאָל ניט געגעסן. ער האָט געשלונגען ביף־סטעיק, ברויט ווייסע און די מאַקאַראָני. דער רעסטאָראַטאָר האָט געוואָרפן בייזע בליקן אויף אים. ער האָט זיך געקרימט למאַי מיר האָבן אַ „גאַסן"־ייִנגל אַריינגעפירט צו אים אין שיינעם רע־סטאָראַן. אונדז האָט עס הנאה געטאָן. זאָל דער אָרעמער ייִנגל וויסן וואָס אַ גוטער מאַלצייט איז און וואָס פאַר אַ טעם עס האָט.

זיצנדיק ביים ווייס געדעקטן טיש, האָבן מיר — איך און דער חבר מיינער פון לאָנג ביטש, קאַליפאָרניע — געטראַכט וועגן איין און דער זעלביקער זאַך.

— ווי מאָדנע עס איז, — האָט ער געזאָגט, — אָט דאָ, וואו מיר זיצן איצט, האָבן טויזנטער מענטשן פון אַלע עקן וועלט געגעסן און געטרונקען וויין (מיר האָבן באַשטעלט אַ גוטע פלאַש וויין). פון אומעטום איז מען געפאָרן אָנקוקן דעם וואולקאַן. יונג און אַלט. טוריסטן רייכע און געלערנטע, און אַזוי זיך רייזנדע. אַלע זיינען אַראָפּ אויף דער זעלביקער סטאַנציע, אַלע האָבן שפּאַצירט איבער די זעלביקע גאַסן וואו איך און דו האָבן ערשט שפּאַצירט. פאַר אונדז איז מען דאָ געווען, און נאָך אונדז וועט מען דאָ זיין, אָנקוקן וועזואוויוס.

אין אַזאַ שטימונג האָבן מיר פאַרלאָזט דעם רעסטאָראַן. דער טראַמוויי האָט שוין געוואַרט אויף פּאַסאַזשירן.

דער קאָנדוקטאָר האָט אונדז באַגריסט אין ענגליש. ער איז מיט אונדז אַפילו צוגעגאַנגען צום אָפיס קויפן בילעטן.

אין טראַמוויי האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ניט נאָר איז ער אַ קאָנדוקטאָר, נאָר אויך אַ געשעפטסמאַן. פון קעשענע האָט ער אַרויסגענומען סואווענירן: שטיינדלעך, אַש און לאַווע פון וואולקאַן, אויף צו פאַרקויפן אונדז. מיר האָבן געקויפט. וועמען ווילט זיך דאָס ניט אַן אָנדענק פון אַ באַרימטן באַרג?

דערזעען, אַז מיר האָבן געלט און לאָזן זיך קויפן, האָט דער זעלבער קאָנדוקטאָר אַריינגעלייגט די האַנט אין אַן אַנדערער קעשענע און אַרויסגעשלעפּט קליינע און גרויסע פאָטאָגראַפיעס פון באַרג. כאָטש גאַנץ טייער, האָבן מיר זיי אויך געקויפט. דער אַמעריקאַנער סאָלדאַט קויפט אַלץ. דערצו נאָך האָבן מיר אים מכבד געווען מיט אַמעריקאַנער פּאַפּיראָסן און טאַבאַק. זאָל ער הנאה האָבן, האָב איך געטראַכט. די איטאַליענישע פּאַפּיראָסן טויגן אויף כפּרות און דער איטאַליענישער טאַבאַק טויג אויך ניט.

דער טראַמוויי האָט זיך געשלעפּט באַרג אַרויף. פון ביידע זייטן באַרג זיינען געווען הייזער און גערטנער. איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז מענטשן וואוינען און האָדעווען פרוכט אַזוי נאָענט לעבן באַרג. די פּאַרצייטיקע רוימער האָבן דאָך אויך געוואוינט און קולטיווירט דאָס לאַנד אָט דאָ טאַקע וואו מיר זיינען איצט גע־

פאָרן. די פאַרגאַנגענהייט האָט זיך אויסגעמישט מיטן היינט. אונ־
טער די איצטיקע איטאַליענישע הייזער און גערטנער ליגן נאָך די
אַלטע רוימישע שטעט באַגראָבן אין שטויב.

דער טראַמוויי האָט זיך אָפּגעשטעלט און מיר זיינען אַרויס־
געקראָכן. אַן אַנפירער האָט אונדז גענומען אין האַנט אַריין און אין
ניט קיין שלעכטן ענגליש האָט ער דערקלערט, ווען און ווי
אַזוי דער באַרג האָט אויפגעריסן אַזוי פּלוצלונג.

מיר האָבן זיך אַרומגעקוקט. אַרום אונדז האָט געשלאָגן אַ
פּאַרע פון דער לאַווע און פון די שטיינער, וואָס זיינען נאָך געווען
הייס. די לאַווע האָט געפלאָסן פון שפּיץ באַרג אַזש אַהער און זיך
אָפּגעשטעלט פּונקט אויף די רעלסן פון טראַמוויי. ווייטער האָט
מען שוין ניט געקענט גיין.

דאָך האָבן מיר זיך געלאָזט קריכן העכער. מיר האָבן גע־
שפּאַנט אַפּריער און נאָך אונדז דער אַנפירער. ער האָט שווער
געסאָפּעט. מיר זיינען געקראָכן אויף די שפּיציקע שטיינער און
לאַווע. אונטער די פיס איז געווען הייס, שוין צו הייס. גיין ווייטער
איז געווען אוממעגלעך. די שטיוול וואָלטן זיך זיכער אָנגעצונדן.

אַ ווײַלע זיינען מיר געשטאַנען און געקוקט אויפן שפּיץ באַרג.
פון מויל האָט געשפּאַרט אַ געדיכטער רויך. וועזואוויוס (ווער ווייס
ווי אַלט ער איז?) האָט זיכער געגרייסט זיך, וואָס ער איינער אַליין
קען חרוב מאַכן שטעט און שטעטלעך, אומברענגען לעבנס און אָנ־
טאָן אַ סך שאָדן. ווער קען זיך צו אים גלייכן?

מיר זיינען געקראָכן צוריק צום טראַמוויי. אין די פּיאַטעס איז
געווען הייס. די שטיוול האָבן געטריקנט. דער ווינט האָט צעטראָגן
דעם מאָדנעם ריח, און אין נאָז האָט געקיצלט.

דעם אַנפירער האָבן מיר באַצאָלט. ער האָט אונדז דערציילט,
אַז שוין 33 יאָר ווי ער פירט טוריסטן צום באַרג וועזואוויוס. 33 יאָר!
טויזנטער מענטשן זיינען דורכגעגאַנגען דורך זיינע הענט. נאָך פאַר
דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געוואָרן אַן אַנפירער.

פון קעשענע האָט ער אַרויסגענומען אַ בריוו און געוויזן אונדז.
אין 1938 האָט אַן ענגלישער שטאַטסמאַן באַזוכט דעם באַרג. דער
אַנפירער האָט דעם שטאַטסמאַן געשיקט אַ מתנה אַ ביסל לאַוואַ מיט
שטיינדלעך. האָט יענער געשיקט אים אַ בריוו, אַזש פון 10 דאַונינג
סטריט, און באַדאַנקט פאַר דער אָנגענומענער מתנה. דעם בריוו

האָט ער געהאַלטן טייער. פינגער־צייכנס זיינען פאַרבליבן אויף אים. קענטיק, אַז הונדערטער האָבן געלייענט דעם בריוו פון 10 דאַונינג סטריט.

איידער מיר האָבן זיך געזעצט אויפן טראַמווי, האָבן מיר געכאַפּט אַ לעצטן בליק אויפן באַרג. עס האָט זיך ניט געוואָלט פאַר־געסן דעם וואולקאַן. די אויגן האָבן זיך געוואָלט אָנזעטיקן מיטן רויך, פייער, לאַווע און שטיינער הייסע, מיטן גאַנצן אַרום, דעם בלויען הימל אַריינגערעכנט. עס האָט זיך געוואָלט געדענקען אָט דעם דאָזיקן טאָג אין איטאַליע, ביים פוס פון וועזאוויוס.

און איך וועל עס טאַקע געדענקען.

איטאַליע, 1944.

פון פראָנט (א)

דער שונא באַגראָבט זײַנע טויטע

די אַטאַקע האָט זיך אָנגעהויבן ביי נאַכט. פריער האָבן די דייטשן אָוועקגעלייגט אַ באַראַזש פון זייער אַרטילעריע און נאָך דעם האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן מיט טאַנקען און אינפאַנטעריע צו אונדזערע רייען.

די אַמעריקאַנער זיינען געווען גרייט אויף אַזאַ אָנפאַל. מיט מאַשינבויקסן און „באַזוקעס" (אַזעלכע קליינע קאַנאָנען וואָס צע־שטערן טאַנקען), מיט פשוטע ביקסן און רעוואָלווערן האָט מען באַ־געגנט דעם נאַצישן שונא און געוואָרפן פייער אין זיינע רייען און אָנגעמאַכט אַ חורבן צווישן זיינע סאָלדאַטן.

אויף אַזאַ קבלת־פּנים האָבן זיך די דייטשן ניט געריכט. האָט מען זיי דאָך פאַרזיכערט איידער זיי האָבן אָנגעהויבן די אַטאַקע אויף אונדז (אַזוי האָבן איבערגעגעבן שפּעטער די דייטשישע געפאַנ־גענע סאָלדאַטן), אַז זיי וועט אָנקומען זייער גרינג צו צעשטערן אונדזערע באַטאַליאָנען, און דאָ האָט זיך אויסגעלאָזט פונקט פאַר־קערט.

ריי נאָך ריי זיינען זיי געקראָכן און אונדזערע האָבן זיי פאַר־ניכטעט. מאַסן טויטע דייטשן זיינען געלעגן צעזייט און צעשפּרייט איבער פעלד, אין וואַסער און וואו נאָר דאָס אויג האָט זיך אָפּגע־שטעלט. אונדזערע פאַרלוסטן זיינען געווען גרינגע.

סוף־כל־סוף האָבן זיך די דייטשן צוריקגעצויגן. אַזאַ שטיינער־נע וואַנט, ווי מיר זיינען געווען, קען מען ניט דורכברעכן. די פאַר־ביסענע יענקיס האָבן פשוט ווייטער ניט געלאָזט גיין. וואָס מיר „סופערמען"? אַ נעכטיקער טאָג. די „קראַוטס" (אַזוי רופן מיר איצט די דייטשן — פון וואָרט „קרויט") האָבן קיין איבערמענטשלעכן כוח ניט באַוויזן.

אײן פֿאַרלאַנג האָבן זײ געהאַט: דערקלערן אַ װאָפֿן־שטיל־שטאַנד אױף אַ פּאָר שעה, כּדי זײ זאָלן קענען צונעמען זײערע טויטע.

אונדזערע האָבן אָנגעפֿרעגט אין די העכערע מיליטערישע קרײַזן און מען האָט דעם פֿאַרלאַנג באַװיליקט.

דעם לעצטן כּבֿוד אָפּגעבן די טויטע, װאָס האָבן אָװעקגעלײגט זײערע לעבנס פֿאַרן „פֿירער" היטלער — דאָס יאָ. װײס דען דער טויט װער עס איז אַ פֿרײַנד און װער אַ פֿײַנד?

האָבן זיך צװײ גרופּעס אַרױסגעלאָזט אױפֿן שלאַכטפֿעלד. פֿון אײן זײַט, פֿון דעם שונא אונדזערן, זײַנען געקומען עטלעכע אָפֿיצירן מיט אַ װײסער פֿאָן אין האַנט, און נאָך זײ זײַנען געגאַנגען סאָלדאַטן מיט טראָג־בעטלעך. פֿון אונדזער זײַט זײַנען געקומען עטלעכע אָפֿיצירן מיט אַ פּאָר סאָלדאַטן אַכטונג צו געבן אױף די נאַציס.

פֿון בײדע זײַטן האָבן נאָכגעקוקט מאַסן סאָלדאַטן. די אָפֿיצירן האָבן זיך באַגעגנט. עטלעכע דײַטשישע לײטענאַנטן האָבן זיך אױסגע־גלײַכט װי אַ סטרונע, אַ קנאַק געטאָן מיט די שװאַרצע שטיװל און סאַלוטירט אונדזערע.

שװער צו זאָגן װאָס עס איז געלעגן אין זײער קוק און אין קלאַפּ מיט די שטיװל. אַכטונג פֿאַר אונדזערע? אָנערקענונג פֿאַרן בעסערן סאָלדאַט? אָדער גאָר שפּאָט, פֿאַראַכטונג, האַס פֿאַר די יענקיס?

װער װײס?

אַ גאַנצן טאָג האָבן די דײַטשישע סאָלדאַטן מיט די טראָגבעט־לעך געאַרבעט און עס איז נאָך אַלץ איבערגעבליבן אױף צוצונעמען. דער טאָג האָט ניט געקלעקט.

האָבן די נאַצישע אָפֿיצירן געהאַט אַ צװײטן פֿאַרלאַנג: פֿאַר־לענגערן דעם װאָפֿן־שטילשטאַנד ביז אױף מאָרגן. אונדזערע אָפֿי־צירן האָבן װידער אָנגעפֿרעגט זיך דאָרט װאו מען דאַרף, און אױך דעם צװײטן פֿאַרלאַנג האָט מען זײ נאָכגעגעבן.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן זײ געקליבן זײערע טויטע. דאָס גאַנצע פֿעלד האָבן זײ אָפּגערײניקט, און דער װאָפֿן־שטילשטאַנד איז געקומען צו אַ שלום.

און װידער מלחמה... און נײַע טויטע...

אונדזערער אַ סאָלדאַט האָט באַמערקט:

— די „קראַוטס" וואָלטן אַזוינס פאַר אונדז בשום אופן קיין מאָל ניט געטאָן.

מסתמא טאַקע ניט; אָבער מיר זיינען דאָך פון אַ פרייער, אַ מענטשלעכער וועלט...

אַ לעגענדע ווערט געבאָרן

רעגן און ווינט אויפן שלאַכטפעלד, בלאָטע און קעלט אויפן שלאַכטפעלד.

די לעבעדיקע מישן זיך אויס מיט די טויטע און פאַרוואונדעטע. ווער קען זאָגן ווען דאָס ערשטע ענדיקט זיך און דאָס צווייטע הייבט זיך אָן?

נאָר אָט פאַרלויפט זיך עפּעס, פון וואָס עס ווערט געבוירן אַ לעגענדע פאַר דער וועלט.

אַ גרופּע פּאַראַשוטיסטן האָט זיך אָפּגעריסן פון דער קאָמפּאַניע. זיי האָבן זיך באַפעסטיקט הינטער אַ פעלדז, מיט ביקסן און גראַנאַטן. אַ טאָג מיט אַ נאַכט האָבן זיי געהאַלטן ווייט פון זיך די דייטשן.

ביסלעכווייז איז די אַמוניציע אויסגעגאַנגען. דאָס עסן אויך. דעם לעצטן פּאַפּיראָס האָט מען שוין אויך אויסגערייכערט. אָבער אונטערגעבן זיך? — דאָס ניט! אַמעריקאַנער פּאַראַשוטיסטן גיבן זיך ניט אונטער. דאָס אונטערגעבן זיך איז אַ פאַרשוועכונג פון דער פּאַראַשוטיסטישער שבועה. בחורים, וואָס האָבן דעם מוט צו פליען אין די הימלען און צו שפּרינגען פון די עראָפּלאַנען, וועלן דעם זעלביקן קוראַזש באַווייזן אויך אויף דער ערד — און דאָ פּאַסט צו זאָגן: „אויב ניט נאָך העכער"...

די שיסערײַ איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן. די עטלעכע קוילן און גראַנאַטן, וואָס זיינען פאַרבליבן, האָט מען איבערגעלאָזט אויף צום לעצטן.

די דייטשן האָבן דאָס דערשמעקט און זיך גענומען רוקן נענטער צו דער פאַרקשנטער גרופּע. עטלעכע פּאַראַשוטיסטן האָבן די נאַצישע ציל-שיסערס אָפּגערוימט פון וועג. זיינען פאַרבליבן נאָך ווייניקער.

די צווייטע נאַכט האָט איינער פון דער גרופּע גענומען די ביקס

און אַ בורטשע געטאָן, אַז ער וועט זיך דורכגנבענען דורך די דייטשי־שע רייען און ברענגען הילף, אַמוניציע און עסן.

אָן אַ זייגעזונט האָט ער זיך שטיל אַוועקגערוקט פון זיינע חברים. צו וואָס דאָס זעגענען זיך, אַז ער וועט זיכער צוריקקומען. ער וועט דאָך מוזן צוריקקומען. ער וועט דאָך די חברים ניט אי־בערלאָזן אויף הפקר.

זיי האָבן אים נאָכגעקוקט אין דער פינצטער. ער האָט גע־פויזעט און געקראָכן, צעדראַפּעט זיך די הענט און דאָס פּנים, צעריסן די קליידער, אָבער ווייטער געקראָכן דורכן שונאס לאַגער. ער האָט געהאַט אַ מיסיע צו דערפילן; ער, דער שליח פון האָפענונג און ווײ־טערן לעבן, האָט גענומען אויף זיך די אַחריות, און ער וועט דורך פייער און וואַסער ברענגען הילף זיינע חברים.

אויף אַזוי ווייט איז דאָס אים געלונגען. ער האָט זיך בשלום דורכגעריסן און האָט דערגרייכט אַ דערפל. דאָרטן האָט ער, מיט דער הילף פון גוטע איטאַליענער, געפונען אַמוניציע, וואָס אַמעריקאַנער סאָלדאַטן האָבן איבערגעלאָזט איידער זיי זיינען אָפּגעטראָטן פון דערפל.

האָט דער פּאַראַשוטיסט געהייסן די איטאַליענער ברענגען אייזלען. אויף זייערע רוקנס האָט ער אָנגעפּאַקט עסנוואַרג, וואָס די איטאַליענער האָבן געבראַכט, און אַמוניציע. ער האָט זיך ניט אָפּ־גערוט און אַפילו ניט טועם געווען פון קיין עסן. דען ווי האָט ער געקענט שטאָפּן ביסנס אין מויל, אַז דאָרטן, הינטערן פעלדז, הונ־גערן די חברים און וואַרטן אויף אים?

ער האָט אַ שמיץ געטאָן די אייזלען און דער קאַראַוואַן האָט זיך פאַרנומען צו די בערג.

די פינצטערקייט אַרום האָט פאַרדעקט די בערג מיט די סטעזש־קעס. די אייזלען האָבן זיך פויל געשלעפּט. דער פּאַראַשוטיסט האָט זיי געטריבן גיכער און גיכער. יעדע מינוט איז געשטאַנען ווי אַן אייביקייט אין דער נאַכט.

אין דעם פּאַראַשוטיסט האָט געברויזט אַ גרויסער כעס. דער צאָרן אויפן שונא האָט געשפּאַרט, כאַטש נעם און ווער צעפּלאַצט.

די נאַכט האָט זיך גערוקט און עס האָט גענומען שאַריען אויף טאָג. אַ גרויקייט איז געלעגן אין אַלע ווינקעלעך, מיט יעדן טראָט האָט זיך די האָפענונג געהויבן; ער וועט דערגרייכן די חברים.

זיי וועלן זיך ניט אונטערגעבן. אַמעריקאַנער פּאַראַשוטיסטן גיבן זיך ניט אונטער.

***

דאָ ענדיקן זיך די פאַקטן, וואָס איך קען אָנגעבן. אָבער וויסן זאָלן מיר, אַז אין די קומענדיקע נאָך־ מלחמה־יאָרן וועלן די דאָר־פישע איטאַליענער דערציילן אַ מעשה וועגן אַן אַמעריקאַנער פּאַ־ראַשוטיסט, וואָס איז פּלוצלונג אַרויסגעקומען פון דער טיפער נאַכט צו זיי אין דערפל, אָנגעפּאַקט עסנוואַרג און אַמוניציע אויף זייערע אייזלען און איז אַזוי פּלוצלונג פאַרשוואונדן אין דער טיפער נאַכט אַריין ווי ער איז פּלוצלונג דערשינען.

און אַ לעגענדע וועט זיך שפּינען און וועבן און קומען צו אַ פרייליכן סוף, אַז דער בראַווער פּאַראַשוטיסט האָט דערגרייכט זיינע חברים און אַלע זיינען ניצול געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

אין די קומענדיקע נאָך־מלחמה־יאָרן וועלן אויך די אַמערי־קאַנער סאָלדאַטן מיטנעמען מיט זיך אַהיים די דאָזיקע מעשה פון שלאַכטפעלד. און אין די אַמעריקאַנער שטעט און שטעטלעך, און וואו נאָר וועטעראַנען פון דער צווייטער וועלט־מלחמה וועלן זיך צוזאַמענקליבן, וועט מען ביי אַ גלאָז שוימיקן ביר, אָדער אַ גלעזל משקה, דערציילן איינע די אַנדערע וועגן דעם פּאַראַשוטיסט, וואָס האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין דער נאַכט אַריין העלפן זיינע חברים.

דער „לאַנגער טאָם״

מיר האָבן אַ גרויסן קאַנאָן וואָס רופט זיך „דער לאַנגער טאָם״. דער שונא האָט פאַר אים מורא, ווייל דער „לאַנגער טאָם״ מאַכט אַן אַ חורבן אין זיינע רייען.

מיר האָבן זיך צוגעקוקט ווי דער „לאַנגער טאָם״ שיסט. די סאָלדאַטן אַרום אים האָבן געאַרבעט ווי בינען. כאָטש עס איז געווען קאַלט, האָבן זיי געשוויצט.

דער אָנפירער פון דער גרופּע האָט זיך איינגעהערט אויפן טעלעפאָן. מען האָט פון פראָנט געגעבן אינסטרוקציעס. מיר האָבן געהערט ווי ער זאָגט: „זייט גרייט!״ און דערנאָך: „פייערט!״ דער אָנפירער האָט ווידערהאָלט די ווערטער צו דער גרופּע, און דער

סאָלדאַט, וואָס איז געשטאַנען גרייט, האָט אַ צי געטאָן דאָס שטריקל.

מיר האָבן אַריינגעשטעקט די פינגער אין די אויערן. דער „לאַנגער טאָם" האָט זיך אַרויסגעלאָזט מיט אַ קראַך. די ערד האָט זיך געטרייסלט. די היץ האָט אַ זעץ געטאָן אין פּנים. גלייך איז שוין פאַרטיק געוואָרן אַ צווייטער „גרוס" פאַרן שונא. און אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן אַ צען מינוט.

ווען די שיסעריי האָט אויפגעהערט, האָט נאָך אין די אויערן געקלונגען.

איינער האָט אויפן קאַנאָן אַרויפגעוואָרפן אַ נעץ, וואָס האָט אים פאַרדעקט פון דעם שונאס אויגן. די היץ איז געווען גרויס און דער נעץ האָט זיך אָנגעצונדן. עטלעכע האָבן גלייך אַראָפּגע־צויגן דעם נעץ און דערשטיקט דאָס פייער.

די סאָלדאַטן וואָס שיסן מיטן „לאַנגן טאָם" זיינען אין שטענ־דיקער געפאַר. דער שונא שיקט אַרויס „אָבסערוויר"־עראָפּלאַנען, און זיי זוכן און נישטערן און ווילן אומברענגען דעם קאַנאָן. זיי וואַרפן אַרונטער פאַקלען און באָמבעס וואו עס דוכט זיך זיי, אַז דער „לאַנגער טאָם" שטייט דאָרטן. עס איז אָבער שווער אים צו דער־טאַפּן, ווייל מען האָט אים גוט קאַמאַפלאַזשט און פון דער הייך זעט מען ניט וואָס עס איז אַ בוים און וואָס אַ קאַנאָן.

מוזיק פאַר די טויטע

ווען ניט ווען פאַרבלאָנדזשעט אויפן פראָנט אַ האָליוואודער „שטערן", אָדער אַ בראָדווייער זינגערין. איצט איז געקומען פון דער נאָענטער שטאָט אַ מיליטערישער אָרקעסטער, דערשלעפּט זיך אַהער אויף טראָקס, דורך בלאָטע און רעגן און ווינט.

מוזיק ווילן אַלע הערן. עס וועט פאַרטרייבן די מאָנאָטאָנקייט און די גרויקייט פון טאָג־טעגלעכן מלחמה־לעבן. עס וועט דערמאָנען אָן דער היים, אָן טענץ, אָן בעלער, אָן מיידלעך. מען קלייבט זיך אַרום די מוזיקאַנטן, מען העלפט זיי שלעפּן זייערע אינסטרומענטן פון די טראָקס, מען העלפט זיי מיט אַלע קלייניקייטן. מיר דערוואַרטן זיך קוים אויף זייער שפּילן.

זיצנדיק, שטייענדיק, אָנגעשפּאַרט אָןביימער, הערט מען זיך צו צו די טענער פון די סאַקסאָפאָנען, פידלען, טראָמבאָנען און

פויקן. מען קוקט אין דער ווייט אַריין פאַרחלומטע און מען פאַר־טראַגט זיך טויזנטער מײַלן ווייט פון דאַנען. וואָס טראַכטן און קלערן די סאָלדאַטן און אָפיצירן? וואָס פאַר אַ געפילן שפּילן זיך אָפּ אין יעדנס האַרץ? אָן וואָס דערמאָנען זיי זיך?

עס נאָגט דאָס נאָענטע און אינטימע, אַלץ וואָס מען האָט איבער־געלאָזט הינטער זיך מיט אַ יאָר און מער שטייט איצט פאַר די אויגן אַזוי קלאָר און דייטלעך, כאָטש נעם און טאַפּ אָן מיט די הענט.

אָבער מער פון אַלץ דערמאָנט מען זיך אָן די טויטע חברים, די „באַדיס“, וואָס ליגן אין דער ווייכער איטאַליענישער ערד. יעדער קבר איז אַ סימבאָל פון קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע, פאַר אַ בעסערער און שענערער מענטשהייט.

דער אָרקעסטער שפּילט אויף אַ מיליטערישן לוויה־מאַרש. די טרויעריקע טענער פאַרטראָגן זיך אומעטום אויפן פראָנט. די מוזיקאַלישע טענער, ווען זיי וואָלטן געהאַט אַ מענטשלעך לשון, וואָלטן זיי געזאָגט צו די טויטע, אַז זייערע לעבנס, וואָס זיי האָבן יונגערהייט מקריב געווען דאָ אין איטאַליע, וועלן שטיין ווי דענק־מעלער איבער דער גרויסער וועלט, און די צוקונפטיקע דורות וועלן באַוואונדערן זייער מוט און העלדישקייט, און זיי וועלן פאַראייביקט ווערן אין ליד און געזאַנג, אין דערציילונג און ראָמאַן.

דער טרויערמאַרש האָט שטאַרק גערירט די פאַרהאַרטעוועטע סאָלדאַטן און וועטעראַנען. עס האָט זיך געפילט אַ נאָענטע פאַר־בינדונג צווישן די וואָס זיינען אַוועק און די וואָס זיינען פאַרבליבן.

אָן אַ קאָפּ

דער פראָנט האָט געברענט. אינפאַנטעריע האָט זיך געשלאָגן קעגן אינפאַנטעריע, אַרטילעריע קעגן אַרטילעריע, טאַנקען קעגן טאַנקען. אין דער הייך האָבן עראָפּלאַנען אויסגעקעמפט זייער אייגענעם קאַמף.

די טאַנקען, ווי גרויסע מאָנסטערס, האָבן געשפּיגן פייער איי־נע אויף די אַנדערע. די קוילן האָבן זיך אָנגעשלאָגן אָן די אייזער־נע ווענט און עס האָט זיך געדוכט, אַז דאָס דונערט ערגעץ אַזוי פאַרן אָנקומען פון אַ שטורעם.

די צוויי אַמעריקאַנער טאַנקען־טרייבערס האָבן פאַרנומען זייער פּאָזיציע אין רעכטן מיטן פון גיהנום. אַלע מאָל זיינען די צוויי געקראָכן אין פייער: אין די מדבריות פון טוניסיע, אין סיציליע, און איצט דאָ אין איטאַליע. ביידע האָבן גוט געקענט די מלאכה פון טאַנקען־קאַמף. דער דאָזיקער „טים" פון צוויי האָט באַקומען עטלעכע אויסצייכענונגען און מעדאַלן פאַר העלדישקייט.

ווען עס האָט זיך אַ ביסל איינגעשטילט, און די מאַשינביקסן אינעווייניק אין טאַנק, האָבן זיך געקילט פון צו פיל פייערן, האָט איינער פון זיי אָן עפן געטאָן דאָס קיילעכדיקע אייזערנע טירל פון אויבן און אַרויסגעשטעלט דעם קאָפּ. גראָד דאַן איז אַ באָמבער־עראָפּלאַן דורכגעפלויגן און אַראָפּגעשניטן יענעמס קאָפּ. דער קערפּער איז אַ ווייל געבליבן אין דער טיר, פּונקט ווי ער וואָלט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן: צי בלייבן אַזוי שטיין, אָדער זעצן זיך אויף זיין שטענדיקן אָרט.

דאָס בלוט האָט אַ שפּאַר געטאָן און געגומען אַריינשפּריצן אין טאַנק. דער קערפּער האָט אַ פאַל געטאָן. דער חבר לעבן אים האָט געוואָלט זאָגן עפּעס, אָבער די ווערטער זיינען אים געבליבן שטעקן אין האַלדז ווי אַ ביין. ער האָט געקוקט און געקוקט אויף דעם קאָפּלאָזן קערפּער, וואָס האָט זיך געצאַפּלט אין טאַנק.

דער לעבעדיקער חבר האָט אָן עפן געטאָן דאָס טירל און איז אַרויסגעשפּרונגען פון טאַנק אויף דער בלאָטיקער ערד. ער האָט גענומען לויפן אַרום און אַרום טאַנק, זיך אַ ווייל אָפּגעשטעלט און ווייטער געלאָפן. די שיסעריי אַרום האָט זיך ווידער אָנגעהויבן מיט אַ בראַזג און אַ קנאַק, מיט פייער און רויך. דאָס איז אים ניט אָנגעגאַנגען. דער טומל האָט אים אויסגעשלאָסן פון זיך. ער איז אַזוי געלאָפן אין אַ קאַראַהאָד ביז די „מעדיקס" (די סאָלדאַטן וואָס גיבן זיך אָפּ מיט דער ספּעציעלער אַרבעט צו העלפן די פאַרוואונדעטע) האָבן אים אָפּגעשטעלט.

שפּעטער, אין אַן אָפּרו־לאַגער פאַר אונדזערע סאָלדאַטן, וואו מען היילט צעטרייסלטע נערוון און פאַרוואונדעטע, איז דער טאַנק־סאָלדאַט געזעסן אין דאָקטערס צימער. ביידע האָבן פאַררייכערט און אַ ווייל געשוויגן.

— נו, דערצייל מיר אַלע איינצלהייטן וואָס עס האָט פּאַסירט אויפן שלאַכטפעלד, — האָט זיך דער דאָקטער געווענדט צום סאָלדאַט.

דער סאָלדאַט האָט געשוויגן, זיך געקווענקלט, געקוקט אויף דער וואַנט און — געשוויגן.

דער דאָקטער האָט ניט געמאָנט, איז ניט צוגעשטאַנען צו יענעם. ער האָט נאָר געפרעגט עטלעכע פראַגעס און דער סאָלדאַט האָט גענומען דערציילן אין דער שטיל, צו ערשט מיט אַ שווריקייט, דערנאָך איז דאָס אים אָנגעקומען גרינגער און גרינגער.

ער האָט אויסגעלאָדן פון זיך די געדריקטקייט, די שווערע משא וואָס איז געלעגן ווי אַ שטיין אויף זיין האַרצן. דאָס האָט דער אַרמיי־דאָקטער געוואָלט. ער האָט פון אַ סך דערפאַרונג געוואוסט ווי אַזוי צו באַהאַנדלען און היילן אַזעלכע טיף אויפגעטרייסלטע סאָלדאַטן. דער סאָלדאַט האָט זיך געלאָזט דערציילן, אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן דאָס אָנגעקליבענע.

— איך בין אַרויסגעשפּרונגען פון טאַנק, — האָט דער סאָלדאַט דערציילט, — און האָב דערזען מיין „באַדיס“ קאָפּ, וואָס איז גע־לעגן אַן אַ זייט, געלעגן אַזוי אָן קערפּער און געקוקט פונקט אויף מיר און געמאָנט למאַי איך האָב אים געלאָזט אַרויסקוקן פון טירל, — און אַזוי ווייטער און ווייטער האָט ער געשילדערט פאַרן דאָק־טער די טיפע איבערלעבעניש.

אין אַ פּאָר מאָנאַטן אַרום האָט דער סאָלדאַט זיך געהאַט אויס־געהיילט פון דער „קראַנקייט“. ער האָט געבעטן, מען זאָל אים צוריקשיקן צום פראָנט.

אַנציאָ ים־ברעג, איטאַליע, 1944.

פון פראָנט (ב)

דער אָפיציר

דער לייטענאַנט מיט זיינע צוויי אַרויסהעלפערס און מיט די אינסטרומענטן זיינען דערקראָכן לעבן שונא גאַנץ נאָענט. זיי האָבן געזען און געהערט וואָס ביי אים טוט זיך און צו וואָס דער שונא גרייט זיך.

דאָס וויכטיקסטע איז געווען צו שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט דער אַמעריקאַנער הויפּטקוואַרטיר און אַלץ איבערגעבן.

האָט די גרופּע אָנגעשטעלט די אינסטרומענטן און זיך פאַר־בונדן מיט זייערע חברים. דאָס וואָס זיי האָבן געזען ביים שונא איז געווען פון דער גרעסטער וויכטיקייט פאַר אונדז. לויט דער אינפאָרמאַציע האָבן אונדזערע אויסגערעכנט וואָס דער דייטש קלייבט זיך צו טאָן.

די דייטשן זיינען אָבער אויך ניט געזעסן מיט פאַרלעגטע הענט. אויך זיי האָבן געניסטערט און געזוכט. זיי האָבן דערטאַפּט די אַמעריקאַנער גרופּע. זייערע דראָטן האָבן זיך אַריינגעשניטן אין אונדזערע און זיי האָבן געוואוסט, אַז דער שונא (מיר הייסט דאָס), געפינט זיך ערגעץ גאַנץ נאָענט לעבן זיי. דאַרף מען אים, דעם אַמעריקאַנער שונא, אומברענגען אָדער נעמען געפאַנגען.

אונדזער לייטענאַנט האָט עס געוואוסט. פאַרלאָזן דעם פּאָסטן אָבער — דאָס ניט. עס איז צו וויכטיק, האָט ער געטראַכט. זיינע אַרויסהעלפערס אָבער קענען זיך נאָך ראַטעווען.

האָט דער אָפיציר אַוועקגעשיקט די צוויי סאָלדאַטן צוריק אין די רייען. מער האָבן זיי אים ניט געזען.

איינער אַליין איז ער פאַרבליבן מיט די אינסטרומענטן. איינער אַליין אין דער פינצטערער נאַכט, ווייט פון די אייגענע רייען, נאָענט צו דעם שונאס רייען.

די דייטשן, האָט ער געוואוסט, וועלן אים באַלד געפינען. אָבער ניט קיין לעבעדיקן, ווייל ער וועט זיך ניט אונטערגעבן. און איידער ער וועט אַוועק פון דער וועלט, וועט ער מיטנעמען מיט זיך אַנדערע, וועמען ער באַקעמפט.

אויפן טעלעפאָן האָט ער געגעבן באַפעלן דער אַרטילעריע, אַז זיי זאָלן אַנשטעלן זייערע קאַנאָנען אויף דעם און דעם שטח, וואָס וועט דערגרייכן דעם שונא. מיט דער אַרטילעריע וועלן די אַמעריקאַנער אַנטאָן אַ סך שאָדן אין די דייטשישע רייען.

די אַמעריקאַנער אַרטילעריסטן האָבן זיך צו ערשט געוואונדערט — שיסן לויט דעם אָפּיצירס באַפעל, מיינט שיסן אויף אים אַליין, ווייל ער געפינט זיך דאָך לעבן שונא. די אַרטילעריסטן האָבן איבערגעפרעגט דעם באַפעל, און דער אָפּיציר האָט איבערגעחזרט. קיין אַנדערער אויסוועג איז ניט געווען — זיי האָבן געמוזט שיסן, ווי ער האָט געהייסן.

די קאַנאָנען האָבן זיי אַנגעשטעלט אויף דעם אַנגעגעבענעם נומער און געשאָסן.

די ערד האָט זיך אַ טרייסל געטאָן אונטערן אָפּיציר. עס האָט געשמעקט מיט פּולווער און רויך און פייער. עפּעס האָט געקראַכט. עס האָבן זיך געהערט אויסגעשרייען און קולות ביי דעם דייטש. די אַרטילעריסטן אונדזערע האָבן געצילט לויט דעם אָפּיצירס אָנווייזונג.

דאָס מאָל האָט דער אָפּיציר זיי געהייסן שיסן נענטער צו זיך. ער האָט געהערט ווי זיי חזרן איבער זיין באַפעל אויפן אַנדערן עק דראָט. ווידער האָט געקראַכט און זאַכן האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער ערד. דייטשישע טראָקס און אַמוניציע און סאָלדאַטן זיינען אומגעקומען פון די אַמעריקאַנער קאַנאָנען.

נאָך אַ מאָל: אַ ביסל נענטער, כמעט אויף זיך אַליין, און די אַרטילעריסטן וועלן האָבן אָפּגעטאָן זייער אַרבעט. אַ ווייל האָט זיך דער אָפּיציר געקווענקלט. דאָס מאָל וועט ער שוין קיין לעבעדיקער ניט אַרויס. דאָס וועט זיין זיין לעצטער באַפעל. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, געריבן די מאָרדע און געגעבן זיין לעצטן באַפעל.

די קאַנאָנען האָבן געצילט, געשאָסן און געטראָפן — אי די דייטשן, אי זייער אייגענעם אָפּיציר.

די פאַרבינדונג מיט אים האָט זיך איבערגעריסן. זיי האָבן געגרופן, אָבער די דראָטן האָבן ניט געענטפערט.

און אַרטילעריסט האָט געזאָגט צו די אַנדערע:

„דהעט לואי (לייטענאַנט) העד פּלענטי אָוו גאַטס" *).

דער העלד

דער סאָלדאַט האָט זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט. קען זיין, ער האָט זיך אָנגעשיכורט, און קען זיין, אַז ער האָט באַליידיקט אַן אָפי־ציר. מען האָט אים אַריינגעוואָרפן אין סאָלדאַטישן „גאַרד־האַוז" אויף אַ פּאָר וואָכן.

שפּעטער, ווען אַלע האָבן זיך געגרייט צו לאַנדן אין איטאַליע, האָט מען אים, דעם פּאַראַשוטיסט, אַרויסגעלאָזט און מיטגענומען. ער איז געשפּרונגען פון עראָפּלאַן אויף איטאַליע און מיט זיין פּלאַ־טון פאַרנומען אַ פּאָזיציע אין די בערג.

ביי נאַכט האָבן זיי זיך גערוקט נענטער צו די דייטשן, גע־קראָכן דורך בלאָטע און וואַסער און גריבער אָן אַן אָפּשטעל. אַזוי איז געווען דער באַפעל. צו שווער איז עס ניט אָנגעקומען. דער וועג איז געווען אַן אָפענער. קענטיק, אַז די דייטשן האָבן זיך צוריקגע־צויגן פריער מיט אַ טאָג.

ביי טאָג האָבן די פּאַראַשוטיסטן אַ ווייל אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און ווייטער געשפּאַנט צום שונא. אין אָוונט האָבן זיי זיך ענדלעך אָנגעשטויסן אויף אַ באַרג. גיין ווייטער האָט מען ניט געקענט.

דער פּלאַטון האָט זיך איינגעגראָבן אין „פוקסן־לעכער" און געוואַרט. ביי נאַכט האָבן זיי געפּרואווט אַטאַקירן, אָבער די דייטשן האָבן זיי צוריקגעשטויסן.

דער סאָלדאַט איז אַריינגעשפּרונגען אין אַ לאָך און געלאַנדעט אויף עמעצן. יענער האָט געשוויגן. האָט ער געטאַפּט אין דער פינצטער יענעמס פּנים און אָנגערירט אויפן שטערן הייס, קלעפּיק בלוט. ער האָט זיך צוגעהערט צו יענעמס אָטעם. אָבער דאָס האַרץ האָט זיך ניט געהויבן. טויט.

ער, וועמעס היים איז געווען אין טעקסעס, און גערופן האָט

*) דער לייטענאַנט פאַרמאָגט אַ סך קוראַזש.

מען אים „טעקס״, איז ניט געווען פון די שרעקעדיקע פאַרשווינען. דער טויטער סאָלדאַט לעבן אים האָט אים אָבער אַ ביסל דערשי־טערט. עס האָט זיך געוואָלט רעדן מיט עמעצן, טיילן זיך מיט די געפילן, וויסן ווער דער טויטער איז. די פינצטערניש האָט גע־מאַכט אומהיימלעך אין דער „פוקסן־לאָך״.

אים האָט זיך שטאַרק געוואָלט אַ פּאַפּיראָס. ער האָט געטאַפּט אין די קעשענעס און ניט געפונען. אפשר איז ביי יענעם פאַראַן? אַ ווייל האָט ער זיך געקווענקלט: יאָ זוכן, ניט זוכן. ער האָט גע־טאַפּט יענעמס קעשענעס און דערטאַפּט אַ פּעקל, אָבער ס׳איז געווען קיי־טאַבאַק. ער האָט דערשמעקט דעם שטאַרקן ריח פון „פלאַג״ און עס האָט אים דערפרייט. ער האָט אָפּגעביסן אַ שטיק פון ברוי־נעם טאַבאַק און געלייגט אין מויל און געקייט.

די נאַכט האָט זיך אַוועקגערוקט. דער פרימאָרגן איז געקומען אַ שטילער און אַ גרויער.

טעקס האָט באַטראַכט דעם טויטן, געשפּיגן דעם טאַבאַק אויף דער ערד און זיך אַרומגעקוקט. ער האָט זיך געפונען אַ ביסל אָן אַ זייט. קיין אַנדערע פאַראַשוטיסטן האָט ער ניט געזען אַרום זיך. קען דאָס זיין, אַז ער האָט פאַרבלאָנדזשעט, אָדער האָבן זיך די אַנדערע צוריקגעצויגן?

ער האָט גענומען די ביקס און געוואָלט אַרויסקריכן פון לאָך, אָבער עטלעכע קוילן האָבן אַ פייף געטאָן לעבן אויער און ער האָט זיך איינגעגראָבן אין דער ערד. שפּעטער האָט ער געפּרואווט אַ צווייט מאָל אַרויסקריכן און האָט דערפילט אַ ווייטיק אין דעם לינקן פוס. אַ קויל האָט אים געטראָפן. ער האָט פאַרבונדן די וואונד מיט אַ נאָזטיכל און געשאָלטן דעם שונא.

ביי טאָג האָט ער דערפילט אַ שטאַרקן הונגער און דורשט. די וואונד האָט געריסן ווי מיט צוואַנגען. פון טויטן קערפּער האָט אָנגעהויבן צו שטינקען. דער טאָג האָט זיך אויסגעלייטערט און די זון איז געשטאַנען הויך איבער די בערג.

פאַר נאַכט האָט אַ דייטשישער פּאַטרול געפּרואווט צוקומען צו אים, ער האָט זיי אָבער פאַרטריבן מיט דער ביקס.

די אויגן האָבן זיך געקלעפּט און אים האָט זיך געוואָלט שלאָפן. די מידקייט איז געלעגן אין אַלע ביינער. ער האָט אָבער מיט די לעצטע כוחות געוואַרט.

ביי זיך האָט ער באַשלאָסן, אַז ער וועט זיך ניט אונטערגעבן; ביז דער לעצטער קויל וועט ער קעמפן.

שפּעט ביי נאַכט האָט ער דערהערט ווי דער פּאַטרול גנבעט זיך ווידער צו אים. ער האָט געשאָסן אין דער פינצטער פון צייט צו צייט. זאָלן זיי וויסן, אַז אים איז נאָך פאַרבליבן קוילן.

די נאַכט האָט זיך געצויגן ווי אַן אייביקייט. אָן עסן, אָן וואַסער, אָן רו, איז ער אויף מאָרגן געווען מער טויט ווי לעבעדיק.

ווען די אַמעריקאַנער פּאַראַשוטיסטן האָבן אים געפונען אין דער „פוקסן-לאָך״, האָט ער געהאַט פאַרלוירן דעם באַוואוסטזיין.

ער האָט אָבער אויסגעהאַלטן די פּראָבע פון אַן אַמעריקאַנער סאָלדאַט.

„דהי בלאָדי לאַימס״

די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן האָבן פאַרשיידענע מיינונגען וועגן די ענגלישע קאָלעגן, די „טאָמיס״, ווי מיר רופן זיי. מ׳האָט זיי ליב, מען באַוואונדערט זיי, מען האָט צו זיי טענות מכל המינים, און אַזוי ווייטער. ווער קען זיך דאָס אין אַלץ פונאַנדערקלייבן?

אונדזער ענגלישער קוזין רופט ביי אונדז אַרויס אַ שמייכל. דער גאַנג זיינער, דאָס רעדן, די מאַנערן — מיר קוקן און באַוואונדערן.

פון דער אַנדערער זייט, קענען זיי אונדז ניט פאַרשטיין, אונדז, די אַמעריקאַנער. כאָטש זיי באַציען זיך צו אונדז העפלעך, ווי עס פּאַסט פאַר אַן ענגלענדער, רופן מיר אַרויס ביי זיי דעם זעלביקן שמייכל, וואָס זיי ביי אונדז.

ביי אונדז אין דער אַרמיי גיט מען די סאָלדאַטן קאַווע דריי מאָל אַ טאָג. אין דער ענגלישער אַרמיי טרינקט מען טיי. שפּאַסן מיר אויף זייער חשבון. „עי פּאָט אָוו טי״ *), זאָגן זיי, און מיר לאַכן און רופן עס אַן „עי ספּאָט אָוו טי״. און מיר שפּאַסן ווייטער, און רופן די ענגלענדער „לאַימיס״ אַנשטאָט „טאָמיס״, און מיר לייגן צו — „בלאָדי לאַימיס״. דאָס וואָרט „בלאָדי״ גייט דעם ענגלישן סאָל־דאַט ניט אַרונטער פון די ליפּן. אַלץ הייסט ביי זיי „בלאָדי״: „דהי בלאָדי וואָר״ **), „דהי בלאָדי דזשוירמענס״ ***), „די בלאָדי

*) אַ טעפּעלע טיי.
**) די בלוטיקע מלחמה.
***) די בלוטיקע דייטשן.

גאַנס״ *). „דהי בלאַדי״ איז געוואָרן אַ שם־דבר אויך ביי אונדז, און מיר רופן זיי „דהי בלאַדי לאַימיס״ **).

אויפן פראָנט האָט דער רעגן אָראָפּגעשווענקט אַ וועג. איז גע־קומען אַן ענגלישער סאָלדאַט מיט זיין „בול־דאָזער״ מאַשין און זיך גענומען שניידן אַ נייעם וועג. די דייטשן האָבן אים דערזען פון זייערע פּאָזיציעס און זיך גענומען צו אים מיט זייער אַרטילעריע. אַ נייער וועג האָט געמיינט אַ נייער דורכגאַנג פאַר די אַמעריקאַנער, וואָס וואָלטן צוגעקומען נענטער צו זייערע רייען, און דאָס האָבן די דייטשן, פאַרשטייט זיך, ניט געוואָלט. -

עס איז געוואָרן גאַנץ „הייס״ אַרום „בלאַדי לאַימי״. איבערן קאָפּ האָבן געפייפט קוילן און אַרום האָבן געהודזשעט „שעלס״. ער אָבער, דער איינגעשפּאַרטער ענגלענדער, האָט געטאָן זיין אַרבעט פלאַגמעסיק. ער האָט זיך ניט געאיילט, ניט געכאַפּט שניידן אַבי־וואו. מיט דער ענגלישער קאַלטקייט און פּאַמעלעכדיקייט האָט ער אינזשענירט פאַרן אַמעריקאַנער קוזין אַ גוטן, אויסגעלייגטן וועג.

מיר האָבן באַוואונדערט זיין קוראַזש. איינער פון אונדזעריקע האָט באַמערקט:

— „דהי בלאַדי לאַימי״! אַלץ וואָס אים פעלט איצט, איז „עי ספּאָט אָוו טי״...

אָבער מיר זיינען זיך האַרציקע קאַלעגן.

„לאָזט מיך שטאַרבן״

די וועלט איז אין פלאַמען. דער פראָנט ברענט. טויטע און לעבעדיקע, פאַרוואונדעטע און געפאַנגענע. מיר און דער שונא.

שאַרטי עווענס פון באָסטאָן איז געלאָפן און ניט דערלאָפן. אַ קויל האָט אים געטראָפן אין האַלדז און נאָך אַ קויל אין בויך. ער האָט זיך איבערגעקוליעט און איז געבליבן ליגן אויפן מיטן וועג, אַ צונויפגעדרייט שטיק מענטשלעך קנויל.

דאָס בלוט האָט געשפּריצט, דערנאָך געפלאָסן, דערנאָך אין גאַנצן אויפגעהערט. שאַרטי עווענס איז געווען האַלב טויט, אָבער נאָר האַלב. די אַנדער העלפט האָט ניט געוואָלט שטאַרבן. דער

---

*) די בלוטיקע ביקסן.

**) די בלוטיקע ענגלענדער.

טויט איז געשטאַנען גרייט. שאַרטי האָט עס געוואוסט. אים האָט זיך ניט געוואָלט מאַטערן. צו וואָס?

דער פּיין און די יסורים האָבן אים ווי געזאָגט, אַז עס וועט נאָך נעמען לאַנג ביז ער, שאַרטי, וועט אויסהויכן דעם לעצטן מענטשלעכן אָטעם. דערווייל וועט דאָס ביסל פאַרבליבן לעבן טליען.

און אים האָט זיך אַזוי געוואָלט שטאַרבן גרינג און שנעל, אָן פּיין און אָן יסורים. די סאָלדאַטן האָבן אָפט גערעדט וועגן טויט און זיי (אויך שאַרטי) האָבן זיך געוואונטשן אַז אויפן שלאַכטפעלד, אויב זיי וועט אויסקומען צו שטאַרבן, זאָל דאָס זיין אַ גרינגער און גיכער טויט.

מיט שאַרטין האָט זיך אויסגעלאָזט אַנדערש. דער טויט האָט זיך מיט אים געשפּילט אין זיין גאַנצער גרויזאַמקייט, פּונקט ווי אויף צו להכעיס.

האָט ער מיט די לעצטע כוחות גערופן צו די פאַרביילויפנדיקע סאָלדאַטן:

„לעט מי דאַי!“ *) און ווידער — „לעט מי דאַי!“

די מערסטע האָבן זיך אַפילו ניט אָפּגעשטעלט לעבן אים. יעדערער איז געווען פאַרנומען מיט אַ וויכטיקערער זאַך: רוקן זיך וואָס נענטער צום שונא, שטופּן אים ווייטער און ווייטער אויף יענער זייט באַרג און נאָך דעם אַראָפּשטופּן פון באַרג.

דאָס רופן: „לאָזט מיך שטאַרבן!“ איז געוואָרן שוואַכער און שוואַכער, אָבער עס האָט ניט אויפגעהערט. דער טומל אַרום איז געווען גרויס. דאָך האָבן זיך צוויי אָפּגעשטעלט און ריזיקירט מיט די לעבנס. זיי האָבן געקניט פאַר שאַרטין.

— מיר קענען אים ניט העלפן — האָט דער ערשטער געזאָגט — די מעדיקס וועלן אים דאָ געפינען. דאָס איז זייער אַרבעט.

— מיר קענען אים יאָ העלפן — האָט דער צווייטער געענטפערט — ער וועט סיי־ווי שטאַרבן. זע, אַ קויל אין האַלדז, אַ קויל אין בויך. צו וואָס לאָזן אים מאַטערן זיך?

— יאָ, אָבער — האָט דער ערשטער אָנגעהויבן און ניט פאַרענדיקט. — דאַן — טו דו עס. איך קען ניט.

---

*) לאָזט מיך שטאַרבן.

ער האָט זיך אַ שטעל געטאָן און איז אַוועקגעלאָפֿן, ניט וואַרטנ־דיק אויפֿן חבר. דער צווייטער איז אַ ווייל געבליבן, ניט וויסנדיק וואָס צו טאָן: אַריינלאָזן דעם האַלב טויטן אַ קויל אין קאָפּ און זאָל נעמען אַ סוף צו זיין מאַטערן זיך? יאָ אָדער ניט?

ער האָט זיך האַסטיק אַ שטעל געטאָן און איז אויך אַוועקגע־לאָפֿן אין דעם חברס ריכטונג. ניט געקענט דערשיסן.

דעם באַוואוסטזיין האָט שאַרטי עווענס פֿאַרלאָרן, אָבער ער האָט נאָך אַלץ געבעטן:

— לאָזט מיך שטאַרבן! לאָזט מיך שטאַרבן!

איטאַליע, אַנציאָ ים־ברעג, 1944.

פון פראַנט (ג)

דער נעגער

די סאָלדאַטן, וואָס טרייבן טראָקס, דזשיפּס און אַנדערע אַרמיי־אויטאָס, זיינען טאַקע אמתע העלדן. מען קוקט זיך אויף זיי ניט אום און זיי ווערן ניט באַזונגען אין לידער און מען שרייבט ניט וועגן זיי אין דערציילונגען. זיי פאַרמאָגן אָבער מוט און קוראַזש און, דאָס וואָס דער אַמעריקאַנער רופט אָן, „גאַטס".

אין רעגן, ווינט און קעלט; ביי טאָג און ביי נאַכט פאָרן זיי צום פראָנט, פון פראַנט. זיי פירן עסנוואַרג, אַמוניציע, בריוו און ווער ווייסט וויפל נאָך זאַכן. די וועגן ווערן באָמבאַרדירט טאָג און נאַכט, ווייל אָן קאָמוניקאַציע קען אַן אַרמיי ניט אויסקומען און דער שונא וויל אַ תל מאַכן פון אונדזערע וועגן.

זיינען אָט די טרייבערס אין אַ שטענדיקער געפאַר. קיין פוקסן־לעכער קען מען מיט זיך ניט פירן. פאַסירט עפּעס אויפן וועג, שפּרינגט מען פון טראָק אין אַ גרוב, אין וואַסער אָדער אין וואָס עס מאַכט זיך. אַפילו ווען אַלץ גייט כשורה טרעפט אָפט, אַז דער טראָק אָדער „דזשיפּ" בלייבט פּלוצעם שטיין. דער מאָטאָר אַרבעט ניט. גיי פאַרריכט דאָס „אייזערנע פערד" אָן געצייג און אָן מעכאַניקער, ווייט פון לאַגער. מוז מען אין אַזעלכע פאַלן איבער־לאָזן דעם טראָק און דערשלעפּן זיך צום לאַגער צו פוס.

זיי האָבן וואָס צו דערציילן, די דאָזיקע טרייבערס. איינער, אַ נעגער, האָט ערשט באַקומען אַ מעדאַל פאַר דער העלדישקייט וואָס ער האָט באַוויזן:

צוועלף פאַרוואונדעטע פאַראַשוטיסטן האָבן געוואַרט, אַז מען זאָל זיי אָפּפירן אין שפּיטאָל. זיי האָבן זיך געפונען ערגעץ אָן אַ זייט, וואו עס האָט אָנגערעגנט אַ טייך, מיט בלאָטע איבערן האַלדז.

איז געקומען דער נעגער מיט זיין טראָק אַרויספירן די פאַר־

וואונדעטע. ווי אַזוי וועט ער עס קענען דערווייזן? — האָט אים דער אָפיציר געפרעגט. זיכער וועט דער טראַק בלייבן שטעקן אין בלאָטע. דער נעגער האָט געגעבן אַן ענטפער, וואָס האָט זיך פאַר־שפרייט ווייט און ברייט צווישן די אַמעריקאַנער און איז געוואָרן קלאַסיש. ער האָט געזאָגט:

— יעס, סיר, אַ סך וואַסער, סיר. אָבער אונטערן וואַסער איז דאָך פאַראַן ערד, ניט אַזוי?

איז מען געקראָכן אין טראַק און ער האָט זיי געפירט פאַמעלעך. אַלע זיינען געווען זיכער, אַז ער וועט בלייבן שטעקן אין בלאָטע און וואַסער. אָבער עס האָט זיך אויסגעלאָזט פּונקט פאַרקערט. דער נע־גער איז געווען אַ גוטער טרייבער. ער האָט בייגעקומען דאָס שווערע. דער טראַק איז אַרויסגעפאָרן אויפן וועג.

שפּעטער האָט זיך דער טראַק פאַרהאַקט ערגעץ אויפן וועג. האָט זיך דער נעגער ניט געפּוילט, געכאַפּט אַ לאָפּעטע, אָפּגעשאַרט די בלאָטע, אָפּגערייניקט דעם וועג און ווייטער געפאָרן.

נאָך איין מאָל איז דער טראַק געבליבן שטעקן, שוין ניט ווייט פון שפּיטאָל. באַמבעס האָבן געקראַכט אין ערגעץ, קאַנאָנען און האַרמאַטן האָבן געוואָרפן קוילן. ער, דער נעגער, האָט ווידער גע־כאַפּט די לאָפּעטע, אָפּגעוואָרפן די בלאָטע פון אונטער די רעדער און בשלום געבראַכט צו פירן די פאַרוואונדעטע אין שפּיטאָל.

דעם מעדאַל האָט ער כשר פאַרדינט.

דער מאַנטל

אונדזערע אויסקוקערס האָבן זיך אַרויסגעלאָזט שפּעט ביי נאַכט. געגנבעט זיך צום שונאס לאַגער אויסצוגעפינען וואָס ביי יענעם טוט זיך און אַריינכאַפּן עטלעכע דייטשישע געפאַנגענע, וואָס פון זיי וועט מען קענען אַרויסקריגן מיליטערישע אינפאָרמאַציע.

די פינצטערניש האָט געשטערט. ווייטער פון נאָז האָט מען ניט געקענט זען. דאָך איז מען געקראָכן אין יענער ריכטונג וואו דער שונא איז געשטאַנען.

אַ שעה, צוויי, דריי. עס האָט זיך געקליבן אויף רעגן. דער ווינט האָט אָנגעהויבן רייסן. דאָס קריכן איז געוואָרן שווערער.

די אויסקוקערס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַ ווײַלע, אָפּכאַפּן דעם אָטעם אַ פּאָר מינוט, טאָן די מענטשלעכע באַדערפעבישן.

דער סאַרדזשענט, וואָס האָט געפירט די גרופּע, האָט דערזען ניט ווײַט פון אים (די אויגן האָבן זיך שוין צוגעוואוינט צו דער פינצטערניש) עמעצן וואָס איז געזעסן אָנגעלענט אויף איין פּוס. האָט ער זיך צו יענעם צוגערוקט, געכאַפּט אַ קוק, אַרויסגעצויגן דעם 45 קאַליבער רעוואָלווער און יענעם דערשאָסן.

ער האָט צונויפגענומען די גרופּע און שנעל האָבן זיי זיך אָפּ־געטראָגן צו זייער ליניע.

דאָרטן, ביי זיך „אין דער היים", האָבן זיי אים געפרעגט:

— וועמען האָסטו דערשאָסן, סאַרדזשענט?

און דער סאַרדזשענט האָט דערציילט:

— אַ דײַטשישן סענטינעל אָדער שפּיאָן. דער שוואַרץ יאָר ווייס אים. קען זיין אַז ער האָט פאַרבלאָנדזשעט צווישן אונדז, אָדער ער האָט זיך בכיוון אַרײַנגערוקט כּדי צו באַקומען אינפאָרמאַציע. ער האָט אָבער באַקומען עפּעס אַנדערש.

— פון וואַנען האָסטו געוואוסט אַז ער איז אַ דזשערי (דײַטש)?

— האָבן עטלעכע געפרעגט.

דער סאַרדזשענט האָט אַ שמייכל געטאָן.

— ווען מיר האָבן זיך אַרויסגעלאָזט פון דאַנען, זיינען מיר געווען אָנגעטאָן אין קריגס־מונדירן. יענער אָבער האָט געטראָגן אַ מאַנטל.

„ס'איז קאַלט"

דער דײַטש האָט געשאָסן אויף אונדזער פּלאָטון און אָפּ־געראַמט אונדזערע צוויי פון וועג. שפּעטער האָט מען אים דעם דײַטש, גענומען געפאַנגען. ער איז געווען פון מיטעלן וואוקס, מיט אַ האָ־ריק פּנים און אין עלטער פון אַ יאָר צוואַנציק.

די מורא איז אים געלעגן אויפן פּנים. די גרופּע פּאַראַשוטיסטן אונדזערע האָט אים געשאָלטן. ער האָט אָבער קיין ענגליש ניט פאַרשטאַנען. אַ שטילער האָט ער געקוקט ווי די פּאַראַשוטיסטן רייניקן זייערע ביקסן און רעוואָלווערן און וואַרפן בליקן אויף אים, פול מיט האַס און כּעס.

ביי נאַכט האָבן זיך אַלע אויסגעשפּרייט אויף דער האַרטער ערד אויף איין קאָלדרע און זיך איבערגעדעקט מיט נאָך איינער.

איבערן דייטש האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ סענטינעל. אויך דער סענטינעל האָט זיך אַרומגעוויקלט אין צוויי קאָלדרעס און זיצנ־דיק אויף אַ גרויסן שטיין האָט ער געוואַכט איבערן דייטש.

דער געפאַנגענער האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף דער ערד. די נאַכט האָט געבראַכט מיט זיך אַ קאַלטקייט וואָס האָט דורכגע־נומען ביין און מאַרך. דער געפאַנגענער האָט געטראָגן אַ צעריסע־נעם מונדיר און די קעלט איז אים אַריין אין אַלע אברים. ער איז אַ ווייל געלעגן אויף איין זייט, דערנאָך איבערגעקערט זיך אויף דער אַנדערער זייט, און דאַן געפּרואווט ליגן אויף דער פּלייצע. אָבער עס איז געווען אומזיסט. די קעלט האָט ניט אָפּגעלאָזט.

אַ ווייל האָט ער זיך אויפגעזעצט, געריבן זיך די פיס און געבלאָזן אין די הענט. דער סענטינעל האָט געקוקט אויפן דייטש אָן מיטלייד, מיט אַ קאַלטן דורכגעפּראַרענעם בליק. ענדלעך האָט דער געפאַנגענער געזאָגט עפּעס אין דייטש און געוויזן דעם סענ־טינעל אַז אים איז קאַלט און ער ווערט דערפראָרן.

דער סענטינעל האָט גאָר ניט געענטפערט. דער געפאַנגענער האָט זיך ווידער אויסגעצויגן אויף דער ערד, און אַ ווייל איז געווען שטיל. דאַן האָט ער זיך אַ הייב געטאָן און איבערגעחזרט:

— ס׳איז קאַלט, ס׳איז קאַלט!

— שאַראַפּ גאַדעמיט! *)—האָט דער סענטינעל אויסגעשריען. דער געפאַנגענער האָט פאַרשטאַנען און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

אין אַ ווייל אַרום האָט זיך ווידערהאָלט די זאַך.

— ס׳איז קאַלט, ס׳איז קאַלט! — האָט ער געזאָגט צום סענ־טינעל.

— דו הינטישער זון! — האָט זיך דער סענטינעל צעשריען — קאַלט איז דיר? דיין דייטשישע פעל פריערט? און אונדז איז ניט געווען קאַלט, ווען מיר זיינען געלעגן טעג און נעכט אין די פוקסן־לעכער? האָבן מיר ניט געפרוירן ווען דו האָסט געשאָסן אויף אונדז פון דיין וואַרעמער באַהעלטעניש? איז מיינע צוויי חברים ניט געווען קאַלט, ווען דו האָסט זיי דערשאָסן? איך וועל דיך באַפרייען

*) ווער שטום, פאַרשאָלטענער.

פון דער קעלט, דו דייטשישער...! — און ער האָט אַ הייב געטאָן די ביקס און דעם געפאַנגענעם דערשאָסן.

פערציק לעבנס

אין דער ערשט פאַרנומענער שטאָט האָבן די אַמעריקאַנער אַרמיי־אינזשענערן אַריינגעקליבן זיך אין אַ שיינער געראַמער געביידע.

מען האָט זיך אויסגעשפּרייט ווי ביים טאַטן אין ווייִנגאָרטן. נאָך טעג און נעכט פון שלאָפן אויף דער ערד און אין בלאָטע, אין רעגן און אין קעלט, איז אין דער געביידע געווען אַ גן־עדן.

די אינזשענערן האָבן זיך אַרומגעוואַשן מיט הייסע וואַסער. אָפּגעראַזירט די פאַרוואַקסענע פּנימער, אָנגעטאָן ריינע אונטער־וועש און אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. מען האָט פאַרגעסן אָן דעם שלאַכט־פעלד און קאַמף און שונא. עס האָט זיך זיי געוואָלט נאָר צוויי זאַכן — רו און שלאָף.

דאָס האָבן זיי אָבער אָפּגעלייגט אויף ביי נאַכט. איצט האָבן זיי זיך געכאַפּט שרייבן בריוו אַהיים: צו עלטערן, צו ווייבער, צו פריינד. מען איז געווען גוט אויפגעלעגט. נאָך אַלעמען, איז זיי ניט געווען אַזוי שלעכט. אמת, טעג און נעכט האָבן זיי זיך געפונען אונטער אַ פייער. ניט אַלע זיינען צוריקגעקומען. איצט אָבער האָט זיך די שטימונג געהויבן.

די בריוו וואָס זיי האָבן געשריבן אַהיים זיינען געווען מונ־טערע. מען האָט זיך אַפילו דערלויבט צו שפּאַסן. האָפענונגספולע האָבן די אינזשענערן פאַרשריבן בויגנס פּאַפּיר און קאַרטלעך און צוגעזאָגט, אַז מאָרגן וועלן זיי ווידער שרייבן בריוו.

דער מאָרגן איז געקומען. ער האָט אָבער געבראַכט מיט זיך טויט און פאַרוויסטונג. ווען עס האָט אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג, האָט זיך דערהערט אַן אויפרייס און אַ טרייסלעניש. פון דער שיינער געביידע איז געוואָרן אַ חורבה. אַ רויך האָט זיך געשלענגלט צום הימל. ציגל און טויטע קערפּערס האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער ערד.

די דייטשן, איידער זיי זיינען אָפּגעטראָטן, האָבן אונטערגע־לייגט אַ צייט־באָמבע אין דער געביידע.

פערציק לעבנס וואָס האָבן געזוכט רו און שלאָף, האָבן עס געפונען — אויף אייביק.

„דאָס איז אונדזער פליכט"

דער דייטשישער אָפיציר, דער געפאַנגענער, איז געשטאַנען פאַר אונדזער אויספרעגער, אַ מעידזשאָר.

דער דייטשישער אָפיציר איז געווען שלאַנק און בלאָנד. דער מונדיר מיט די ערן־צייכנס איז געלעגן אויף אים גראַציעז. די שוואַרצע שטיוול זיינען געווען נייע, כאָטש פאַרבלאָטיקט.

ער האָט זיך געהאַלטן שטייף און פּינקטלעך געענטפערט אויף די פראַגעס וואָס דער מעידזשאָר האָט אים געשטעלט. עטלע־כע מאָל האָט ער זיך פאַרנייגט און אַ קלאַפּ געטאָן מיט די שטיוול, דאָס האָט דעם מעידזשאָר געוואונדערט. אַזאַ העפלעכקייט.

— זעט איר ניט איין אַז דעם קריג וועט איר פאַרלירן, פריער אָדער שפּעטער? — האָט דער אַמעריקאַנער אָפיציר גע־פרעגט דעם דייטשישן אָפיציר.

— קען זיין — איז געווען דער ענטפער.

— טאָ צו וואָס הרגעט איר און פאַרניכטעט מענטשלעכע לעבנס? פאַר וואָס ניט אונטערגעבן זיך?

דער דייטשישער אָפיציר האָט אַ שמייכל געטאָן.

— איידער מיר וועלן פאַרלירן דעם קריג, איז עס אונדזער פליכט אומצוברענגען וואָס מער פון אייערע סאָלדאַטן. פאַרלירן דעם קריג אפשר יאָ, אָבער אונטערגעבן זיך — ניט.

קערפּערס

די סאָלדאַטן וואָס זיינען געפאַלן אויפן באַרג, זיינען דאָרטן געבליבן ליגן. דער שניי און דער רעגן, דער ווינט און די קעלט האָבן געשטערט די לעבעדיקע סאָלדאַטן וועלכע האָבן זיך אַרויס־געלאָזט ביי נאַכט אויף דער געפערלעכער אַרבעט צו געפינען די טויטע קערפּערס און ברענגען זיי צו דער לעצטער רו.

די דייטשן האָבן געוואָרפן קוילן אויף דעם באַרג. זיי האָבן אַפילו ניט געלאָזט די טויטע רוען.

מיט אייזלען איז מען געקראָכן אויפן באַרג. די טויטע קער־פּערס האָט מען געלייגט אויף די שטומע באַשעפעניש, צוגעבונדן מיט שטריק און זיך פאַרנומען אויף אַראָפּ־צו. גליטשיק איז געווען. די אייזלען האָבן זיך ניט געאײַלט. אין דער פינצטער האָט זיך דער קאַראַוואַן געצויגן פּאַמעלעך. די סאָלדאַטן האָבן געשאָלטן און געבריקעט די איטאַליענישע אייזלען.

אָפּט האָט געטראָפן אַז אַ קערפּער האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון דעם אייזל, אַראָפּגעגליטשט זיך אויף דער בלאָטיקער ערד און געבליבן ליגן ווי אַ שטיק האָלץ, די הענט אויסגעשטרעקט, ווי זיי וואָלטן זיך געבעטן: לאָזט אונדז צו רו, וואָס מאַטערט איר אונדז?

אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך די פּראָצעסיע געצויגן. עס איז נאָך איבערגעבליבן אַרבעט אויף די קומענדיקע טעג און נעכט.

ביי טאָג איז געווען גרינגער. מען האָט געקענט זען וואָס מען טוט און ווי צו קריכן אַרויף און אַראָפּ באַרג.

די צווייטע נאַכט האָט דער שונא באַהאָגלט דעם באַרג מיט אַ באַראַזש. אַנגיין מיט דער אַרבעט איז געווען אוממעגלעך. האָט מען זיך ווי עס איז באַהאַלטן הינטער שטיינער גרויסע, אין לעכער און וואו ניט איז.

אין איין לאָך זיינען אַריינגעקראָכן דריי סאָלדאַטן. איינער האָט אָנגעטאַפּט אַ טויטן.

— „לעטס געט דהי העל אַוט אָוו הירו!" — האָט ער געזאָגט צו די אַנדערע.

זיי האָבן געוואָלט אַרויסקריכן פון לאָך, אָבער די קוילן האָבן זיך צעפּייפט גראָד דעמאָלט און די סאָלדאַטן זיינען געבליבן אין לאָך.

— נו, מילא, — האָט דער אַנדערער געזאָגט — אַזוי פיל טויטע זיינען דורכגעגאַנגען דורך אונדזערע הענט, טאָ זאָל זיין נאָך איינער. עס וועט אונדז ניט שאַדן.

זיי זיינען פאַרבליבן נעכטיקן אין דער לאָך מיטן טויטן.

„דזשאָו"

ווען די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן האָבן געלאַנדעט אויפן וואַסער־ברעג אין סאַלערנאָ, איטאַליע, האָט זיך דאָרט אַרומגעדרייט אַ

הינטל. ער האָט זיך איינגעקוואַרטירט מיט די סאָלדאַטן און זיי האָבן אים ליב באַקומען.

גערופן האָבן זיי אים „דזשאָו", קענטיק, אַז ער האָט דעם דאָזיקן נאָמען ליב געהאַט, ווייל יעדער מאָל ווען אַ סאָלדאַט האָט אַ רוף געטאָן: „דזשאָו!" איז ער צו יענעם צוגעלאָפן און אים געלעקט די הענט און געקושט.

צו גלייך מיט די סאָלדאַטן האָט ער געקעמפט. פון דייטשישע באָמבעס און קוילן האָט זיך „דזשאָו" אויסגעהיט, געשלאָפן אויפן זאַמד, געגעסן וואָס די סאָלדאַטן האָבן געגעסן. מיט איין וואָרט — „דזשאָו" איז געווען אַן אמתער אַמעריקאַנער סאָלדאַט.

דער הונט „דזשאָו" האָט מיטגעמאַכט אַלע שלאַכטן. ווען די אַמעריקאַנער אַרמיי איז אַריבער דעם וואָלטורנא טייך, איז ער געווען מיט זיי אונטערן פייער. ווען זיי האָבן צוגענומען שטעטל נאָך שטעטל פון די דייטשן, איז „דזשאָו" געווען מיט זיי. ער איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דער משפחה. מען האָט זיך גאָר ניט געקענט פאָרשטעלן די שלאַכט אָן אים.

אַז „דזשאָו" איז אויך אַ העלד, דאָס האָבן די סאָלדאַטן גאָר ניט געוואוסט. דאָס האָבן זיי זיך דערוואוסט ערשט שפּעטער.

די דייטשן האָבן זיך פאַרפעסטיקט אויף אַ באַרג מיטן נאָמען קארנא. די אַמעריקאַנער האָבן זיי געדאַרפט אַראָפּטרייבן פון אָט דעם באַרג.

האָט מען אַרויסגעשיקט אַ פּאַטרול אויסצושפּיאָנירן ווי שטאַרק עס זיינען די דייטשן אויפן באַרג. „דזשאָו" איז אויך מיטגעגאַנגען.

זיי זיינען געקראָכן איבער גריבער, דורך אַ פעלד, און דער ערשטער אין דער ריי איז געווען דער הונט. ער האָט אַלעמען גע־פירט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ זייער וויכטיקע אַרבעט, און אויך אַ געפערלעכע, אָבער ער האָט קיין מורא ניט געהאַט. איז ער דאָך געווען אַ סאָלדאַט מיט דער אַמעריקאַנער אַרמיי.

האָט זיך דער פּאַטרול אַזוי געשלעפּט ביז וואַנען זיי זיינען צוגעקומען גאָר נאָענט צו דעם באַרג קארנא. דאָ האָבן זיי די דייטשן דערשפּירט. דער שונא האָט גענומען שיסן. אַ קויל פון אַ מאַשין־ביקס האָט אָפּגעשאָסן „דזשאָוס" עק. ער האָט זיך אָבער ניט דער־שראָקן און געקראָכן ווייטער אויפן באַרג. מאַשינביקסן און מאָר־טאָרס האָבן געהאָגלט אויפן הונט און ער איז געפאַלן אַ טויטער.

דער פּאַטרול האָט זיך דערווייל באַהאַלטן הינטער אַ בערגל. איצט האָבן זיי אויסגעפונען דאָס וואָס זיי האָבן געוואָלט וויסן: ווי שטאַרק דער שונא איז און וואו זיינע נעסטן מיט די מאַשין־ביקסן און מאָרטאַרס געפינען זיך.

די אינפאָרמאַציע האָבן זיי גלייך איבערגעגעבן דער קאָמפּאַניע און גאָר אין גיכן האָבן די אַמעריקאַנער געלאָזט האָגלען קוילן און באָמבעס אויף די דייטשן. שפּעטער האָבן זיי אַטאַקירט דעם באַרג און אים אָפּגענומען פון די דייטשן.

ווען אַלץ האָט זיך איינגעשטילט, האָבן די סאָלדאַטן געפונען דעם הונט „דזשאָו" דאָרט וואו ער איז געפאַלן. אַ העלדישער סאָלדאַט איז געווען דער הונט, ער האָט זיך ניט דערשראָקן פאַרן שונא.

מען האָט פאַר אים געמאַכט אַ מיליטערישע לוויה און אים באַגראָבן אויפן באַרג קאַרנא.

איטאַליע, אַנציאָ ים־ברעג, 1944.

פון פראָנט (ד)

אונדזערע „עם־פיס״ (מיליטערישע פּאָליציי)

אַמאָל איז דאָס שטעטל געווען אַ שטעטל ווי אַלע שטעטלעך, מיט מענטשן און אַ לעבן, געשעפטן און אַמוזירונגס־פּלעצער, רו און פרידן. די מלחמה איז נאָך געווען ווייט.

איצט איז פונעם שטעטל ווייניק פאַרבליבן. אין רעכטן מיטן וועג איז עס געשטאַנען און דער קריג האָט עס ניט געקענט אויסמיידן. מיט זיין גאַנצער פאַרוויסטונג האָט זיך דער קריג אַראָפּגעלאָזט אויפן שטעטל. קלעפּ איבער געגנוג האָט דאָס שטעטל באַקומען פון ביידע זייטן: אי פון שונא, אי פון אונדז. די איינוואוינערס זיינען אַנטלאָפן אָדער אין די בערג, אָדער אין אַ גרעסערער שטאָט.

די אַמעריקאַנער האָבן זיך אַריינגעקליבן אין דעם טויטן שטעטל. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן די דייטשן פון דער אַנדערער זייט גענומען באָמבאַרדירן דאָס שטעטל. זיי האָבן געוואָרפן אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט ביי דער האַנט.

אין שטעטל פאַרבלייבן איז געוואָרן אַ געפאַר. דאָך האָבן זיך די אַמעריקאַנער ניט צוריקגעצויגן. מער פון אַלעמען האָבן געליטן די „עם־פּי״, אונדזער פּאָליציי. זיי האָבן אַכטונג געגעבן אויפן טראַפיק טאָג און נאַכט, אויף די מיליטערישע העדקוואַטערס, און געהאַלטן אַן אויג אויף אַלץ.

שטייענדיק אַזוי, אויפן מיטן גאַס, צווישן אַנגעוואָרפענע שטיי־נער, גלאָז און אייזן; שטייענדיק אַזוי טאָג און נאַכט, אָן פּראָטעק־ציע, אויף זייערע פּאָסטנס, זיינען די דאָזיקע „עם־פּיס״ געווען די אמתע העלדן דאָרטן אויפן פראָנט.

פאַרלאָזן די פּאָסטנס — דאָס טאָר מען ניט. מיט די אַרעמבענדלעך און 45 קאַליבער רעוואָלווערן האָבן זיי זיך ניט גערירט פון אָרט. קוקנדיק אויף זיי האָבן מיר זיך געפילט זיכערער

מיטן לעבן. אויב זיי קענען שטיין אונטערן פייער פון שונא, קענען מיר עס אויך טאָן.

אמת, ביי די סאָלדאַטן זיינען די דאָזיקע „עם־פּיס" ניט פּאָפּולער. אָבער דעמאָלט האָבן מיר פאַר זיי באַקומען דרך־ארץ.

אַ בעקעריי

אַן אַרמיי דאַרף עסן. אונטערן האָגל פון קוילן האָט מען געבאַקן ברויט פאַר אונדזערע סאָלדאַטן. דער שונא איז נאָך געשטאַנען אַרום אונדז. ער האָט ניט געלאָזט רוען. אָבער דער קוואַרטערמייסטער אונדזערער, וואָס באַזאָרגט די אַמעריקאַנער אַרמיי מיט אַלץ, פון נאָזטיכלעך ביז ביקסן, האָט געעפנט אַ בעקעריי אונטערן שונאס נאָז — אַזוי נאָענט, אַז דעם דייטש האָט געוויס געקיצלט אין נאָז, האָבן זיך אַנדערע געוויצלט...

טאָג און נאַכט האָט מען געמישט מעל מיט אַנדערע זאַכן און געמאַכט לאַבנס ברויט, פרישע, געשמאַקע, וואַרעמע לאַבנס ברויט. די בעקערס, אַליין סאָלדאַטן, אַנגעטאָן אין די מונדירן, האָבן געקנאָטן און געבאַקן און פונאַנדערגעשיקט צום פראָנט פאַר אַנדערע מידע און ניט אויסגעשלאָפענע „יענקס".

אָפט האָט פּאַסירט: סאָלדאַטן זיינען געקומען פון פראָנט אין שטעטל אַריין נאָך אַמוניציע, אָדער עפּעס אַנדערש.

זיי האָבן דערשמעקט דעם ריח פון טייג און ברויט. די נאָזלעכער האָבן געצוקט... די סלינע איז זיי גערונען פון מויל... דאָס שטיקל ברויט וואָס איז אָנגעקומען אויף יעדנס חלק אויפן פראָנט אין טרענטש האָט ניט געסטאַיעט... ווייל וואָס איז אַ שטיקל ברויט ביי אַ הונגעריקן סאָלדאַט? עס האָט נאָך מער צערייצט דעם אַפּעטיט...

פלעגן אָט די ניט־ראַזירטע סאָלדאַטן גיין צו דער בעקעריי, שטיין פון ווייטן און קוקן זשעדנע אויף די בעקערס און אויף דעם ברויט. די אויגן האָבן זיך געבעטן: גיט אַ לעבל ברויט.

די בעקערס האָבן ניט געקענט ביישטיין דעם נסיון. די סאָלדאַטן זיינען דאָך זייערע חברים. מען קעמפט דאָך פאַר איין און דער זעלביקער זאַך. מען קומט דאָך פון איין לאַנד. ווי אַנטזאָגט מען דאָס אַזאַ שטילן פאַרלאַנג?

האָבן זיי געגעבן יעדן סאָלדאַט פרישן, ווייסן ברויט, ערשט פון אויוון אַרויס. אמת, ווען דער אָפיציר, דער באַלעבאָס זייערער, וואָלט דאָס געזען, וואָלט ער געוויס ניט דערלאָזט, ווייל דאָס ברויט איז געווען אויסגעציילט, פאַר יעדן רעגימענט אַזוי פיל און אַזוי פיל לאַבנס. און אַחוץ דעם האָט עס געמיינט מער אַרבעט פאַר זיי, די בעקערס.

אָבער דאָס אַרבעטן מער און שווערער האָט די בעקערס ניט געאַרט. אָבי זייערע „באַדיס" האָבן זיך געקוויקט מיטן ברויט דעם פרישן, וואָס זיי האָבן באמת צעצוקערט...

אַ פּאָסט-אָפיס

די בעסטע זאַך פאַרן סאָלדאַטס מאָראַל איז — אַ בריוו פון דער היים. דאָס איז שוין אַן אַנגענומענער פאַקט אין דער אַרמיי. וואָס פאַר אַ ווערט האָט דעם סאָלדאַטס לעבן אויב ער באַקומט ניט קיין בריוו פון די עלטערן, פון זיין יונג ווייבל, פון זיין געליבטער?

דער אַרמיי פּאָסט-אָפיס, פאָרט מיטן סאָלדאַט אויפן פראָנט, פונעם פראָנט, אַהין, אַהער, ביז עק וועלט.

ניט אַלע מאָל איז מעגלעך צו עפענען אַ פּאָסט-אָפיס פאַר אונדזערע סאָלדאַטן אין אַ געביידע. ווען דער שונא איז צו נאָענט, האָט אַ מויער קיין ווערט ניט. איין באָמבע און — אויס מויער!

לעבן פראָנט האָט זיך אונדזער פּאָסט-אָפיס אַריינגעקליבן אונטער דער ערד, טיף אין אַ פינצטערן קעלער, וואו אַמאָל איז געשטאַנען גוטער איטאַליענישער וויין, מיט שנאַפּס און אַפילו שאַמפּאַניער, וואָס די דייטשן האָבן אַלץ אויסגעטרונקען, ווען זיי זיינען געווען די באַלעבאַטים איבער די איטאַליענער.

אַרום קעלער האָט מען אַרומגעלייגט זעקלעך מיט זאַמד און פאַרשטעלט מיט אַנדערע צעבראָכענע זאַכן, ווי: טעלעגראַף-סלופּעס, צעבייגענע אייזנס, דורכגעלעכערטע טירן. ביים אַריינגאַנג האָט מען אַרויסגעהאַנגען אַ שילדל: „יו. עס. פּאָסט אָפיס"... און פון אָט דעם פּאָסט-אָפיס האָבן מיר באַקומען בריוו אויף דעם פראָנט רעגלמעסיק, ממש צום באַוואונדערן. בריוו אָן אַן אָפּשטעל, טאָג נאָך טאָג, און פּעקלעך, זשורנאַלן און צייטונגען. די איבערגעגעבענע פּאָסט-אַנגעשטעלטע, אַלע סאָלדאַטן, האָבן געאַרבעט פיר און

צוואַנציק שעה, ניט אָפּגערוט זיך, געטרייע אַרבעטער פּאַר אַנקל סעם.

ניט געקוקט אויף די באָמבעס און אַרטילעריע שעלס, ניט מורא האָבנדיק פאַר די עראָפּלאַנען פון שונא, האָבן זיי סאָרטירט בריוו נאָך בריוו און אַלע אַרויסגעשיקט אויפן ריכטיקן פּלאַץ.

אַ דאַנק זיי האָבן מיר געהאַט פיל ליכטיקע מאָמענטן אויפן פראָנט.

פריילעכע מאָמענטן

שוין אַ וואָך צייט אַז מיר האָבן זיך ניט געוואַשן. ווער האָט עס צייט? דער שונא לאָזט ניט לעבן. טאָג און נאַכט איז מען פאַר־נומען. אַז מען האָט יאָ אַ ביסל צייט, נעמען זיך ניט די הענט צו טאָן עפּעס. עס ווילט זיך נאָר זיצן שטיל, שמועסן מיט חברים און טראַכטן פון דער היים און אַמעריקע.

דאָך, טרעפט אַן אין דער פרי, אָדער ביי טאָג, ווען אויפן האַרצן איז גוט ווילט זיך זיין ריין און געגאָלט.

קלייבן מיר צונויף צווייגן און האָלץ און מאַכן אַ פייער. אין אונדזערע העלמעס גיסן מיר אַריין וואַסער און שטעלן עס אַרויף אויפן פייער.

דערוויל גרייטן מיר צו מכשירים: זייף, אַ צעבראָכן שפּי־געלע, אַ קעמעלע, אַ גאָל־מעסער, אד״גל.

איך האָב אַריינגעקוקט אין שפּיגעלע און זיך ניט דערקענט: אַ פאַרוואַקסן פּנים, צעפּודלטע האָר, שטויב אין די אויערן און אַ שוואַרצער רינג אַרום האַלדז. ווען האָב איך זיך דאָס לעצטע מאָל געוואַשן? ערגעץ אין אַן איטאַליענישער שטאָט, מיט אַ חודש צוריק.

דאָס וואַסער אויפן פייער האָט אויפגעזאָטן און איך האָב זיך גענומען צום וואַשן, געזייפט זיך דאָס פּנים, די אויערן, דעם קאָפּ און געגאָסן וואַסער אויף זיך. ווי גוט עס האָט זיך געפילט. נאָך דעם האָב איך זיך אָפּגעראַזירט און פאַרקאַמט די האָר.

איך האָב נאָך אַ מאָל אַריינגעקוקט אין שפּיגעלע און זיך דער־קענט. אַ גלאַט־ראַזירט פּנים, די האָר פאַרקאַמט, די אויערן רויט פון וואַשן און אַ ריינער האַלדז.

פיזיש רייך, איז מען ווי ניי געבוירן.

צוויי מאָל אַ טאָג קאָכט מען פאַר אונדז. די פעלדקיך קאָר־מעט אונדז ניין אַ זייגער אין דער פרי און דריי אַ זייגער ביי טאָג. עס איז מלחמה אויף לעבן און טויט און וואָס פאַר אַ ווערט האָט אַ ביסן ברויט, אָדער אַ הייסער זופּ?

אין אָוונט, אַ זייגער זיבן־אַכט, ווילט זיך פאַרט עסן. דער הונגער לאָזט ניט רוען. קלייבן מיר צונויף וואָס עס לאָזט זיך און עסן קאַלטס. קאַווע טרינקען מיר אָן צוקער און אָן מילך.

אונדזער חברה לאָזט זיך אַוועק אין פעלד. אַרום אונדז גע־פינען זיך פאַרמס. די איטאַליענישע פאַרמערס וואוינען נאָך דאָ. דער קריג האָט זיי ניט פאַרטריבן אין די בערג. זיי פאַשען בהמות, שעפּסן און פערד. ביי נאַכט הערן מיר ווי די שטומע באַשעפענישן מעקען און הירזשען.

חברה ברענגט צוריק אַ געקוילעטע שעפּס און מיר האָבן פלייש אויף עטלעכע טעג. ביי טאָג בראָטן מיר דאָס פלייש איבערן פייער און ס׳האָט טעם גן־עדן.

אַ נאַכטאַרבעט

זעקס אַ זייגער אין אָוונט איז שטאָק פינצטער. די לבנה האָט זיך ערגעץ באַהאַלטן אין די וואָלקנס. דער הימל איז אַ כמאַרנער. עס קלייבט זיך אויף אַ רעגן. אַ ווינט בלאָזט פון ערגעץ און ברענגט מיט זיך אַ קאַלטע כוואַליע.

פול באַוואָפנט קריכן מיר אין טראַק. דאָס פאָרן מיר ערגעץ אויף אַ שטיקל אַרבעט, אָבער זייער אַ וויכטיקע. הונגעריק זיינען מיר און אויסגעמאַטערט. אָבער די אַרבעט דאַרף געטאָן ווערן נאָר ביי נאַכט, ווען דער שונא זעט ניט וואָס מיר טוען.

דער טראַק שלעפּט זיך פּאַמעלעך. אין דער פינצטער דאַרף מען זיין זייער פאָרזיכטיק ניט אַריינצופאָרן אין אַ בוים אָדער גרוב, אָדער גאָר אָנשטויסן זיך אָן אַנדערן טראַק, אָדער „דזשיפּ״. קיין באַלייכטונג טאָר זיך ניט זען, רייכערן איז אויך פאַרבאָטן. דאָס פייערל פון אַ שוועבעלע טראָגט זיך אַ פּאָר מייל. און פון שונא וויל מען זיך אויסהיטן.

פוזעט דער טראַק אַזוי, און די מינוטן ציען זיך ווי פון פעך. מיר רעדן אין דער שטיל, שיר ניט שעפּטשענדיק. אָנגעטאָן זיינען

מיר גאָר וואַרעם, אָבער די קעלט גייט דורך ביזן לייב. און דערצו נאָך רייסט דער ווינט פון אַלע זייטן און פּאַטשט אין פּנים. די אויגן טרערן און פון גאָז הייבט אָן צו רינען.

איבער אונדז פליען גאַנץ הויך דייטשישע עראָפּלאַנען. זיי זעען זיך ניט, אָבער מיר הערן דאָס רוישן פון די מאָטאָרן. אַ שווערער זשום־זשום. קענטיק אַז די עראָפּלאַנען פירן באָמבעס פאַר אונדז.

אַרום אונדז וואַרפן זיי אַרונטער פאַקלען וואָס צינדן זיך אָן און בלייבן הענגען אין דער לופטן אַ דרייסיק מינוט. די דאָזיקע פאַקלען באַלייכטן דעם אַרום און דער שונא קען אַזוי אַרום זען וואו אַרונטערצולאָזן די באָמבעס.

עס ווילט זיך אונדז אָנקומען צום פּלאַץ וואָס גיכער. אין אַ טראַק איז מען ניט זיכער מיטן לעבן. וואָס פאַר אַ ווערט האָט אַ טראַק אַנטקעגן אַ באָמבע אָדער מאַשינביקס פון אַן עראָפּלאַן?

אין אַ שעה אַרום דערשלעפּן מיר זיך צום פּלאַץ. מיר שפּרינגען אַרויס פון טראַק. אויף דער ערד ליגט אַ פייכטקייט. קענטיק אַז עס קלייבט זיך אויף אַ פראָסט. זיינען דאָך די בערג באַדעקט מיט שניי און ביי טאָג דוכט זיך אויס, אַז דאָס זיצט אַזוי אַ קרוין אויף יעדן שפּיץ באַרג.

דער סאַרדזשענט זאָגט אונדז וואָס עס דאַרף געטאָן ווערן און מיר נעמען זיך צו דער אַרבעט. די ביקסן אונדזערע לייגן מיר אַוועק נאָענט לעבן זיך, ביי דער האַנט. ווער ווייס, אַ דייטשישער פּאַטרול קען נאָך אַ מאָל פאַרבלאָנדזשען אַהער אין דער פינצטער.

די אַרבעט איז אַ שווערע און זי דאַרף געטאָן ווערן ריכטיק. אַ סך לעבנס פון אונדזערע שטייען אין קאָן ביים קלענסטן טעות. אַרבעטן מיר געשמאַק און שוויצן אונטער. פון שטערן רינט דער שוייס. די הענט זיינען באַשמירט מיט בלאָטע.

רייכערן טאָר מען ניט. חברה שילט דעם דייטש און די מלחמה. נאָך אַ פּאָר שעה אַרבעט איז מען שטאַרק פאַרמוטשעט. די הענט טרייסלען זיך און די אַקסלען זיינען אָנגעצויגן ווי סטרונעס.

קאַנאָנען פון דער אַרטילעריע, באָמבעס און אַפילו מאַשין־ביקסן רייסן דורך די נאַכט מיט זייער פייפן און הודזשען און פייער. פון איין זייט שיסן אונדזערע, פון דער אַנדערער זייט—דער שונא. דער טומל פוןביידע גיסט זיך צונויף אין איינס.

דער סאַרדזשענט זאָגט אונדז אָן, אַז טאָמער וועט דער שונא

אַנצינדן אַ פּאַקעל לעבן אונדז, זאָלן מיר זיך גלייך אַנידערוואַרפן אויף דער ערד. מיר ווייסן עס אָבער אַן אים. קיין פוקסן־לעכער זיינע אַרום אונדז ניטאָ, האָפן מיר אַלע אַז די גוטע ערד וועט אונדז באַשיצן.

מיר רוען זיך אָפּ אַ מינוט צען. איינער קען זיך ניט איינהאַלטן און צינדט אָן אַ שוועבעלע. ער וויל פאַרייכערן. וואַרפן זיך אַלע אַרויף אויף אים. מען שילט אים גראָב און כעסדיק שיקט מען אים צום טייוול. ער ענטפערט אָפּ און אַלע צעוואַרטלען זיך.

אין דער זעלביקער צייט פליט איבער אונדז אַן עראָפּלאַן. מיר בלייבן שטיל. איז ער אַן אונדזעריקער, אָדער דעם שונאס? מיר זיצן איינגעבויגן, מיט אָפענע מיילער, די הענט אויף די ביקסן און וואַרטן. דער עראָפּלאַן קומט נעענטער. זען קענען מיר גאָר ניט. מיר הערן נאָר דעם מאָטאָר. און מיר אָטעמען אָפּ פרייער. ס'איז אַן אַמעריקאַנער עראָפּלאַן. ווי גוט ס'איז צו הערן דעם רויש פון אונדזערן אַן עראָפּלאַן. דאָס מיינט לעבן און האָפענונג. דער דייטשישער עראָפּלאַן — דער סימבאָל פון טויט און פאַרניכטונג.

שפּעט ביי נאַכט פאַרענדיקן מיר די אַרבעט. דער רוקן ברעכט. די גלידער פילט מען גאָר ניט. די פיס שלעפּן זיך אַן לעבן.

מיר קריכן אַריין אין טראָק פריילעכע. די אַרבעט אָפּגעטאָן, ווען מיר איצט רוען ביז אויף מאָרגן. חברה וויצלט זיך און מען פילט מונטערער. כאָטש ס'איז נאָך פינצטערער ווי פריער און דער טראָק שלעפּט זיך צוריק פּונקט אַזוי פּאַמעלעך ווי פריער — דאַך דאַכט זיך אונדז, אַז ער פאָרט שנעלער און מיר קוקן שוין ניט אויפן הימל צו זען צי עראָפּלאַנען פליען דאָרט אַרום.

צוריק „אין דער היים", קריכן מיר אַריין אין אונדזערע נאָרעס, אין די פוקסן־גריבער, און מידע וואַרפן מיר זיך אויף אונדזערע געלעגערס.

ווי אין אַ חלום הערן מיר ווי איבער אונדז פליען עראָפּלאַנען און וואַרפן באָמבעס און האַגלען מיט קוילן, אָבער דער שלאָף פאַרוויגט אונדז.

אַמעריקאַנער סאָלדאַטן פון דייטשישער אָפּשטאַמונג

דער אָפיציר מיט דריי סאָלדאַטן האָבן זיך געגנבעט צום שונאס לאַגער. שטיל, אין דער פינצטער זיך געגנבעט, געטאַפּט,

געגישטערט און געשמעקט. ערגעץ, ניט ווייט, האָט געדאַרפט, לויט אַ פריערדיקער אויסרעכענונג, זיך געפינען דער שונא.

אַ שעה און צוויי, און אפשר מער, ווער ווייסט? אין דער פינצ־טערער נאַכט ציען זיך שעהן אַזוי ווי פּעך, אָדער די צייט (אַזוי דוכט זיך) בלייבט אין גאַנצן שטיין.

אין גיכן האָט די גרופּע עפּעס דערשמעקט. דער דערפאַרע־נער אָפיציר האָט דערשמעקט דעם שונא. אַ זעקסטער חוש (וואָס דערפאַרענע סאָלדאַטן האָבן) האָט אים צוגעשפּילט. די גרופּע האָט זיך אָנגעשטויסן אָן דעם שונאס אָן אָבסערוואַציע־פּונקט.

מיט די רעוואָלווערן אין די הענט האָבן זיך די אַמעריקאַנער צוגעגנבעט צו די דייטשן. זיי, די דייטשן, האָבן, קענטיק, געכאַפּט זיך, אַז עפּעס איז ניט מיט אַלעמען. זייער מאַשינביקס, וואָס זיין מויל האָט אַרויסגעשטאַרצט פון „דאָג־אוט" (אַ פוקסן־לאָך), איז געווען גרייט צו שיסן.

אַ ווייל איז געווען שטיל. ניט די אַמעריקאַנער האָבן זיך גע־רירט און ניט די דייטשן.

דאַן האָט דער אַמעריקאַנער אָפיציר אויסגערופן:

— גיט זיך אונטער. מיר האָבן אייך אַרומגערינגלט.

דער דייטשישער ענטפער איז געווען קורץ און שאַרף — אַ שאָס פון מאַשינביקס, וואָס האָט דורכגעשניטן די נאַכט.

דער אָפיציר האָט אַ צי געטאָן דעם צינגל פון זיין 45.־רע־וואָלווער און אַריינגעפייערט אין אָבסערוואַציע־פּונקט. די קוילן האָבן קיינעם ניט געטראָפן.

דאַן האָט דער אַמעריקאַנער אָפיציר גערעדט צום שונא אין דייטש. ער האָט זיי געזאָגט, אַז זיי מוזן זיך אונטערגעבן. פון אַלע זייטן געפינען זיך אַמעריקאַנער סאָלדאַטן.

און דער דייטש האָט געפרעגט:

— וואָס וועט איר טאָן מיט אונדז געפאַנגענע?

— גאָר ניט. איר וועט באַהאַנדלט ווערן ווי געפאַנגענע סאָל־דאַטן.

נאָך אַ פראַגע פון די דייטשן:

— אונדזערע אָפיצירן האָבן אונדז אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן זיך ניט אונטערגעבן, ווייל איר, אַמעריקאַנער, שלאָגט די דייטשישע געפאַנגענע און איר שמידט זיי אין קייטן.

— ס'איז אַ ליגן, — האָט דער אָפיציר געענטפערט, — אייע־רע אָפיצירן דערציילן אייך ניט דעם אמת. אָט זעט, איך רייד דייטש צו אייך. מיינע עלטערן זיינען דייטשן, געקומען קיין אַמעריקע פון האַמבורג. איך האָב גראַדואירט פון אַ דייטשישן אוניווערסיטעט אין ברעמען. גיט זיך אונטער לעבעדיקע, צו וואָס זאָלט איר פאַר־לירן אייער לעבן? איך בין אַ דייטש־אַמעריקאַנער. גיט זיך אונ־טער.

דעם אַמעריקאַנער אָפיציר האָט ניט אַזוי שטאַרק געאַרט זייערע לעבנס. האָבן זיי, די דייטשן, דאָך געטויט זיינע אַמערי־קאַנער חברים און אומגעבראַכט זיינע סאָלדאַטן. אָבער ער האָט גע־האַט אַ באַפעל פון דעם קאָמאַנדיר צו נעמען די דייטשן געפאַנגען לעבעדיקע, כדי אַרויסצוקריגן פון זיי וויכטיקע אינפאָרמאַציע.

זיין אַרגומענט האָט געווירקט. דאָס דייטשישע לשון, זיין דייטשי־שע אָפשטאַמונג, זיין לערנען זיך אין אַ דייטשישן אוניווערסיטעט האָט באַווירקט דעם שונא. מיט אויפגעהויבענע הענט האָבן זיי אַרויסגעמאַרשירט פון זייער פוקסן־לאָך, פינף אין צאָל, יונגע און עלטערע. אויף זייערע פנימער איז געלעגן מורא און וואונדער.

אַ האַנטגראַנאַט וואָס איז ניט געווען קיין גראַנאַט

אויפן פראָנט פּאַסירן אומגלייבלעכע זאַכן.

אונדזערער אַ פּאַראַשוטיסט, אין רעכטן מיטן פייער אויפן שלאַכטפעלד, האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ דייטשישער מאַשין־ביקס־נעסט. עס איז געווען אַזוי פלוצעם און אומדערוואַרט, אַז סיי דער פּאַראַשוטיסט און סיי דער שונא האָבן זיך אָנגעקוקט מיט אָפענע מיילער.

בליץ־שנעל האָט דעם פּאַראַשוטיסטס מוח געאַרבעט. נעמען זיי געפאַנגען איז געווען אוממעגלעך. ער אָנטקעגן דער מאַשין־ביקס — וואָס פאַר אַ שאַנס האָט ער געהאַט? דאָס איינציקע וואָס עס איז אים פאַרבליבן איז געווען אַ האַנטגראַנאַט. ער האָט האַסטיק אַריינגעשטעקט די רעכטע האַנט אין דער גרויסער קעשענע און — דאָס האַרץ האָט זיך אים אָפּגעשטעלט. ער האָט געטאַפּט און גאָר ניט דערטאַפּט. דאָרט, אין דער קעשענע, האָט געדאַרפט ליגן אַ

גראַנאַט, אָבער דאָרטן איז געווען לײדיק. ער האָט גאָר פֿאַרגעסן, אַז ער האָט אויסגענוצט אַלע גראַנאַטן.

דער מוח האָט ווײַטער געאַרבעט:

אונטערגעבן זיך דעם דײַטש? פֿאַראַשוטיסטן גיבן זיך ניט אונטער. לויפֿן פֿון שונא? וועט אים דאָס פֿײַער אָפּשנײַדן, ווי מ'שנײַדט אָפּ זאַנגען אויפֿן פֿעלד. אײן זאַך איז פֿאַרבליבן. אָט הערט:

דאָרטן, טיף אין קעשענע, האָט ער צונויפֿגעקנוילט דעם פּויסט און אַרויסגעשלעפּט כּלומרשט דעם גראַנאַט (וואָס האָט געדאַרפֿט זײַן און ניט געווען). ער האָט צוגעלײגט דעם פּויסט צום מויל (פֿאַרגעסט ניט, אַז דאָס האָט אַלץ פּאַסירט בליץ־שנעל), אײַנגע־ביסן מיט די צײן אין אַ פֿינגער און אַ צי געטאָן דעם קאָפּ אויף הינטן, כּלומרשט אַ שלעפּ געטאָן דאָס צינגל פֿון „גראַנאַט", און אַ הײב געטאָן די האַנט, ווי ער וואָלט גרייט געווען צו וואַרפֿן דעם „גראַנאַט" אויפֿן שונא.

זעענדיק, אַז דער אַמעריקאַנער פֿאַראַשוטיסט איז גרייט צו וואַרפֿן אויף זײ אַ גראַנאַט און אומברענגען זײ מיט דער מאַשין־ביקס־נעסט, האָבן די דײַטשן אויסגעשטרעקט די הענט, אַרויס־געשפּרונגען צום פֿאַראַשוטיסט און זיך אונטערגעגעבן מיט אַ — „קאַמעראַד, קאַמעראַד!"

דער פֿאַראַשוטיסט האָט די אויפֿגעהויבענע האַנט ניט אַרונ־טערגעלאָזט; דעם „גראַנאַט" האָט ער כּלומרשט געהאַלטן שטײף פֿאַרקנוילט. און אַזוי אַרום האָט ער אָפּגעפֿירט די געפֿאַנגענע דײַטשן צו זיך אין די רייען.

איטאַליע, אַנציאָ ים־ברעג, מערץ, 1944.

פֿון פראָנט (ה)

אַ סאָלדאַט וויינט

דריי טעג האָט ער געשוועבט צווישן לעבן און טויט. אויפֿן פערטן טאָג איז די היץ געפֿאַלן, דער פּולס האָט געאַרבעט נאָרמאַל, און אין פּנים איז צוריקגעקומען די פֿאַרב.

ער האָט געעפֿנט די אויגן און זיך אַרומגעקוקט. בעטלעך אַרומעטום מיט סאָלדאַטן, דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטערס. עס האָט געשמעקט מיט מעדיצין און געקעכץ. ער האָט דערפֿילט אַ שטאַרקן הונגער.

די קראַנקן־שוועסטער איז צוגעגאַנגען צו אים און געשמייכלט:

— נו, סאָלדאַט, ווי פֿילסטו?

ער האָט שוואַך געענטפֿערט:

— אָקעי, נוירס.

— גוט אַזוי. איך וועל דיר ברענגען עפּעס צום עסן. דריי טעג האָבן מיר דיר ניט געטאָרט געבן קיין שפּייז. איצט מעגסטו עסן.

זי איז אַוועק אין קיך. ער האָט זיך אַ ביסל אַ הייב געטאָן, אָבער די שוואַכקייט האָט אַ שפּאַר געטאָן אין קאָפּ. אַלץ האָט זיך גענומען דרייען און שווימען פֿאַר די אויגן. ער איז אַ מידער אַ פֿאַל געטאָן אויפֿן קישן און צוגעמאַכט די אויגן. דאָס האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט.

די קראַנקן־שוועסטער איז צוריקגעקומען מיט אַ טאַץ. זי האָט גענומען זיין האַנט, געפֿילט דעם פּולס און געזאָגט:

— ביסט נאָך שוואַך, סאָלדאַט. פֿאַרלוירן אַ סך בלוט. עס וועט נעמען צייט, אָבער דו וועסט געזונט ווערן. דערווייל עס.

זי האָט זיך געזעצט לעבן אים. פֿון איר האָט געשמעקט מיט פֿרישקייט און לעבן און האָפֿענונג. אירע האָר, די אויגן, דאָס ווייסע האַלדז — עס האָט דערמאָנט אָן עפּעס ערגעץ ווייט, ווייט, איבער לענדער און ימען.

זי האָט אים געגעבן און ער האָט געגעסן. דאָס געקעכץ האָט געקיצלט אין נאָז און געוואַרעמט די בלוטן. ווי גוט עס איז, האָט ער געטראַכט, ווי גוט.

נאָכן עסן האָט זי צו אים געזאָגט:

— איצט רו ווייטער און שלאָף אַ ביסל. אין אָוונט וועלן מיר האָבן צוויי געהויבענע געסט פון האָליוואוד — און זי האָט אָנגערופן די נעמען פון באַרימטע פילם־אַקטיאָרן.

ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און געפּרוּווט צונויפנעמען די געדאַנקען, אָבער עס איז געווען אומזיסט. דער שלאָף און דאָס עסן האָבן אים פאַרוויגט און ער איז איינגעשלאָפן.

ווען ער האָט געעפנט די אויגן, איז לעבן בעטל געשטאַנען דער דאָקטער און די קראַנקן־שוועסטער. דער דאָקטער האָט אים אונטערזוכט און פאַרשריבן אַלץ אויף אַ לאַנגן פּאַפּיר.

— דו וועסט זיך אין גיכן אויסהיילן, סאָלדאַט, — האָט ער געזאָגט צום קראַנקן. — דיין וואונד איז אַ לייכטע, דו האָסט אַ סך בלוט פאַרלוירן אויפן פעלד, איידער די מעדיקס האָבן דיך געפונען אין פוקסן־לאָך. אַ טאָג מיט אַ נאַכט ביסטו געלעגן איינער אַליין מיט אַן אָפענער וואונד. דו מוזסט איצט עסן, שלאָפן און רוען.

מיט דער קראַנקן־שוועסטער איז דער דאָקטער אָוועק צו אַן אַנדער בעטל. דער סאָלדאַט האָט געטראַכט וואָס דער דאָקטער האָט געזאָגט — אַ טאָג מיט אַ נאַכט אַליין אין אַ פוקסן־לאָך. ער געדענקט איצט. די קויל, וואָס האָט געטראָפן, האָט שרעקלעך ווי געטאָן. ער האָט זיך קוים דערשלעפּט צו דער פוקסן־לאָך. דאָס בלוט האָט גערונען הייס און קלעפּיק. ער האָט דעמאָלט צעריסן דאָס העמדל און פאַרבונדן די וואונד.

ער האָט זיך געפילט שוואַך און עס האָט זיך געוואָלט ברעכן. אין קאָפּ האָט געהודזשעט. אין די אויערן האָט געקלונגען ווי מיט טויזנטער גלעקער. אין די אויגן האָבן געשפּריצט פייערן. אין מויל האָט געטריקנט. אים האָט זיך געוואָלט שרייען, רופן נאָך הילף, אָבער ער האָט גאָר ניט געקענט אַרויסברענגען פון מויל. ער געדענקט ווי ער האָט געגעצט די ליפּן מיט שפּייעכץ און דאַן האָט זיך אַלץ אַרום אים גענומען דרייען. מער געדענקט ער ניט.

איצט, ליגנדיק אין שפּיטאָל, אויף אַ ווייך, ריין בעטל, אַן אַרומגעוואַשענער, אַ זאַטער, האָט ער רואיק געקענט טראַכטן וועגן

דעם וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אויפן שלאַכטפעלד. אַריינגעטאָן אין די אייגענע געדאַנקען, האָט ער אַפילו ניט באַמערקט די צוויי באַרימטע פילם־אַקטיאָרן, וואָס זיינען אַריינגעקומען מיט עטלעכע דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטערס הינטער זיי.

דער הויפט־דאָקטער, אַ הויכער, מיט דיקע אויגן־גלעזער, האָט זיי פאָרגעשטעלט פאַר די סאָלדאַטן. ער איז געווען אַ באַרימטער קאָמיקער; זי — אַ באַרימטע זינגערין. דער קאָמיקער האָט דערציילט וויצן, מעשהלעך פון האָליוואוד און פון זיינע רייזעס איבער אַלע פראָנטן.

די זינגערין נאָך אים, האָט זיך געשטעלט לעבן טיר און אַזוי, אָנגעשפּאַרטערהייט, האָט זי אָנגעהויבן זינגען שטיל און גלאַט. דאָס געזאַנג האָט זיך געטראָגן איבערן צימער, דערגרייכט אין אַלע ווינקעלעך און הערצער און געבליבן הענגען צווישן די פיר ווענט.

דער סאָלדאַט האָט געקוקט אויף דער שלאַנקער זינגערין און געזען עמעצן אַנדערש. אָט אַזוי, האָט זיך אים געדאַכט, אָט אַזוי פלעגט דאָך שטיין דזשין אָנגעשפּאַרט, און אָט אַזוי האָט זי דאָס ערשטע מאָל געזונגען ווען ער האָט זיך באַקענט מיט איר אויף אַן אונטערנעמונג. דזשין, מיט איר חן־גריבעלע און ברוינע האָר און זאַפטיקע ליפּן. דזשין, מיט איר שטענדיקן שמייכל און געלעכטער.

דער סאָלדאַט האָט געקוקט אויף דער זינגערין און געזען עמעצן אַנדערש. דאָס ליד האָט דערמאָנט און געזאָגט עפּעס, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין דער היים. ווי לאַנג צוריק איז דאָס געווען? פופציק יאָר, הונדערט יאָר.

אים איז געווען גוט צו ליגן אַזוי שטילערהייט מיט פאַרמאַכטע אויגן. ניט לאַנג צוריק אויפן שלאַכטפעלד; איצט דאָ, אין שפּיטאָל, אַ גראַנאַטעוועטער, אַ ניי־געבאָרענער, אַן אויסגערוטער. ווי גוט, ווי גוט.

ער האָט גאָר ניט געפילט, ווי די אויגן זיינען נאַס געוואָרן און די טרערן האָבן זיך גענומען אַראָפּקייקלען אַראָפּ. דאָס פּנים האָט ער אָפּגעקערט צו דער וואַנט. אָנגעהויבן האָט זיך עס שטיל. צו ערשט האָבן זיך די אַקסלען אַ טרייסל געטאָן אַ פּאָר מאָל, דערנאָך האָט ער זיך שוין ניט געקענט מער איינהאַלטן און האָט אָנגעהויבן וויינען.

דאָס געזאַנג האָט זיך אָפּגעהאַקט. אַלע האָבן געקוקט אויף אים.

אַ שטילקייט, אַ פאַרגליווערטע, איז געהאַנגען שווער אויף אַלעמען.

די זינגערין האָט פאַרביסן די ליפּן און זיך איבערגעקוקט מיטן קאָמיקער. די דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטערס האָבן גע־ריבן איין האַנט אָן דער אַנדערער. די סאָלדאַטן האָבן געקוקט אויף דער סטעליע.

דער קאָמיקער האָט אַ וואונק געטאָן צו דער זינגערין און זי האָט אָנגעהויבן אַ ניי ליד. פון צייט צו צייט האָט זיך דאָס כליפּען פון סאָלדאַט דורכגעריסן דורכן געזאַנג.

דעם שונאס עראָפּלאַנען

נעכטן ביי טאָג זיינען מיר געזעסן לעבן אונדזער פוקסן־לאָך און געשמועסט געמיטלעך. אין דער הייך איבער אונדז זיינען אַרומ־געפלויגן עראָפּלאַנען הין און צוריק, אונדזערע אַמעריקאַנער עראָ־פּלאַנען און באַוואַכט דעם הימל.

פּלוצלונג האָט זיך פון ערגעץ אַרונטערגעלאָזט אַ „פּיטער" עראָפּלאַן גאַנץ נידעריק און אונדז באַהאָגלט מיט קוילן. געשווינד האָבן מיר אַ פאַל געטאָן אויף דער ערד און אַריינגעפּויזעט אין די פוקסן־לעכער. דאָס האָט גענומען ניט מער ווי אַ רגע.

דער דייטשישער עראָפּלאַן האָט זיך אַ ווייל אַרומגעדרייט אי־בער אונדז און זיינע מאַשינביקסן האָבן געשאָסן אויף אונדז. אונד־זערע אַנטי־עראָפּלאַן־ביקסן, די „אַק־אַק", ווי מיר רופן זיי, האָבן זיך אָן עפּן געטאָן אויפן עראָפּלאַן און האָבן אים פאַרטריבן.

מיר זיינען אַרויסגעקראָכן פון די פוקסן־לעכער, זיך אויסגע־גלייכט און געזעצט זיך אויף די פריערדיקע פלעצער און ווידער געשמועסט געמיטלעך.

מיר האָבן זיך שוין צוגעוואוינט צו אַזעלכע שטיק פונעם שונא. באָמבעס עקספּלאָדירן, מאַשינביקסן האָגלען מיט קוילן, קאַנאָנען שיסן און מיר טוען אונדזער אַרבעט.

אויף דער וואַך

ביי נאַכט שטייען מיר אויף דער וואַך. אין צווייען פּאַטרולירן מיר אונדזער פּאָסט, הין און צוריק, הין און צוריק. ס'איז פינצ־

טער און קאַלט און די הענט פריערן. די ערד איז פּאַרפּראַסטיקט. אומעטום אַ פינצטערניש, כאַטש נעם און טאַפּ מיט די הענט.

אַ ווינט בלאָזט און די צווייגן רוישן און מאַכן אַן אַ שטילן טומל. עס דוכט זיך אויס, אַז דאָס קריכט עמעצער אַהער צו אונדז. מיר האַלטן איין דעם אָטעם און קוקן אין דער פינצטערניש. דאָ, אויף בלוטיקע וועגן, צווישן לעבן און טויט, מוז מען זיין זיכער, אַז דער דייטש זאָל צו אונדז ניט דערקריכן. טאָמער יאָ, איז דער באַפעל צו שיסן.

האַלטן מיר דעם פינגער אויפן צינגל פון ביקס און זיינען תמיד גרייט. אַנדערע טראָגן מיט זיך אַחוץ דעם ביקס אויך רע־וואָלווערן און מעסערס. פון דער נאָענט איז בעסער צו שיסן פון אַ רעוואָלווער איידער פון אַ ביקס. אָפט מוז מען זיך אויך באַנוצן מיטן שלאַכטמעסער. אַ שפּרונג, אַ שטאָך, און ס׳איז נאָך אַלעמען.

מיר שפּאַנען ביידע אויף אונדזער פּאָסטן, ריידן אין דער שטיל, אָדער שווייגן און קוקן אין אַלע זייטן. עס ווילט זיך, אַז אונדזערע צוויי שעה זאָלן זיך שוין ענדיקן און מיר וועלן אַוועק צו אונדזערע געלעגערס, שלאָפן אַ פּאָר שעה און ווייטער פּאַטרולירן ביז עס ווערט טאָג.

איין נאַכט האָט זיך אונדז אויסגעדוכט, אַז עמעצער קריכט צווישן די ביימער. מיר האָבן זיך שטילערהייט צוגעגנבעט פון ביידע זייטן, מיט די רעוואָלווערן אין די הענט און גרייט געווען צו שיסן. אַ ווייל זיינען מיר געשטאַנען, ניט רירנדיק מיט קיין אבר, און געפּרואווט זען וואָס אַרום אונדז טוט זיך. אָבער אַזאַ חושך ווי ס׳איז געווען יענע נאַכט האָבן מיר נאָך ניט געזען.

מיר האָבן זיך ביידע אַרומגעדרייט אַרום די ביימער, געטאַפּט מיט די הענט און קיינעם ניט געפונען. פרייער אָפּגעאָטעמט, האָבן מיר זיך צוריק פאַרנומען אויף אונדזער סטעזשקע.

אונדזער „היים״

איך האָב אַמאָל געלייענט אַ בראָשור „ווי מענטשן האָבן זיך אויסגעלערנט בויען וואוינונגען״. דערמאָנט אַן דעם האָב איך זיך ווען מיר האָבן גענומען גראָבן אַ פוקסן־לאָך („פאָקס־האָל״).

די מערסטע סאָלדאַטן בויען איין פוקסן־לאָך, נאָר פּאָר זיך

אַליין. איך און אַ חבר האָבן באַשלאָסן צו „וואוינען" צוזאַמען. אין צווייען איז פאַרט פריילעכער.

האָבן מיר אויסגעגראָבן אַ גרויסע גרוב, האַלב פּירקאַנטיק און האַלב רונדיק. אין וועלדל האָבן מיר אַראָפּגעהאַקט ביימער און זיי אַריבערגעלייגט איבערן גרוב. דאָס האָט געדינט אַלס דאַך. אויף דעם האָבן מיר געלייגט צווייגן און גראָז, קאַרדאָן און זאַמד און — ס'איז געוואָרן אַ מין פעסטונג.

אינעווייניק איז פינצטער. ביי טאָג מוז מען זיך באַנוצן מיט אַ שיינוואַרפער (פלעש־לייט). ס'איז אין אונדזער דירה פייכט און קאַלט, אָבער מיט איין זאַך האָבן מיר זיך באַוואָרנט — דער דאַך איז דיק און שטאַרק און אַז עס רעגנט איז ביי אונדז טרוקן.

אינעווייניק טרייסלען זיך די ווענט פון די באָמבעס, אָבער עס שטערט ניט אונדזער „הויז". מיר האָבן זיך שוין אַזוי צוגעוואוינט צו דעם אַרומיקן טומל — דעם בום־בום און טאַ־טאַ־טאַ — פון די מאַשינביקסן און קאַנאָנען, אַז מיר הערן אַלץ זייער שוואַך, און ס'איז גוט אַזוי. צו וואָס וויסן צי עראָפּלאַנען פליען איבער אונדז אָדער ניט?

אויף יאַגד

איין אין דער פרי איז געווען גאַנץ „שטיל" אויפן פראָנט. אין פאַרגלייך מיט אַנדערע טעג, האָט זיך אונדז אַזוי אויסגעדוכט.

האָבן מיר ביידע, איך און מיין חבר פון קאַליפאָרניע, אַרויסגעלאָזט זיך אויף יאַגד אין די בערג. מיר האָבן געשפּאַנט איבער פעלדער און דורך וועלדלעך און געשפּרונגען איבער טייכלעך.

עס האָט זיך ניט געוואָלט גלייבן, אַז אַרום אונדז שלאָגט מען זיך אויף לעבן און טויט. פייגלען האָבן געפּישטשעט און געשפּרונגען פון בוים צו בוים און אויף דער ערד. די זון האָט געוואָרעמט מיט אירע שטראַלן. דער הימל איז געלעגן איבער אונדז אַ לויטערער, אַז עס האָט זיך געוואָלט אַרומנעמען דעם גאַנצן אַרום און דריקן צו זיך...

מיט די אַמוניציע־פּאַסן אַרום די לענדן און די ביקסן אויף די אַקסלען האָבן מיר געזוכט האָזן און קאַטשקעס, אָבער מיר האָבן גאָר ניט געפונען. קענטיק, אַז די באָמבעס און קאַנאָנען האָבן זיי

פאַרטריבן ערגעץ און זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ערגעץ פון אונדז.

דער חבר מיינער האָט געטראָגן מיט זיך אַן איטאַליעניש־ן בערעטי־רעוואָלווער, 38 קאַליבער, אַ ריינעם, שוואַרצינקן מיט אַ שיין הענטל. איך האָב געהאַט אַ דייטשישע מאַוזער־ביקס.

האָבן מיר ביידע אַוועקגעשטעלט בלעכענע קעסטלעך אויף דער ערד און געשאָסן אויף דעם. מיין מאַוזער האָט שטאַרק גע־בריקעט, אַזוי ווי אַן אייזל און מיר האָט פאַרדראָסן וואָס איך האָב ניט מיטגענומען מיין אַמעריקאַנער ביקס.

די שיסערייען פון רעוואָלווער און ביקס האָבן געשניטן די לופט און די עכאָס זיינען ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן אין די בערג.

און כאָטש מיר האָבן גאָר ניט געכאַפּט אויפן יאַגד, האָט אונדז ניט פאַרדראָסן וואָס מיר האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אַהער.

ער האָט תפילה געטאָן

איינער דערציילט:

ער האָט שפּעט ביי נאַכט געפירט אַ טראָק צום פראָנט. ווי־שטענדיק, האָט דער טראָק געפּויזעט אין דער פינצטער. דייטשישע עראָפּלאַנען האָבן גערוישט אין דער לופטן. קאַנאָנען האָבן גע־וואָרפן 88קער באָמבעס. מאַשינגביקסן האָבן געקראַכט אין דער נאַכט אַריין. פלעשעס (פאַקלען) האָבן באַלויכטן דעם הימל. פלוצלונג האָט ער געהערט אַ פייף, אַ הודזשען און אַ קראַך. ער האָט מיט אַלע כוחות אַ טראַט געטאָן אויפן „קלאַטש״, פאַרהאַקט די „ברעיקס״ און אַרויסגעשפּרונגען פון טראָק און זיך אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד.

אַ צען מינוט איז ער אַזוי געלעגן, מיטן פּנים אין זאַמד, די פינגער איינגעגראָבן אין דער ווייכער ערד און דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט ווי אַ גרויסער זייגער. אַז ס׳איז שטיל געוואָרן, האָט ער זיך אויפגעשטעלט, מער טויט ווי לעבעדיק און דערזען דעם טראָק.

אַן 88קער קויל האָט צעריסן דעם טראָק אויף דער העלפט, אָבער טאַקע צעריסן. ער, דער טרייבער, איז ניצול געוואָרן פון טויט.

— ליגנדיק אויף דער ערד — האָט ער ווייטער דערציילט — האָב איך תפילה געטאָן, ברידער, אָבער טאַקע תפילה געטאָן.

אַ לייטענאַנט איז געפאַלן

דער יונגער לייטענאַנט איז געזעסן אין פוקסן־לאָך מיט דער ביקס אין האַנט. אויף דער אַנדערער זייט האָבן די דייטשן געטאָן דאָס זעלביקע. מען האָט געהיט איינע די אַנדערע. יעדער ריר, יעדע באַ־וועגונג האָט זיך געזען פוןביידע זייטן.

ווען ניט די ביקסן־שאָסן, וואָלט געווען שטיל אויפן פראָנט. מען איז אָבער געשטאַנען צו נאָענט איינע צו די אַנדערע ניט צו שיסן.

דער לייטענאַנט האָט געצילט אויף אַ דייטש, וואָס האָט גע־צילט אויף אים. ס׳איז געווען אַ מין קאַץ און מויז שפּיל: ווער ווער וועמען וועט בייקומען און ווער וועט אַרויס דער זיגער?

ער, דער לייטענאַנט, איז געווען נערוועז און האָט ניט געקענט איינזיצן אויף אַן אָרט. יעדע ווײַלע פלעגט ער אויפשפּרינגען, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעברענט אָן עפּעס, כאַפּן אַ קוק צו די דייטשן און שנעל צוריקציען זיך. זיין אויפשפּרינגען איז געווען אַ געפאַר פאַר אים. אָבער ווען מען איז צוגעשמידט צו אַ פוקסן־לאָך טאָג נאָך טאָג, נאַכט נאָך נאַכט, רינט אויס די געפאַר און עס ווילט זיך טאָן אָבי וואָס צו פאַרטרייבן די שטילקייט.

איז ער אויפגעשפּרונגען נאָך איין מאָל. דער דייטש, וואָס אויף דער אַנדערער זייט, האָט געצילט און געצילט גוט. די קויל האָט געטראָפן דעם לייטענאַנט צווישן די אויגן און ער איז אַנידערגע־פאַלן אַ טויטער.

איטאַליע, אַנציאָ יס־ברעג, אַפּריל, 1944

פון טאָגבוך

1

מיר האָבן געדאַרפט דורכברעכן אַ וועג. מיט פּיקעס און גראָב־אײַזנס האָבן מיר זיך אַרויסגעלאָזט צום פּלאַץ. שטיל אַרום איז ניט געווען. פון שונאס פּראַנט זײַנען געפאַלן „לופט־אויפרײַסערס" (אַזעלכע קוילן וואָס עקספּלאָדירן אין דער לופטן), אָבער גאַנץ ווײַט פון אונדז.

מיר האָבן זיך געזאָלט נעמען צו דער אַרבעט. דאָ איז צוגעפאָרן אונדזער קעפּטען, אַרויסגעשפּרונגען פון „דזשיפּ" און, אָן אַ וואָרט, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די אָפיצירישע לעדערנע קורטקע, דעם העלעם, פאַרקאַשערט די אַרבל, גענומען אַ גראָבאײַזן און זיך געשטעלט צו דער אַרבעט.

מיר האָבן אים נאָכגעטאָן. בלאָטע איז געפאַלן אויף זײַנע הויזן און שטיוול, דאָס העמדל איז געווען פאַרנעצט, ער האָט אָבער געאַרבעט גלײַך מיט אונדז.

און מיר? מיר האָבן געאַרבעט געשמאַק, ווײַל ער, דער קעפּטען אונדזערער, איז געשטאַנען זײַט בײַ זײַט מיט אונדז.

2

מיר, סאָלדאַטן האָבן ליב צו אַדאָפּטירן מענטשן און להבדיל הינט.

אַט האָט אײנער געפונען אַ קלײן הינטל אין סיציליע, געפירט אים קײן צפון־אַפריקע און פון דאָרטן געבראַכט אים אַזש קײן איטאַליע. דאָס הינטל איז שוין איצט אַ הונט און קען אַלײן באַשטײן זײַן שטעטל. אַלע צאַצקען זיך מיט אים. מען האָט אים פּשוט צעבאַלעוועט. מיר גיבן אים עסן קענדי, און וואָלט ער געררײַכערט,

וואָלטן מיר אים אויך געשטאָפּט פּאַפּיראָסן. דער סאָלדאַט זאָגט, אַז דעם הונט וועט ער נעמען אַהיים, קיין אַמעריקע.

אין צפון־אַפריקע האָט זיך צו אונדז צוגעטשעפּעט אַ ייִנגל, אַן אַראַבער. אויך אים האָבן מיר אַדאָפּטירט. איצט רעדט ער ענגליש גאַנץ גוט, אַמעריקאַניזירט זיך און וויל נאָך דער מלחמה מיטפאָרן מיט אונדז קיין אַמעריקע. איין גאָט ווייס ווי ער וועט אין אַמע־ריקע אַריינקומען, אָבער העלפן אים וועלן מיר. דער אַמעריקאַנער סאָלדאַט האָט אַ גוט האַרץ.

3

מלחמה האָט צוויי פּנימער — איין פּנים ווייזט די גרויזאַמקייט, גראָבקייט און דאָס חיהשע, דאָס צווייטע פּנים ווייזט דאָס ביסל גוטסקייט (וואָס איז נאָך פאַרבליבן ביים סאָלדאַט) און דאָס מקריב זיין זיך פאַר אַן אידעע און פאָטערלאַנד.

4

יעדן זונטיק ביי טאָג קומען אַהער צוויי טשעפּלעינס, אַ פּראָ־טעסטאַנטישער און אַ קאַטוילישער. קיין ייִדישער טשעפּלעין איז ביי אונדז אין רעגימענט ניטאָ, ווייל ייִדישע פּאַראַשוטיסטן זיינען פאַראַן ווייניק. אויב עס איז אַ שיינער טאָג, האַלטן זיי אָפּ אַ גאָ־טעסדינסט אין דרויסן. אויב עס רעגנט, גייט מען אַריין אין אַ גרויסן געצעלט.

זונטיק אין דער פרי, די סאָלדאַטן, וואָס קלייבן זיך גיין צו גאָטעסדינסט, וואַשן זיך אָרום און ראַזירן זיך די פּנימער. קיין סך אַזעלעכע אָבער געפינען זיך ניט. קענטיק, אַז אויך אין ציִ־ווילן לעבן זיינען זיי ניט געווען רעליגיעז, וועלן זיי דאָ אויך פאַר־בלייבן אַזוי.

נעכטן איז געווען אַ שיינער זונטיק. אונטערן פרייען הימל האָט דער טשעפּלעין געזונגען מיט דער קליינער גרופּע „אָנוואַרד קריסטשען סאָלדזשערס". כאָטש אַרום איז ניט געווען שטיל, די קאַנאָנען און האַרמאַטן האָבן ניט גערוט, האָט זיך דאָך דאָס גע־זאַנג געהערט גאַנץ ווייט.

אַן אינטערעסאַנטער שטריך:

דעם שונאס אַן עראָפּלאַן האָט זיך פּלוצעם באַוויזן, אַ העלפט פון דער גרופּע איז אויפגעשפּרונגען און געלאָפן אין די פוקסן־לעכער. די אַנדערע אָבער זיינען געבליבן זיצן און געזונגען מיטן טשעפּלעין.

5

עס איז ממש צו באַוואונדערן די פאַרמערס, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן לעבן אונדז. זיי טוען זייער טאָג־טעגלעכע אַרבעט און האָבן קיין מורא ניט פאַר די באָמבעס און קוילן.

יעדן טאָג, גאַנץ פרי, גייען דורך פאַרביי אונדז פאַסטעכער מיט זייערע שאָף. שעפּסן, ווייסע און שוואַרצע. זיי מעקען און קלינגען מיט די גלעקלעך וואָס זיינען צוגעטשעפּעט אויף זייערע העלדזער. די יונגע שעפּסעלעך זייגן ביי די מאַמעס יעדע ווײַלע. זיי שטעלן זיך אָפּ, כאַפּן אַ קוק אַרום און גייען זיך ווייטער זייער וועג. הינט האָבן מורא פאַר די שעפּסן. מיר קוקן זיך צו ווי אַ הונט וויל צו־קומען נאָענט צו אַ יונג שעפּסל. לויפט צו די מאַמע, הייבט אָן טופּען מיט די פיס אָן דער האַרטער ערד און פאַרטרייבט דעם הונט.

די פאַסטעכער, ייִנגלעך צווישן זיי, טראָגן שעפּסענע פעלן אויף די הייזן און אַקסלען (אין דער פרי און אין אָוונט איז דאָ גאַנץ קאַלט) און מיט שטעקנס אין די הענט. אָפּט שטעלן זיי זיך אָפּ לעבן אונדז און מיר גיבן זיי קענדי און פּאַפּיראָסן. זיי זיינען אַזעל־כע שטילע און צוריקגעצויגענע, גאַנץ אַנדערש פון די שטאָטישע איינוואוינערס.

6

נעכטן ביי נאַכט זיינען דעם שונאס עראָפּלאַנען געפלויגן אי־בער אונדז. די „אַק־אַק״־ביקסן האָבן זיי פאַרטריבן, אָבער שפּעטער האָבן זיי זיך ווידער באַוויזן.

איך בין געזעסן אין פוקסן־גרוב. אַ קליין ליכטל האָט גע־ברענט. כאָטש קיין ליכט אָנצינדן טאָרן מיר ניט, דאָך פאַרגינען מיר זיך אַזאַ לוקסוס. מיר פאַרשטעלן אָבער אַזוי, אַז דאָס ליכט זאָל זיך ניט אַרויסזען אין דרויסן.

איך האָב געלייענט אַן אַלטן „סאַטורדעי איוונינג פּאָסט". דאָס ליכט האָט געוואָרפן אַ מאַטן שיין אויפן זשורנאַל. די עראָפּלאַנען האָבן אַרונטערגעוואָרפן באָמבעס און שטיקלעך ערד זיינען געפאַלן אויף מיר.

איך האָב אי געלייענט, אי געהערט וואָס עס טוט זיך אין דרויסן. בעסער איז, אַז דער מוח איז מיט עפּעס פאַרנומען ווען דער שונא קומט אַהער. עס העלפט פיל אַרויס און מען פילט זיך ניט אַזוי הילפלאָז.

ווען אַלץ האָט זיך איינגעשטילט, בין איך אַרויס אין דרויסן. די פרישע לופט איז געווען גוט פאַר די לונגען. די טוכלעקייט פון דער „פוקסן־גרוב" האָב איך אָפּגעשאָקלט פון זיך.

אַ ווײַלע בין איך אַזוי געשטאַנען, געקוקט אויפן הימל און נאָך דעם געגאַנגען שלאָפן.

7

נעכטן האָב איך זיך אויך געטראָפן מיט מיינעם אַ חבר. צוזאַמען זיינען מיר געווען אין צפון־אַפריקע, סיציליע און איטאַליע. זיין רעגימענט איז אַוועק קעמפן ערגעץ אַנדערשוואו און אַ פּאָר מאָנאַטן האָבן מיר זיך ניט געזען און ניט געהערט איינער פון דעם אַנדערן.

מיר האָבן זיך אַרומגעכאַפּט ווי צוויי ברידער. דערקראַכן אַזש קיין איטאַליע און דערוויל זיינען מיר נאָך צווישן די לעבעדיקע. דער חבר איז פון איסטאָן, פּענסילווועניע, אַ קריסט. איינער צו דעם אַנדערן האָבן מיר זיך צוגעבונדן. אפשר דערפאַר, וואָס סיי איך און סיי ער קענען אויך שווייגן... אין צפון־אַפריקע און סיציליע פלעגן מיר ביידע שפּאַצירן אין די שטעט און שטעטלעך און שווייגן. אַהיים האָט זיך שטאַרק געבענקט און פרעמד האָבן מיר זיך געפילט (און פילן זיך נאָך) אין יענע מקומות.

איצט האָבן מיר דערציילט איינער דעם אַנדערן וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט די לעצטע חדשים. נאָך דעם האָט זיך דער שמועס פאַרנומען אויף אַמעריקע. ער האָט באַקומען עטלעכע פאָטאָגראַפיעס פון זיין יונג ווייבל. איך האָב אים געוויזן בילדער פון מיין דאַרעך. מיר האָבן געקוקט אויף די בילדער און... געשוויגן.

שפּעטער, ביים זעגענען זיך, האָבן מיר גוטברודעריש גע־

קלאַפּט איינער דעם אַנדערן אין פּלייצע און אָפּגערעדט צו טרעפן זיך ווידער ערגעץ אַנדערשוואו.

איך ווייס, אַז דער חבר, וואו ער זאָל ניט זיין, טראַכט איצט פון מיר, און ער ווייס אַז איך טראַכט פון אים.

8

אויסגעלויטערטע וואַרעמע טעג. עס ווילט זיך גאָר ניט גלייבן, אַז מיר האַלטן מלחמה מיט עמעצן. דער טאָג ברענגט מיט זיך פרי־שע האָפענונג, אַ ביסל רו און נייס פון דער דרויסנדיקער וועלט. עס קומען אָן בריוו פון דער היים, צייטונגען מיט פאַרעלטערטע ידיעות. זיצט מען אין די פוקסן־לעכער, אָדער גאָר נאָענט אונטער אַ בוים און מען שרייבט בריוו, מען לייענט אָדער מען שמועסט.

אַנדערע פאַרגינען זיך אַפילו אויסצושפּרייטן קאָלדרעס אויף דער פייכטער ערד און אַריינכאַפּן אַ זונבאָד. ביי דער האַנט ליגט גרייט דער שטאָלענער העלעם. טאָמער מאַכט זיך עפּעס, וועט מען האָבן וואָס אַרויפצוכאַפּן אויפן הוילן קאָפּ.

גאַנץ אַנדערש איז ביי נאַכט. מען ווערט גאָר ערנסט און אַלע זיינען גרייט, ווייל אומעטום (אַזוי דוכט זיך) לויערט דער פיינד. די ביקסן זיינען גרייט צו שיסן, די מעסערס ביי דער זייט און די רעוואָלווערן אָנגעלאָדענע. די נאַכט ברענגט מיט זיך שרעק און אַזאַ מין שווערקייט, פון וועלכער מען באַפרייט זיך ערשט ווען עס הייבט אָן טאָגן.

אַזאַ נאַכט איז געווען דאָנערשטיק. מיר זיינען געשטאַנען אויף דער וואַך. ווייטער פון נאָז האָט מען ניט געזען. אַזאַ חושכדי־קע נאַכט האָבן מיר נאָך אין ערגעץ ניט בייגעוואוינט. דערצו נאָך האָט אַ גאָס געטאָן אַ מוראדיקער רעגן. עס האָט געגאָסן מיט צעבערס. אַפילו די רעגן־מאַנטלען האָבן זיך דורכגענעצט.

איז דאָס נאָך געווען ווייניק. אַ ווינט האָט זיך פון ערגעץ אָנגעטראָגן און מיטגעבראַכט אַ קעלט. עס האָט געריסן און מיר האָבן געפרוירן. דער רעגן האָט געשמיסן אין פּנים. מיר זיינען געשטאַנען אויף אונדזער פּאָסטן און געשאָלטן. אַזאַ מיזעראַבעלע נאַכט וועל איך קיין מאָל ניט פאַרגעסן.

ווי אויף צו להכעיס האָט דער רעגן אויפגעהערט, דער ווינט

איז פאַרשוואונדן אַזוי פּלוצעם ווי ער איז געקומען און די קעלט האָט זיך אָפּגעטראָגן — פונקט דאַן, ווען מיר זיינען אַראָפּ פון פּאָסטן און אַנדערע האָבן פאַרנומען אונדזערע פּלעצער.

דורכגענעצט ביזן לייב זיינען מיר געקראָכן אין די פּוקסן־לעכער, וואו עס האָט אַריינגערונען און וואו עס איז שטענדיק פייכט. אַפילו די ווענט „שוויצן". ווי עס איז האָבן מיר אַרונטערגעצויגן די נאַסע בגדים אין דער פינצטער (ליכט איז פאַרבאָטן, ווייל עס איז אַ גרויסע געפאַר. דער שונא קאָן דערזען און אַריינוואַרפן עט־לעכע באָמבעס) און זיך אויסגעצויגן אויף די געלעגערס.

שלאָפן האָט זיך ניט געלאָזט. אונטער אַזעלכע אומשטאַנדן גיי ווער אַנטשלאָפן. דערצו נאָך האָט דער שונא גראָד אויסגע־קליבן אַזאַ פינצטערע נאַכט און האָט אונדז אָפּגעשטאַט אַ וויזיט. עטלעכע באָמבעס האָט ער אויסגעלאָדן ניט ווייט פון אונדז. די ערד האָט זיך געטרייסלט און שטיקלעך זאַמד איז געפאַלן אויף אונדז פון „דאַך".

אויף מאָרגן האָבן מיר אַנגעקוקט די לעכער, וואָס די באָמבעס האָבן געמאַכט ערגעץ אין פעלד. געטראָפן האָבן זיי אָבער קיינעם ניט.

9

רעגן, רעגן, רעגן. טאָג נאָך טאָג, נאַכט נאָך נאַכט, אָן אַ סוף און אָן אַן אויפהער.

אין אַזאַ רעגנדיקן טאָג (אַ מבול האָט געגאָסן!) האָבן מיר אַנגעטאָן די רעגן־מאַנטלען, גענומען לאָפּעטעס און זיך געשטעלט אַרבעטן אויף אונדזער פּוקסן־לאָך. איך און דער חבר האָבן באַ־שלאָסן צו פאַרגרעסערן אונדזער „פעסטונג", ווי מיר רופן אָן אונדזער „וואוינונג". מיר האָבן געגראָבן נאָך אַ צימער מיט אַ צווייטן אַריינ־גאַנג. טאָמער, האָבן מיר געטראַכט, פאַלט איין אריינגאַנג, וועלן מיר אַרויסקריכן דורכן אַנדערן.

דער רעגן האָט געפליוכעט און מיר האָבן געגראָבן געשמאַק. וואַסער האָט אַריינגערונען אין האַלדז, אָבער אונדז האָט ניט גע־אַרט. מיר האָבן דערביי זיך געקיבעצט. נאָך אַ דאַנק גאָט פאַר דעם, וואָס מיר האָבן ניט פאַרלאָרן דעם חוש פאַר הומאָר.

חברה האָט זיך געוויצלט אויף אונדזער חשבון, אָבער עס

האָט אונדז ווייניק געאַרט. נישקשה, האָבן מיר געטראַכט, זיי וועט גאַנץ גוט פאַרדריסן, ווען אונדזער „פעסטונג" וועט פאַרטיק ווערן. שוין איצט האָט די „פעסטונג" אַ שם צווישן אונדזערע סאָלדאַטן.

דאָס גראָבן איז געוואָרן שווערער. די ערד האָט זיך אויסגע־מישט מיטן וואַסער און האָט זיך געקלעפּט צו די לאָפּעטעס. יעדע ווײַלע האָבן מיר געמוזט אָפּקלאַפּן די לאָפּעטעס אָן אַ בוים און אָפּ־שאָבן די זאַמד, וואָס איז איצט געוואָרן אַ מין ליים.

מיר האָבן איבערגעריסן די אַרבעט און אַוועק צום טראָק עפּעס אַ ביס טאָן. קיין געקעכץ איז ניט געווען. מען האָט געטיילט „סי־רעישאָנס", ד"ה, שפּייז אין בלעכענע פּושקעס: העש, סטיו, פלייש און בעבלעך. קאַווע איז געווען, אָבער אָן צוקער און אָן מילך.

ביז מיר זײַנען צוריקגעקומען צו אונדזער פוקסן־לאָך, האָט זיך די קאַווע אָפּגעקילט. אַ פײַער מאַכן אין רעגן האָט מען ניט געקענט, האָבן מיר אַלץ געגעסן קאַלטס. הנאה האָבן פון עסן האָבן מיר שוין ניט געקענט. דער חבר האָט געשאָלטן היטלערן, וואָס צוליב אים דאַרפן מיר זיך מאַטערן דאָ אין איטאַליע...

10

עטלעכע פאַרמערס מיט זייערע פאַמיליעס זײַנען נאָך פאַר־בליבן. די קינדערלעך לויפן אַרום פראַנק און פרײַ, ווי הינט און קעץ לעבן זיי. די עלטערן זײַנען פאַרנומען מיט אַרבעט, פּונקט ווי קיין מלחמה וואָלט אויף דער וועלט ניט געווען.

קוקנדיק אויף זיי, טוען מיר זיי נאָך און ווערן נאַכלעסיק. מיר פאַרגינען זיך אַפילו אַרומצוגיין אָן העלעמס, וואָס דאָס אַליין איז אַ געפאַר, ווייל ווער ווייס ווען אַ שראַפּנעל וועט נעמען פאַלן. אָפט טרעפט, אַז אַ קעפּטען אָדער אַ מעידזשאָר דערזעט עס, און ער באַשטראָפט דעם סאָלדאַט פאַר אַרומגיין מיט אַ הוילן קאָפּ. עס איז אָבער פאַר אונדזער טובה וועגן.

דאָס גאַנצע הויז שאָקלט זיך פון די באָמבעס. טאָג און נאַכט טרייסלען זיך די פענצטער. דאָס מעבל טאַנצט און עס דוכט זיך אויס, אַז אַפילו די ווענט בייגן זיך און אַז דער דאַך וועט אַוועק־פליען. אַלץ וואָס שטייט אויפן טיש טאַנצט. מען געוואוינט זיך אָבער צו צו די אַלע זאַכן און עס גייט אונדז ווייניק אָן.

11

מיין דאָרע האָט מיר געשיקט איר בילד, אַ גרופּע־פאָטאָגראַפיע איינגעפאַסט אין אַ שיינער ראַם. דאָס בילד שטייט אין אַ ווינקל אין מיין פוקסן־גרוב. עס ווערט היימישער פון בילד און עס דוכט זיך אַז אין דער פינצטערער נאָרע ווערט ליכטיק.

ווען איך האָב דאָס בילד באַקומען, האָט זיך די נייס פאַר־שפּרייט צווישן מיינע חברים. חברה איז געקומען אָנקוקן אַ מיידל פון דער היים, אַן אַמעריקאַנער מיידל. עס האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט געפעלט קיין וויצן און שפּאַסרייען אויף מיין חשבון.

חברה האָט הנאה געהאַט פון דער פאָטאָגראַפיע און איך — אָוודאי און אָוודאי. אַ בילד פון אונדזערער אַ מיידל איז אַ פרישער גרוס פון אַמעריקע. נאָכן אָנקוקן פראַנצייזישע און אַראַבישע מיידלעך אין צפון־אַפריקע, סיציליאַנישע מיידלעך אין סיציליע און איטאַליענישע אין איטאַליע — נאָכן אָנקוקן די אַלע, בלייבן מיר פאַרט ביים כלל, אַז אונדזערע אַמעריקאַנער מיידלעך זיינען די אייבערשטע פון שטויסל.

12

אויסשפּירן וואָס ביים שונא טוט זיך איז זייער וויכטיק. מען דאַרף וויסן וויפל אַמוניציע ער פאַרמאָגט (אָדער פאַרמאָגט ניט), וויפל שפּייז און טראָקס און סאָלדאַטן ער האָט.

די אויסשפּירונג־אַרבעט איז אַ געפערלעכע. ריזיקע אויף יעדן שריט און טריט. די געפאַר לויערט פון אָנהייב ביזן סוף. אָבער די אַרבעט מוז מען טאָן. עס זיינען פאַראַן די, וואָס טוען עס. זיי וויסן מיט וואָס עס שמעקט. ס'איז אַ טייל פון קריג. די שאַנסן צוריקצוקומען זיינען קליינע, אָבער עס איז אַ „טאָג אַרבעט" אין סאָלדאַטס לעבן.

13

די פּוסטע פאַרמהייזער, וואָס שטייען ליידיק נאָך דעם ווי מען האָט אַריבערגעפירט די פאַרמערס אין די שטעט, האָבן פאַרנומען אונדזערע סאָלדאַטן.

זיי שטייען גאַנץ נאָענט צום פראָנט, די הייזער. דער שונא, פון זיינע פּאָזיציעס אין די בערג, זעט וואָס ביי אונדז טוט זיך. מיר,

ווידער, קענען זען וואָס דער שונא טוט. היט מען אייגע די אַנדערע און מען שיסט.

איינקוואַרטירן זיך אין אַ הויז איז בעסער איידער צו „וואוי־נען" אין אַ „פוקסן־גרוב". זיינען די מיינונגען צעטיילט וועגן דעם. פאַראַן אַזעלכע וואָס וואָלטן פאַר קיין שום געלט ניט איינגעשטאַנען אין אַ הויז. עס איז צו ריזיקאַליש, טענהן זיי. און דאָס איז אַן אמת. אַנדערע ווידער ווילן בעסער „וואוינען" אין אַ הויז, וואו עס איז שטענדיק וואַרעם און ליכטיק, איידער אין אַ „פוקסן־גרוב", וואו עס איז קאַלט, פינצטער און נאַס.

איך געהער צו די צווייטע, אין הויז איז פאַרט בעסער. אויף דער ערד דאַרף מען ניט שלאָפן. מען עסט אויף אַ טיש, מען שרייבט בריוו אויפן טיש. ביי נאַכט פאַרהענגט מען די פענצטער מיט עפּעס און דאָס ליכט זעט זיך ניט אַרויס אין דרויסן.

מען געוואוינט זיך צו אַרומצוגיין אין הויף אָדער זיצן לעבן הויז. מען גייט צום ברונעם אַנשעפּן וואַסער, אָדער מען וואַשט די אייגענע וועש און מען הענגט אַרויס אַ שטריק צום טריקענען. מיר האָבן דערביי אַ סך שפּאַס.

14

מיר טראָגן ווינטערדיקע אונטערוועש (לאַנגע גאַטקעס), צו צוויי פּאָר זאָקן, הייזן און אַ העמדל, און אויף דעם טוען מיר אָן דעם „שלאַכטמונדיר": אָווערצלס מיט זיפּערס פוןביידע זייטן און אַ וואַרעמען זשאַקעט וואָס פאַרזיפּערט זיך. די זיפּערס ווערן אָבער קאַליע. זאַמד אָדער שטויב קריכן אַריין אינעווייניק און מען מוז דעם זיפּער אַראָפּרייסן. דאָס האָט פּאַסירט מיט מיין זשאַקעט.

די זאַכן זיינען טונקעלע. פריער פלעגט אונדז די אַרמיי געבן ווייסע אונטערוועש, זאָקן און נאָזטיכלעך. איצט ווערט אַלץ געמאַכט אַליוו־דרעב, פון אַ מין טונקל־גרינעם קאָליר. דער דאָזיקער קאָליר געפעלט אַלעמען בעסער פון ווייסן.

15

מיר האָבן זיך שוין צו אַלץ צוגעוואוינט. די באָמבעס און קוילן „באַדערן" אונדז מער ניט. די ערשטע צייט פלעגן מיר גלייך אָני־

דערפאַלן אויף דער ערד, ווען נאָר עס האָט זיך דערהערט אַ פייף און אַ הודזשען. אין די ערשטע טעג פלעגן מיר שטענדיק היטן דעם הימל און קוקן אויף די עראָפּלאַנען צי זיי זיינען אונדזערע אָדער דעם שונאס.

מיט דער צייט ווערט מען נאַכלעסיק און עס אַרט ניט — יאָ באָמבעס, ניט באָמבעס; יאָ עראָפּלאַנען, ניט עראָפּלאַנען. עס לויפן דורך עטלעכע טעג און אַלץ איז שטיל.

פּלוצעם ווערט לעבעדיק און פריילעך און „דהי גרעיטעסט שאָו אָן אוירטה" צעשפּילט זיך. דאַן דערמאָנען מיר זיך וואו מיר זיינען און מען לויפט אין די לעכער באַהאַלטן זיך פון דער געפאַר.

עס איז געווען מיט אַ פּאָר טעג צוריק. אין דער פרי איז געווען שטיל און רואיק, דער טאָג—אַ שיינער. פּלוצעם האָט זיך דערהערט אַ קראַכן, אַן אויפרייס, אַ הודזשען און אַ פייפן. אַ שעה צייט האָט עס אָנגעהאַלטן. ווען עס איז שטיל געוואָרן, זיינען מיר אַרויסגעקראָכן פון די באַהעלטענישן און באַזוכט איינע די אַנדערע.

די סאָלדאַטן וואָס האָבן פריער געוואוינט איןביידלעך, האָבן איצט גענומען גראָבן לעכער. ביי איין סאָלדאַט אין ביידל האָט אַ שראַפּנעל געמאַכט עטלעכע לעכער. ער איז אָבער גראָד דעמאָלט געווען אין אַן אַנדער פּלאַץ, אַניט וואָלט ער איצט ניט גע־ווען צווישן די לעבעדיקע.

דאָס האָט אַלעמען אויסגעניכטערט. בפרט נאָך אַז אַן 88ער קויל האָט אַרונטערגעשאָסן אַ בוים לעבן אונדז. אַלע האָבן זיך גענומען צום גראָבן און בויען וואָס בעסערע פוקסן־לעכער. גיי ווייס וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען.

16

איין מאָל זיינען מיר געזעסן לעבן אונדזער פוקסן־לאָך און געשריבן בריוו אַהיים. פאַרטאָן אין שרייבן, האָבן מיר אַפילו ניט געהערט דאָס פאַלן פון קוילן אַרום אונדז. אַ סאָלדאַט האָט אַ געשריי געטאָן און דאַן ערשט האָבן מיר זיך געכאַפּט וואָס עס טוט זיך אַרום אונדז.

האָט איינער אַ שפּרונג געטאָן גלייך אין אַריינגאַנג, אָבער ער האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן אַ קעסטל און איז געבליבן ליגן אַזוי

אַן אויסגעצויגענער, נאָר די פּיס האָבן אַרויסגעשטעקט. דערווייל האָט זיך אַלץ איינגעשטילט און דאַן ערשט האָבן מיר זיך צעלאַכט אויף זיין חשבון. אַפּילו איצט, ווען מיר דערמאָנען זיך אין דעם, לאַכן מיר.

17

קאָמישע זאַכן פּאַסירן אויך דאָ ביי אונדז. כאָטש עס איז אַ טראַגישער און ביטערער הומאָר, דאָך לאַכן מיר.

נעכטן זיינען מיר געפאָרן אין אַ דזשיפּ. אויף ביידע זייטן וועג — פאַרמס מיט פערד, אָקסן און שאָף; ווייסע פאַרמהייזער מיט רויטע דעכער. איינער האָט באַמערקט, אַז די לאַנדשאַפט דערמאָנט אים אָן אָהייאָ.

עס האָט זיך דערהערט אַ פייף מיט אַ בראַזג. דער טרייבער האָט אויף גיך אָפּגעשטעלט דעם דזשיפּ און אַלע דריי זיינען מיר אַרויסגעשפּרונגען בליץ־שנעל און — פּליוך... גלייך אין אַ גרוב מיט וואַסער. אַ מינוט צען זיינען מיר אַזוי געלעגן און געוויקט זיך אין שמוציקן וואַסער, ביז די קוילן האָבן אויפגעהערט פליען איבער אונדז.

אַרויסגעקראָכן פון גרוב, האָט פון אונדז געגרונען טייכנוויז. וואַסער אין די קליידער, וואַסער אין די שטיוול. נאַסע, האָבן מיר זיך דערשלעפּט צו אַ פּלאַץ און ווי עס איז אויסגעטריקנט זיך. ווען מיר האָבן דערציילט די אַנדערע, וואָס מיט אונדז האָט פּאַסירט, האָבן מיר ערשט געשפּאָסט פון דער גאַנצער זאַך. נו, האָבן מיר געקיבעצט, זאָל דוכטן אַז דאָס האָבן מיר גענומען אַ באָד. דאָס וואַסער וועט אונדז ניט שאַדן.

18

נעכטן האָבן מיר גענעכטיקט אין אַ פאַרמהויז. ווי גוט עס איז געווען צו שלאָפן אויפן דיל, זיצן אין אַ שטול און עסן אויף אַ טיש. כאָטש די פענצטער און דאָס גאַנצע הויז האָבן זיך גע־טרייסלט יעדער מאָל ווען אַ גרויסע קויל איז פאַרביי־געפלויגן, דאָך האָט זיך די מלחמה ניט אָנגעזען אין הויז.

דער פּאַרמער, אַן אַלטער איטאַליענער, מיט גרויסע וואָנצעס, האָט אונדז געגעבן וויין מיט שפּייז. ער האָט זיך צו אונדז באַצויגן זייער העפלעך. מיר האָבן זיך אויפגעפירט ווי דזשענטללייט. אונדזערע סאָלדאַטן דאַרפן פאַר דעם געלויבט ווערן. אָט האָב איך פאַרשלעפּט אין פאַרמערס הויז אַ ביסל בלאָטע אויף די שטיוול, האָט מיר איינער אויסגעשייגעצט וואָס איך היט ניט אָפּ יענעמס הויז...

דער פּאַרמער האָט זיך באַקלאָגט פאַר אונדז, אַז ער וועט מוזן פאַרלאָזן די פאַרם און גיין קיין נעאַפּאָל, ווייל מען עוואַקויִרט אַלע פאַרמערס פון ים־ברעג. מיר טרייסטן אים, אַז אַלץ וועט זיין גאַנץ ווען ער וועט צוריקקומען. די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן צע־שטערן גאָר ניט.

אויפן הויף זיינען אַרומגעלאָפן הינער און חזירים. שטרוי איז געלעגן אין קופּעס. אין פעלד איז געווען עפּעס פאַרזייט. די מלחמה האָט זיך ווייניק געמערקט. דער ריח פון ווייכער איטאַליענישער ערד האָט גוט געשמעקט.

אַנציאָ ים־ברעג, איטאַליע מאַי, 1944.

ענגלאנד

אָט אַזוי לעבט זיך אונדז ערגעץ אין ענגלאַנד

מלחמה איז 95 פּראָצענט לאַנגווייליקייט און 5 פּראָצענט קאַמף. איך טראַכט וועגן דעם גראָד איצט ווען איך שרייב די דאָזיקע שורות. וואָכעדיקע טעג, רוטין, לאַנגווייליקייט, בענקשאַפט — דאָס לעבן מיר איצט דורך.

כאָטש מיר געפינען זיך איצט אין אַ ציוויליזירט לאַנד (איך זאָג „ציוויליזירט", אין אונטערשייד פון שלאַכטפעלד), שטעלט עס אונדז ניט צופרידן, ווייל ס'איז ניט פאַר אונדזערע טעמפּעראַמענטן און געפילן. מיר האָבן זיך צו פיל אָנגעגעסן מיט מלחמה־איבערלעבונגען און קאַמף צו קענען געניסן פון אַ שטיל לעבן.

מיר געפינען זיך אין שענסטן טייל פון ענגלאַנד, אַזוי פאַרזיכערן אונדז די היגע איינוואוינערס. אַרום אונדז ציען זיך גרינע פעלדער מיט היי און קאָרן, פערד און בהמות וואָס פאַרבלאָנדזשען אַפילו צו אונדז אין לאַגער. פאַרשלאָפענע שטעטלעך מיט אַלטע ענגלישע נעמען; גרויסע גיטער, שלעסער, קלויסטערס, רואינען — אויפן אַרום קענען מיר זיך ניט באַקלאָגן.

איך זיץ איצט אין געצעלט, אַ גרויסער טענט, וואָס די אַרמיי רופט אָן „פּיראַמידל", ווייל ער איז ענלעך אויף די פּיראַמידן, וואָס מען זעט אין עגיפּטישן מדבר. אין געצעלט שלאָפן עלף סאָלדאַטן, פינף אויף איין זייט און זעקס אויף דער אַנדערער זייט. געוויס איז ענג. דורכגיין מוז מען מיט אַ זייט. אין דער ברייט קען מען ניט. אין מיטן שטייען צוויי קאַרדאָנענע קעסטלעך וואו מיר וואַרפן אַריין צעריסענע בריוו, שטיקלעך אויסגערייכערטע פּאַפּיראָסן, ציגאַרן, אויסגעלאָשענע שוועבעלעך און צעריסענע שקאַרפּעטקעס.

אין געצעלט געפינען זיך געגנוג לעכער וואָס סטאַרטשען אַרויס צום הימל. גראָד איצט רעגנט, אַ געדיכטער ענגלישער רעגן. די לעכער האָבן מסתמא הנאה פון רעגן — אָבער ניט מיר, ווייל עס פאַרנעצט אונדזערע רעקלעך, מונדירן און אַלץ מיט אַן אַנדער,

וואָס הענגט אויף אייגענע געמאַכטע הענגערס. מיר האָבן אַפילו געפּרואווט מיט „טעיפ״ פאַרקלעפּן די קלענערע לעכער, עס קאַפּעט דאָך אַריין אינעווייניק.

רוקן מיר אַפּ די בעטלעך אויף אַן אַנדער אָרט, אָבער אויך דאָרט רעגנט אַריין. מיר דעקן איבער די זאַכן מיט רעגן־מאַנטלען און דאָס העלפט אַ ביסל. אויף דער ערד לויפט אַ טייך וואַסער און מען מוז שוין במילא אַלץ וואָס ליגט אונטערן בעטל לייגן אויפן בעטל. דאָס וואָס נעצט זיך איין הענגען מיר אַרויס אין דרויסן אויף אַן אייגענער אימפּראָוויזירטער „קלאָוז־לאַין״, אויב עס טרעפט אַ מאָל אַ שיינער טאָג, וואָס דאָס איז זעלטן אין ענגלאַנד (אפשר בין איך אומגערעכט. מיר האָבן יאָ שיינע טעג, אָבער זיי ווערן פאַר־שלונגען פון די רעגנדיקע, נעפּלדיקע און קאַלטע טעג), טריקנט זיך אַלץ אויס.

קיין באַלייכטונג האָבן מיר ניט אין געצעלט. פריער פלעגט זיך דער טאָג ציען ביז אַ זייגער 12 ביי נאַכט. איצט ווערט פינצטער אַ זייגער האַלב נאָך ניין. עטלעכע פון אונדז האָבן ליכט (איך האָב פון איטאַליע מיטגעפירט אַ פּעקל ליכט) און אין אָוונט, ווען עס ווילט זיך ניט שלאָפן, צינדן מיר אָן אַ ליכט און לייענען אָדער שרייבן אַ בריוו.

אַ גאַנצן טאָג זיינען מיר פאַרנומען ווי סאָלדאַטן פאַראַשו־טיסטן, און אַ זייגער זעקס ווערן מיר ערשט פריי. אַפּט אָבער, נאָך וועטשערע, סאָלדאַטעווען מיר ווייטער. מיר גייען אַרויס אויף דער נאַכט אין די פעלדער און קומען צוריק 12—1 ביי נאַכט.

אין אָוונט, נאָכן עסן וועטשערע, אין אונדזערע „מעס קיטס״ (בלעכענע כלים), גייען מיר כאַפּן אַ שפּריק. די ענגלישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן באַוואוינט דעם לאַגער פאַר אונדז, האָבן דאָ איבערגעלאָזן שפּריצן.

אַרומגעוואַשענע און אָפּגעראַזירטע, אין אויסגעפּרעסטע מונ־דירן (עטלעכע סאָלדאַטן האָבן זיך דאָ גענומען צו פּרעסעריי) און גלאַנציקע שטיוועלעך, לאָזן זיך אונדזערע פאַראַשוטיסטן אַרויס אין די נאָענטע שטעטלעך, אָדער זיי פאַרברענגען אין לאַגער גופא. כאָטש דער לאַגער איז אַ גרויסער, זיינען דאָ קיין גוואַלדיקע פאַר־ווילונגען ניטאָ.

פילמבילדער ווייזט מען איין מאָל אַ וואָך, און אַ מאָל צוויי

מאָל. די בילדער וואָס האָליוואוד שיקט אַהער זיינען ניט פון די נייע. זיי זיינען אַלע פאַרעלטערט. די פילמען זיינען אויסגעריבענע און די בילדער היפּן איבער סצענעס. אונדזערע אייגענע סאָלדאַטן אַרבעטן ביי די „פּראָדזשעקטאָרס״ און יעדער מאָל ווען עס רייסט זיך איבער דאָס בילד דויערט אַ מינוט צען ביז די מעכאַ־ניקערס פאַרריכטן עס. אין לאַנגן עסזאַל וואו מען ווייזט די בילדער, ווייל קיין טעאַטער־בנין געפינט זיך דאָ ניט, זיצן די סאָלדאַטן אויפן דיל, אָדער אויף הילצערנע בענק, און אויפן חשבון פון די קאַמערע־לייט וואָרפט מען שטעכווערטלעך און מען פייפט זיי אויס, כאָטש זיי, די קאַמערע־לייט, זיינען גאָט די נשמה שולדיק, ווייל מיט אַלטע קאַמערעס קענען זיי קיין ניסים ניט באַווייזן.

דער „רויטער קרייץ״ פאַרנעמט דאָ עטלעכע גרויסע געצעלטן. אין איין געצעלט ליגן ביכער, צייטונגען און זשורנאַלן, און אין צווייטן געצעלט שטייען שטולן מיט טישלעך און כמעט יעדן אָוונט טיילט מען קאַווע מיט דאָונאַטס, וואָס דאָס איז אַן אמתער „טריט״ פאַר אונדז, ווייל דאָונאַטס און קאַווע שמעקט מיט היים און אַמעריקע, אַזוי ווי האַמבורגערס, און האָט־דאָגס, און קאָקאַ־קאָלאַ.

דער אַטלעטישער דעפּאַרטמענט גיט אַרויס וואָלי־באָלס, פוט־באָלס און אַנדערע מכשירים אויף צו שפּילן. און אויף ספּאָרטס זיינען די סאָלדאַטן גרויסע בריות. איך האָב זיך צוגעקוקט ווי חברה שפּילט פוטבאָל, ווי זיי לויפן, און שרייען, און כאַפּן דעם באָל וואָס איז ענלעך צו אַן איי. איך האָב זיך צוגעקוקט און עס האָט דערמאָנט, גאָר שטאַרק, אָן דער היים, אָן די לײדיקע לאָטס, אָן די ספּאָרטס־זייטן אין די גרויסע אַמעריקאַנער צייטונגען...

אָפט קומען אין לאַגער הויכע מיליטער־לייט און מיר פאַראַדירן מיט פאָנען, ביקסן און מוזיק. דאָס איז אויך אַ געשעעניש אין אונדזער וואָכעדיקן לעבן.

דעם פערטן יולי, למשל, האָבן מיר געפייערט אונדזער יום־טוב אין לאַגער. עס זיינען געקומען ענגלישע געסט. די לאָקאַלע צייטונגען האָבן גענומען בילדער און באַשריבן די צערעמאָניעס. מען האָט געטרונקען קאַווע און פאַרביסן מיט דאָונאַטס, און זיך געוואונטשן, אַז דעם קומענדיקן פערטן יולי זאָלן מיר פייערן דעם יום־טוב ביי זיך אין דער היים, מיט פייער־קרעקערס, ביר און שנאַפּס...

מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט אַן אינפאַנטעריע גרופּע דע־מאָנסטרירט ווי עס שלאָגן זיך די נאַציס אויפן פראָנט אין פראַנק־רייך. די סאָלדאַטן זיינען געווען אָנגעטאָן אין נאַצישע מונדירן, געטראָגן נאַצישע געווער און אַפילו געגעבן די באַפעלן אין דייטש.

די מערסטע פון דער גרופּע זיינען פון דייטשישן אָפּ־שטאַם און זיי האָבן גערעדט זייער מאַמע־לשון. צוויי זיינען אַפילו געווען אין דער דייטשישער אַרמיי, אָבער זיי האָבן דע־זערטירט איידער די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן און זיינען אַנטלאָפן פון דייטשלאַנד קיין אַמעריקע און זיך פרייוויליק אַנגעשלאָסן אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי.

די דעמאָנסטראַציע האָט אונדז שטאַרק פאַראינטערעסירט ניט נאָר ווייל די אָנטיילנעמערס זיינען ערשט צוריקגעקומען פון דעם פראַנצייזישן פראָנט, נאָר ווייל (האָבן מיר געטראַכט בשעת מעשה) אונדז אַליין וועט נאָך ווידער אויסקומען צו קעמפן מיטן נאַצי...

די גרופּע האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף אַן אָפענעם פּלאַץ און אָנגעהויבן אַ שיסעריי. גענוצט האָבן זיי „דאָדס״, דאָס הייסט, בלומרשטע קוילן. זיי האָבן געגעבן באַפעלן, געפויזעט אויף די בייכער, געלאָפן און געפאַלן און געגנבעט זיך הינטער קלעצער. די דעמאָנסטראַציע איז געווען רעאַליסטיש. בפרט ווען זיי האָבן געוואָרפן האַנטגראַנאַטן און רויכבאָמבעס. דערביי האָט אַ לאָוד־ספּיקער געמאַכט באַמערקונגען און דערקלערט געוויסע זאַכן. פאַר אונדז איז דאָס געווען גוואַלדיק אינטערעסאַנט.

די סאָלדאַטן וואָס גייען אין שטאָט אַריין פאַרברענגען אַנ־דערש. און די מערסטע לויפן אין שטאָט, ס׳איז דאָרטן לעבעדיק און מ׳קען אַ ביסל פאַרגעסן אַן לאַגער און אַרמיי. און דאָס ווילן אַלע...

די שטאָט, אַ פּאָר מייל פון לאַגער, איז אַ גרויסע ענגלישע שטאָט, מיט אַ רייכער פאַרגאַנגענהייט. באַרימטע ענגלישע שריי־בערס און גייסטלעכע זיינען אין דער שטאָט געבוירן געוואָרן. ענגלי־שע קיניגן האָבן דאָ פאַרבראַכט.

ווי אין אַלע גרויסע שטעט אין אַמעריקע אָדער אייראָפּע, זיי־נען אויך דאָ פאַראַן טאַנצזאַלן, פּאַרקן וואו מען קען זיך שפּילן, „סווימינג פּולס״, מאוויס און „פּאָבס״, ד״ה פלעצער וואו מען טרינקט ביר.

פאַר די סאָלדאַטן קומען פאַר ספּעציעלע אונטערנעמונגען. דאָ ניט לאַנג צוריק איז פאָרגעקומען אַ גרויסער „באָקסינג מעטש" צווישן בריטישע און אַמעריקאַנער פּאַראַשוטיסטן. דאָס ערשטע מאָל האָבן געוואונען די אַמעריקאַנער באָקסערס און דאָס צווייטע מאָל האָבן געוואונען די בריטישע. דאָס געלט האָט מען צעטיילט צווישן די אלמנות פון בריטישע און אַמעריקאַנער פּאַראַשוטיסטן.

צוויי קלובן פון „רויטן קרייץ" געפינען זיך אין שטאָט. פאַר צען סענט קען מען עפּעס עסן, לייענען די „סטאַרס ענד סטראַיפּס", איבערשלאָפן אַ נאַכט אין אַ ווייכער, ווייסער בעט און לערנען זיך טאַנצן מיט ענגלישע מיידלעך.

פאַר די ערנסטערע סאָלדאַטן, די וואָס האָבן ליב אָפּערע און סימפאָנישע מוזיק און לעקציעס, זיינען אַזעלכע פאַרווײַלונגען אויך פאַראַן. באַוואוסטע קינסטלערס פון פּיאַנאָ, פידל און אָרקעסטערס קומען אַהער פון לאָנדאָן און שפּילן פאַר געפּאַקטע הייזער.

פאַר די יידישע סאָלדאַטן איז פאַראַן אַ „דזשואיש סאָשל" קלוב. ניט לאַנג צוריק האָבן זיי דורכגעפירט אַ טאַנצאָוונט אין אַ גרויסן שיינעם זאַל. אויף אַ זייטיקער שיינער גאַס שטייט אַ גרויסע סינאַגאָגע. וועגן יידישן לעבן דאָ און די ענגלישע יידן וועל איך שרייבן באַזונדער. איך וויל נאָר דערציילן איין אינטערעסאַנטע זאַך, אַ ביסל אַלטע געשיכטע וועגן יידן.

פאַראַן אין שטאָט אַ וואַנט וואָס הייסט: דזשואיש וואָל, (די „יידישע וואַנט"). זי איז אַלט 2,000 יאָר. אין דער צייט פון די רוי־מער האָבן זיך דאָ אויך געפונען יידן. דאָ וואו עס שטייט איצט די ענגלישע שטאָט, וועגן וועלכער איך שרייב, איז מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק געווען אַ רוימישע קאָלאָניע. די יידן האָבן געהאַט זייער אייגענעם קוואַרטאַל אָדער געטאָ און די „יידישע וואַנט" האָט זיי אָפּגעטיילט פון די אַנדערע איינוואוינערס.

די „יידישע וואַנט" איז 25 פוס די הייך, 75 פוס לאַנג און אַכט פוס אין דער ברייט. ביז איצט האָט מען נאָר אַ האַלבע וואַנט אויס־געגראָבן. עס איז די מיינונג פון אַרכעאָלאָגן, אַז דאָ וואו עס שטייט איצט די וואַנט, האָט מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק זיך געפונען דער רוימישער מאַרק.

אָט אַזוי גייען אַוועק אונדזערע טעג און וואָכן און מאָנאַטן

צווישן לאַגער און שטאָט. פון לאַגער לויפן מיר אין שטאָט און פון שטאָט צוריק אין לאַגער אַריין.

און דערווייל בענקט זיך אונדז שטאַרק אַהיים, און מיר חלומען און טראַכטן וועגן אונדזערע אייגענע און ליבסטע און האָפן, אַז די מלחמה וועט זיך וואָס גיכער פאַרענדיקן.

אָבער ביז וואָס־ווען, איז דאָס לעבן אונדזערס דאָ „שטיל און געלאַסן" און נודנע און לאַנגווייליק.

ערגעץ אין ענגלאַנד, יוני, 1944.

ווי אין דער היים אָבער פּאָרט אַנדערש...

די מערסטע פון אונדז פילן זיך אין ענגלאַנד ווי פיש אין וואַ־סער. „ממש ווי אין דער היים", זאָגן מיר איינער צום אַנדערן. און ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז מיר זאָלן זיך אַזוי פילן: מ'פאַרשטייט וואָס מ'רעדט.

מיר גייען אַריין אין אַ קראָם און אויף אונדזער אייגענעם ענגליש זאָגן מיר וואָס מיר ווילן און — מ'פאַרשטייט אונדז. מיר גייען אין די מואוויס, מיר לייענען די צייטונגען, מיר רעדן צו מענטשן — אַלץ אויף אונדזער אייגענעם לשון, אויף ענגליש. מיר הערן די גוט באַקאַנטע אויסדרוקן: „טהענק יו סער" און „וואַט וויל יו העוו, פּליעז?" און זיי קלינגען ווי די שענסטע מוזיק.

דאָס קאָן מען נאָר אָפּשאַצן, אַז מ'איז אָפּ אַ צייט אין לענ־דער וואו מ'קען זיך ניט צוזאַמענרעדן מיט די מענטשן.

אין צפון־אַפריקע האָבן מיר ניט געהערט קיין אַנדערע שפּראַך, ווי נאָר פראַנצייזיש און אַראַביש; אין סיציליע און איטאַליע האָבן מיר געהערט בלויז איטאַליעניש — שפּראַכן וועלכע זיינען אונדז פרעמד. געוויס האָבן מיר אויפגעכאַפּט ווערטער, אויסדרוקן, אָבער ניט גענוג, אַז מיר זאָלן קענען זיך פאַרשטענדיקן מיט די איינ־וואוינערס. דעם גרעסטן טייל פון אונדזערע געשפּרעכן האָבן מיר געמוזט פירן מיט די הענט, מיט צייכנס און באַוועגונגען, כמעט ווי שטומע. דאָ, אין ענגלאַנד, אָבער עפנט מען ס'מויל און מ'רעדט און יעדער פאַרשטייט.

דאָס לאַנד האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. די באַרימטע ענגלישע „קאָונטרי־סאַיד" (לאַנדשאַפט) איז אַזוי שיין, אַזוי אָנגענעם און אַזוי פריינדלעך, ווי פיל ענגלישע שריפטשטע־

לערס האָבן זי באַשריבן. איך בין געריךט געוואָרן ווען איך האָב דערזען פאַר זיך אין דערווירקלעכקייט די לאַנדשאַפט וואָס איך האָב זי געקענט פון די ביכער.

די ערד באַדעקט מיט אַ טעפּעך פון גרינעם גראָז און צעבליטע ביימער; סטאַדעס שאָף פּאַשען זיך און קי מעלה־גרהן, שטייען אָדער באַוועגן זיך פויל אויף די פעלדער; צעבליטע בלומען־גערטנער אַרום די קאָונטרי־היימען מיט הויכע קוימענס; די גלעקער פון די דאָרפישע קלויסטערס קלינגען פּאַמעלעך און פויל. די אַלע זאַכן האָבן אונדז טיף געריךט. ס׳איז אַזוי אַנדערש ווי דאָס, וואָס מיר האָבן געזען און דורכגעלעבט איידער מיר זיינען אַהער געקומען.

ענגלאַנד האָט אַ גרויסע היסטאָרישע פאַרגאַנגענהייט. מען דאַרף ניט ווייט זוכן צו געפינען שפורן פון ענגלאַנדס אַמאָליקער גרייסקייט. אָט זיינען די וועלדער און פעלדער וואו די ענגלישע קיניגן און נאָבללייט פלעגן גיין אויף יאַגד; דאָס לאַנד פון ראָבין הוד, דער לעגענדאַרישער רויבער, וועלכער האָט גענומען ביי די רייכע און געגעבן די אָרעמע. מען זעט חורבות און בריקן וואָס די נאָרמאַנען, וועלכע האָבן געמאַכט אַן אינוואַזיע אויף ענגלאַנד מיט טויזנט יאָר צוריק, האָבן געבויט; שפורן פון די צייטן ווען די רוימער זיינען דאָ געווען; בית־עלמינס און מצבות וואָס זיינען פיל הונדערטער יאָרן אַלט.

ס׳איז אַ געמיש פון חלום און ווירקלעכקייט; פון רייכער פאַרגאַנגענהייט און העלדישער קעגנוואַרט.

די שטעט זיינען ריין, אַן אַ שפּרינקעלע. איר זעט ניט קיין שמוץ, קיין שטיקל פּאַפּיר אַרומוואַלגערן זיך אויף די גאַסן. אַלץ איז ריין און ציכטיק. די ענגלענדער באַטראַכטן עס פאַר אַ נאַטירלעכער זאַך. ווען איך האָב פאַר ענגלענדער באַמערקט ווי ריין די גאַסן זיינען, האָט מען מיר געענטפערט אויף אַ טיפּיש ענגלישן אופן: „ווי קען זיין אַנדערש? געוויס מוזן גאַסן געהאַלטן ווערן ריין“.

פּריוואַטע אויטאָמאָבילן זעט מען זייער ווייניק. ניטאָ קיין גאַזאָלין און ניטאָ קיין „טאַיערס“. פאַרט דער עולם אויף ביי סיקלעך אין שטאָט און אין דאָרף. איבער הויפּט אין די זונטיקס לאָזן זיך יונג און אַלט אַרויס אויף ביי סיקלעך אויף אַלע גאַסן און וועגן.

ענגלאַנד, וואָס זעט אַפילו איצט אויס ווי אַ פרידלעך לאַנד,

מיט איר פּאַמעלעכן און פּאַרזיכטיקן שטייגער־לעבן, רופט אַרויס אַלערליי געדאַנקען. די מענטשן זעען אויס געזעצטע און צופרידענע. עס איז דאָ ניטאָ דאָס יאָגעניש וואָס מ׳זעט אין אַמעריקאַנער שטעט. טראַדיציע, געשיכטע, ליגט אויף יעדער שוועל. דער אויסדרוק „דהער וויל אַלוועיז בי ען אינגלענד״ (ס׳וועט תמיד זיין אַן ענגלאַנד), איז דאָ אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך. אפשר איז דאָס די אורזאַך פאַר וואָס די ענגלענדער ווייזן אַרויס אַזאַ מוט און אויסדויער. די פינף יאָר קריג האָבן צוגענומען פיל זין, מענער און בחורים. זייער ווייניק פרייד איז געבליבן. דאָ לעבט מען, ווי טשויר־טשיל האָט געזאָגט, מיט „בלוט, שוויס און טרערן״. און ווי טשויר־טשיל אַליין, ווען יעדער ענגלענדער באַטראַכט פאַר זיין העלד און רעטער, שלעפּט דאָס ענגלישע פאָלק דעם שווערן יאָך פון קריג טאָג־איין טאָג־אויס, יאָר־איין, יאָר־אויס.

עס איז אַ שווער לעבן. שוין אָפּגערעדט פון די טויזנט און איין זאַכן וואָס מ׳קען ניט קריגן, נאָר אַפילו פון דעם וואָס איז דאָ, קען מען גאָרניט קויפן אָן קופּאָנען. פיל שטעט האָבן שוידערלעך געליטן פון די לופט־אַטאַקעס. קאָווענטרי, צום ביישפּיל, איז שיר ניט אין גאַנצן אָפּגעווישט געוואָרן. אָבער דאָס ענגלישע פאָלק האָט אַפילו אויף אַ מאָמענט דעם מוט ניט פאַרלוירן, ניטאָ קיין שום סימן פון פאַרצווייפלונג אָדער אומאָרדענונג. אַלע זיינען זיכער אַז אַלץ וואָס דער שונא האָט צעשטערט וועט צוריק אויפגעבויט ווערן. עס זיינען שוין פאַרטיק די פּלענער פאַר דעם אויפבוי פון די באָמבאַרדירטע שטעט און דערפער. אין די מוזייען פון די גרעסערע שטעט קען מען שוין איצט זען מאָדעלן פון די שטעט וואָס מ׳וועט ווידער אויפבויען.

אויך דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן ווערט געענדערט. די צייַ־טונגען פירן אָן אַ לעבעדיקע פּראָפּאַגאַנדע צו שאַפן גרעסערע ביל־דונגס־מעגלעכקייטן פאַרן ברייטן עולם, ביליקערע און בעסערע וואוינונגען, העכערע שכירות פאַר די אַרבעטער און סאָלדאַטן. די צייטונגען דאָ זיינען טאַקע קליין, אָבער זיי שלאָפן ניט. זיי זיינען ניט אַזוי פול מיט „עקסאַיטמענט״ ווי די אַמעריקאַנער צייטונגען, אָבער זיי טוען ערנסטע און וויכטיקע אַרבעט. אין אונדזערע אויגן זעען זייערע צייטונגען אויס צו שטיל, צו איינגעהאַלטן. אָבער די ענגלענדער טראַכטן ניט אַזוי. די מאָדערנע ענגלענדער האַלטן ניט

פון אויפשטאַנדן און רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען. דאָ האָלט מען פון פרידלעכע, פּאַמעלעכדיקע ענדערונגען. און די צייטונגען שפּיגלען אָפּ דעם געדאַנקען־גאַנג פון פאָלק.

אַלץ איז רואיק, אַלץ קלאָר, מיט אַ פעסטן באָדן אונטער די פיס.

לעבן אונדזער לאַגער האָב איך פאַרפירט אַ שמועס מיט אַ ייִנגל. ער האָט מיך געפרעגט ווי איך הייס און איך האָב אים געזאָגט. דאַן האָב איך אים געפרעגט וואָס זיין נאָמען איז.

„סער דזשאָן רייען", האָט ער געזאָגט.

„סער דזשאָן?" האָב איך איבערגעפרעגט מיט פאַרוואונדערונג.

„נו, געוויס", האָט ער מיר דערקלערט. „איר פאַרשטייט, מיין פאָטער איז אַ לאָרד. מיך וועט מען רופן „סער" ביז איך וועל ווערן 21 יאָר אַלט, דערנאָך וועל איך אויך ווערן אַ לאָרד."

איך האָב זיך נענטער צוגעקוקט צו אים — דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, אַז איך האָב גערעדט צו אַ לאָרד.

דאָס איז איין סאָרט ענגלאַנד. עס זיינען דאָ אַנדערע סאָרטן ענגלענדער און אַלע צוזאַמען שטעלן זיי צונויף דאָס אייגנאַרטיקע לאַנד.

ניט וויים פון אונדז שטייט אַן אַלטער קלויסטער. עס איז אַ וואונדער שיינע געביידע, אַרומגערינגלט מיט אייזערנע שטאַכעטן, וועלכע נעמען אַרום אַן אַלטן בית־עלמין.

איין זונטיק אין דער פרי בין איך געשטאַנען און צוגעקוקט ווי די מענער און פרויען זיינען אַרויס פון קלויסטער איינציקוויין און פּאָרוויין. זיי זיינען פּאַמעלעך געגאַנגען דורך די קברים, ווי זיי טוען דאָס שוין יאָרן און יאָרן. דאָ און דאָרט האָבן זיך אייניקע אָפּגעשטעלט, באַטראַכט די מצבות, אַלטע און נייע, אייניקע באַדעקט מיט פרישע בלומען, און זיך ווייטער געגאַנגען.

ס'קען זיין, אַז עס האָט זיך מיר בלויז אויסגעוויזן, אָבער איך האָב געזען אַנטשלאָסנהייט אין זייערע טריט און טרויער אין זייערע פּנימער. אַ טרויער נאָך די זין, וועלכע האָבן אַוועקגעגעבן זייערע לעבנס, אַז די מענטשן זאָלן קענען אין פרידן דינען זייער גאָט יעדן זונטיק אין דער פרי.

די ענגלענדער זיינען פריינדלעך און צוגעלאָזט און זיינען

שטענדיק גרייט צו רעדן מיט אונדז. איך האָב זיך אַ סך אָנגעהערט וועגן דער קאַלטקייט, צוריקגעשטאַנענקייט פון דעם ענגלענדער, אָבער איך האָב עס ניט באַמערקט. פאַרקערט, זיי זיינען זייער פריינד־לעך. יעדנפאַלס זיינען זיי אַזוי מיט אונדז, די אַמעריקאַנער סאָל־דאַטן. זיי זיינען אַלע מאָל אונדז גרייט אַרויסצוהעלפן. זיי באַמיען זיך צו געבן אונדז די ריכטיקע אָנווייזונגען צו געפינען דעם וועג און העלפן אונדז ווען מיר דאַרפן צאָלן מיט ענגליש געלט.

דאָס ענגלישע געלט איז פאַר אונדז אַ רעטעניש. איך קען ניט אַרויסקריכן פון די שילינגס, פלאָרינס, פונטן, העף־פעניס, קראָונס, טריפּענס און אַזוי ווייטער. ווען מיר גייען עפּעס קויפן פּרואוון מיר אַפילו ניט אויסצורעכענען אַליין. מיר גיבן איבער דאָס גאַנצע געלט צום מאַן אָדער דער מיידל אין געשעפט און זיי נעמען שוין אַרויס וואָס זיי קומט. די אַנדערע קונים דערקלערן אונדז ווידער פאַרשיידענע מטבעות און פאַפּירלעך, אָבער מיר האָבן ניט קיין געדולד צו געדענקען וויפל העף־פעניס זיינען אַ ניקל, און מיר לאָזן עס איבער צו זיי.

אַן קופּאָנען קען מען גאָרניט קויפן, אַפילו ניט אַ שטיקל צוקערקע. איין מאָל האָב איך געזען קענדי אין אַ קראָם און ס׳האָט זיך מיר שטאַרק פאַרוואָלט אַ שטיקל. איך בין אַריין אַהין. די אייגנטימעריך, אַן עלטערע פרוי, האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט, אַז עס טוט איר לייד, אָבער אָן קופּאָנען קען זי מיר קיין קענדי ניט פאַרקויפן. זי האָט מיך אָבער ניט געוואָלט אַרויסלאָזן מיט ליידיקן, און אַזוי ווי פאַרקויפן האָט זי ניט געקענט, האָט זי מיר געגעבן אַ שטיקל קענדי. קיין געלט האָט זי ניט געוואָלט נעמען, אָבער איין זאַך האָט זי מיך געבעטן — אַז איך זאָל איר געבן אַ שטיקל טשואינג־גאָם.

לעסטער, ענגלאַנד, יולי, 1944.

ווען װעלן מיר זיך זען?

ווען מען רוט זיך אָפּ צווישן איין שלאַכט און דער צווייטער, נעמט מען איבערקלייבן די דערפאַרונגען, וואָס מען האָט געהאַט. אַ מאָל נאָר פון אַ געהערט וואָרט, אַ מאָל פון אַ פּאַסירונג, וואָס צעטראָגט זיך פון מויל צו מויל, ווערן די געדאַנקען אָנגערעגט, זיי נעמען לויפן מיט אַן אימפּעט און זיי פאַרטראָגן צו דערינערונגען.

***

מיר האָבן דאָ, אין ענגלאַנד, געהערט, אַז דער דוטשע מוסאָליני האָט פאַרמשפּט צום טויט זיין איידעם, דעם גראַף גאַלעאַזאָ טשיאַנאָ. האָט זיך מיר דערמאָנט עפּעס וועגן דעם נאָמען טשיאַנאָ, און עס האָט זיך מיר דערמאָנט עפּעס נאָך, עפּעס היימישעס, טאַקע די היים מיינע.

איך האָב מיר דערמאָנט ווי מיר זיינען געווען איינגעקוואַרטירט אין אַן איטאַליענישער שטאָט. אַ צייטווייליקע היים אויפן פראָנט. אַ גרויסע היי־סקול־געביידע, וואָס איטאַליענישע באַנקירן האָבן אונטער מוסאָליניס רעזשים געגעבן אַ מתּנה דער שטאָט.

די שול האָט געטראָגן דעם נאָמען פון מוסאָליניס איידעם, גראַף טשיאַנאָ. זיין סטאַטוע איז ביז ניט לאַנג צוריק געשטאַנען ביים אַריינגאַנג. ווען די דייטשן האָבן זיך אַריינגעקליבן אין דער איטאַליענישער שטאָט, האָבן זיי איבערגענומען די היי־סקול פאַר זיך. די ווענט פון די געביידעס האָבן זיי פאַרפּאַטשקעט מיט קאַרטונס און בילדער, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן אויך איצט. די גראָז אַרום דער געביידע האָבן זיי צעטראָטן מיט זייערע שווערע שטיוול און שווערן גאַנג. פון די אַלייען און בלומען איז געוואָרן אַ תּל.

די דייטשן האָבן מיר פאַרטריבן פון שטאָט; די היי־סקול האָבן מיר איבערגענומען; טשיאַנאָס סטאַטוע האָט מען אַרונטערגענומען פון פּעדעסטאַל און אַוועקגעלייגט ערגעץ אין אַ קעלער.

האָב איך מיר געטראַכט: ווי איראָניש דאָס איז. אָט הערט: מוסאָליני האָט אַדאָפּטירט דעם אַנטיסעמיטיזם אונטער היטלערס דרוק; די איטאַליענישע יידן האָבן געליטן, און לײדן נאָך איצטער אין די טײלן פון איטאַליע, וואו די פאַשיסטן הערשן. זײנען געקומען די אַמעריקאַנער און פאַרטריבן די דײטשן און פאַשיסטן. און געוויס איז דער פאַשיסט טשיאַנאָ ניט געווען קײן יידן־פרײנד—איז פון אים איצט קײן זכר ניט פאַרבליבן. און איך, אַ יידישער סאָלדאַט, געפין זיך אין דער הײ־סקול אויף זײן נאָמען.

עס איז גראָד געווען פסח. דער יידישער טשעפּלעין האָט אָפּגעהאַלטן „סוירוויסעס" מיט די יידישע סאָלדאַטן און צעטײלט יעדן אײנעם מימיאָגראַפירטע בויגנס מיטן וואָרט פסח, געדרוקט אין העברעאיש; אין דעם זעלבן בנין וואו עס האָבן זיך פריער געפונען איטאַליענישע פאַשיסטן און דערנאָך דײטשישע נאַצים. זײ זײנען אַנטלאָפן; מיר זײנען פאַרבליבן...

***

פסח... פאַרשײדענע געפילן רופט ביי מיר אַרויס אָט דער יום־טוב. איך דערמאָן זיך וואָס עס איז געווען מיט אַ יאָר צוריק. איצטער בין איך ווייט פון דער הײם, אין דער פרעמד, צווישן פרעמדע. עס בענקט זיך און עס טוט וויי. וואָס וועט זײן איבער אַ יאָר? וואו וועל איך פאַרווען דעם סדר אין 1945?

דער הײ־יאָריקער פסח איז מיר געווען פאַרשטערט און איך דער פאַר אַ יאָריקער פסח איז געווען אַ צעשטערטער.

פאַר אַ יאָרן, אין 1943, האָב איך זיך נאָך געפונען אין דער סאַוט, אין פאָרט בענינג, דזשאָרדזשיאַ. עטלעכע וואָכן פאַר פסח האָב איך געבעטן צען טעג אורלויב און האָב עס באַקומען. איך בין געווען אין זיבעטן הימל. פאָרן אַהײם אויף פסח! וועלכער יידישער סאָלדאַט חלומט ניט וועגן דעם? איך האָב גלײך געלאָזט וויסן מײנע עלטערן, אַז זײ זאָלן זיך גרייטן פאַר מיר, איך וועל קומען אַהײם און פרעגן די פיר קשיות ביים טאַטן.

דערווײל האָב איך זיך געגרייט; באַקומען אַ נײעם מונדיר, נײע שטיוועלעך און נײע אינסיגניע־צײכנס פון מײן רעגימענט. איך האָב געלאָזט וויסן מײנע קרובים, אַז איך וועל זײן אין ניו־יאָרק און זיך זען מיט זײ.

אָבער ווי מען זאָגט: אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט.

פון אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזט גאָרניט... אַ פּאָר טעג פאַר מיין אָפּפאָרן אַהיים אויף פּסח האָט מען אונדז אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן אַלץ איינפּאַקן, ווייל מיר פאַרלאָזן דעם לאַגער און פאָרן אויף דער אַנדערער זייט ים.

אויפן האַרצן איז מיר געווען ביטער. אַהיים האָב איך געשריבן, אַז זיי וועלן מוזן פּראַווען פּסח אָן מיר, ווייל מיר גרייטן זיך אין וועג אַריין.

מיר האָבן פאַרלאָזט פאָרט בענינג אין מיטן נאַכט. אַ ווינט האָט געריסן פון אַלע זייטן. פון די פיל איינשפּריצונגען אין אָרעם האָבן מיר צו גוט ניט געפילט. אין טראַקס האָבן מיר זיך געשלעפּט צו דער באַן, וואָס איז נאָך ניט געווען אָנגעקומען.

עס איז געווען קאַלט. מיר האָבן אָנגעצונדן גרויסע פייערן און פאַרשלאָפענע און הונגעריקע זיך געוואַרעמט. די גאַנצע צייט, זינט מיר האָבן פאַרלאָזט פאָרט בענינג, האָב איך געטראַכט וועגן דער היים. איך האָב געזען די משפחה אַרום טיש. דער טאַטע זיצט אויבן אָן, מיט דער הגדה ביי דער זייט און באַהאַלט דעם אַפּיקומן; די מאַמע און די שוועסטער פאַרען זיך אין קיך, טראָגן אַריין קניידלעך, הון, זופּ; לעבן טאַטן זיצט דער ברודער מיט דעם ווייבל; לעבן זיי זיצן דער שוועסטערס מאַן און ברײַנדל, זייער בת־יחידה. איך האָב דאָס אַלץ געזען פאַר די אויגן.

שפּעט ביי נאַכט איז געקומען די באַן. מיר זיינען געקראָכן אין די וואַגאָנעס און זיך ווי עס איז אויסגעזעצט מיט אונדזערע פּעק. מיר זיינען גלייך אַנטשלאָפן געוואָרן.

ווען מיר האָבן אויף מאָרגן געעפנט די אויגן, האָט אונדז באַגריסט אַ שיינער וואַרעמער טאָג. אַז מיר פאָרן אויף צפון צו האָבן מיר געוואוסט, אָבער וואוהין, אין וועלכער שטאָט — דאָס איז געווען אַ מיליטערישער סוד. אַלע האָבן געפּרואווט טרעפן, אָבער קיינער האָט ניט געטראָפן. אויפן אַנדערן טאָג האָט מען אונדז ענדלעך אויסגעזאָגט דעם סוד: אַ לאַגער לעבן ניו־יאָרק וועט זיין אונדזער נייע היים ביז מיר וועלן זיך זעצן אויף דער שיף.

פאַר מיר איז עס געווען גענוג. לעבן ניו־יאָרק! געוויס וועל איך זען אַריינכאַפּן זיך אַהיים. מיין האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט — זען זיך מיט אַלעמען, אויב ניט אויף פּסח, איז כאָטש איצט. און אַזוי איז טאַקע געווען.

טעלעפֿאָנירן פֿון דעם נייעם לאַגער האָט מען ניט געטאָרט. בין איך צוגעגאַנגען אין אַ דערבייאיק שטעטל און טעלעפֿאָנירט דער שוועסטער. זי איז געווען איבערראַשט און האָט געמיינט, אַז דאָס רוף איך גאָר פֿון דער סאָוט, פֿון פּאָרט בעגינג. איך האָב איר פֿאַרזיכערט, אַז איך געפֿין זיך ניט ווייט פֿון איר און וועל ביי נאַכט זיין אין דער היים.

שפּעט ביי נאַכט בין איך אַרויס פֿון סאַבוועי; ווי דער אַמעריקאַנער זאָגט: „אַי וואָז וואָקינג אָן עיר". איך בין געשפּרונגען אין די לופֿטן. דאָס האַרץ האָט געזונגען. די גאַסן און הייזער און די ברוקלינערביימער, וואָס איך האָב געזען אין חלום זינט איך האָב פֿאַרלאָזן ניו־יאָרק, האָבן איצטער אויסגעזען די שענסטע און די גרעסטע און די בעסטע פֿון אַלע.

מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ בין איך אַריין אין האָל, צוגעגאַנגען צו דער טיר און אָנגעקלונגען. איך האָב געהערט ווי אינעווייניק פּאָרעט זיך עמעצער און האָב דערקענט דעם טאַטנס טריט. ער האָט אָן עפֿן געטאָן די טיר. איך האָב געזאָגט: „העלאָו, פּאַ" און מיר האָבן זיך צעקושט.

איך בין אַריין אין שטוב נאָכן טאַטן. די מאַמע איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון בעט און געלאָפֿן מיר אַנטקעגן. זי איז געפֿאַלן מיר אויפֿן האַלדז. איך האָב געוואָלט זאָגן דער מאַמען, ווי גוט עס איז צו זיין אין דער היים און קושן זי און דעם טאַטן, אָבער עפּעס האָט זיך געשטעלט אין האַלדז און ניט געלאָזט.

די נאַכט זיינען מיר שוין ניט געשלאָפֿן. די מאַמע האָט געגרייט דעם טיש. איך בין געווען הונגעריק און האָב געגעסן און געטרונקען קאַווע און אין דער זעלבער צייט, מיט אַ פֿולן מויל, דערציילט ביידן וועגן דער סאָוט און פּאָרט בעגינג, און ווי מיר שפּרינגען פֿון עראָפּלאַנען. דער טאַטע האָט, ווי שטענדיק, געזופּט זיין קאַווע און די מאַמע איז געזעסן קעגנאיבער מיט צונויפֿגעלייגטע הענט, און ביידע האָבן געשלונגען מיינע ווערטער. אַזוי איז אַוועק די נאַכט.

אויף מאָרגן, עס איז געווען זונטיק, זיינען געקומען געסט: די משפּחה און סתם פֿריינד און מיין דאָרע. מיר האָבן פֿיין פֿאַרבראַכט.

געשמועסט, געגעסן און — די שעהן זיינען דערווייל געלאָפן. דער זייגער האָט זיך גערוקט אויף שפּעט.

אַזוי איז אַוועק דער טאָג. אין אָוונט האָב איך זיך מיט אַלעמען געזעגנט. עס איז ניט געווען פון די גרינגע זאַכן צו זאָגן „גודבאַי" צו טאַטע־מאַמע. געטראַכט האָבן מיר וועגן דער זעלביקער זאַך: ווען וועלן מיר זיך ווידער זען? עד־היום איז די דאָזיקע פראַגע פאַרבליבן ניט פאַרענטפערט...

מיט דאָרען בין איך געפאָרן צו אַ חבר זעגענען זיך און פון דאָרטן זיינען מיר געפאָרן צו איר אַהיים.

אין הויז, ביי דאָרען, האָט זיך אויך געטומלט. פריינד, איר משפחה זיינען דאָרטן געווען. מען האָט גערעדט און געשפּאַסט און געטרונקען טיי. מיין ברודער מיט זיין ווייבל זיינען אַריינגעפאַלן זען זיך מיט מיר פאַר מיין אָפּפאָרן. געוויס בין איך געווען צופרידן צו זען ביידן.

שפּעטער האָט געקלונגען דער טעלעפאָן. די מאַמע האָט מיר אָנגעקלונגען. אַ מאַמעס האַרץ איז ניט פון שטיין. זי האָט געוואָלט נאָך איין מאָל הערן מיין שטים, ריידן צו מיר און ווינטשן מיר גליק און שלום אויף מיינע רייזעס... מיר האָבן אַ ווייל גערעדט איבער די דראָטן, וואָס האָבן אונדז אָפּגעשיידט. איך ווייס, אַז שטייענדיק אין קענדי סטאָרקע, אין טעלעפאָן־בודקע, האָט די מאַמע געלאָזט פאַלן טרערן; כאָטש איך האָב ניט געקענט זען איר פּנים. דאָס קול אירס האָט געוויינט...

נאָך אַ מאָל האָב איך זיך מיט אַלעמען געזעגנט און מיט מיין דאָרען אַוועק צו דער סאָבוועי־סטאַנציע אויף דער פערצנטער גאַס.

מיר ביידע האָבן מער געשוויגן ווי גערעדט. וואָס זיינען ווערטער? — מער ניט ווי קלאַנגען. דאָס שווייגן אָבער האָט אונדז ביידן אַרומגענומען און מיר האָבן זיך פאַרשטאַנען...

צוריקפאָרנדיק אין לאַגער איז מיר געווען טרויעריק, פּונקט ווי איך וואָלט גאָר אין גאַנצן ניט געווען אין דער היים. נו, יע, איך האָב פאַרפעלט דעם פּסח, ניט געווען ביי די סדרים און ניט געפרעגט די פיר קשיות; אָבער אין דער היים בין איך פאָרט געווען, געזען זיך מיט אַלעמען, געגעסן דער מאַמעס מאכלים, געשפּילט זיך מיט מיין פּלימעניצקע ברײַנדלען און אַ נאַש געטאָן פון ניו־יאָרק.

אָט דער פליענדיקער וויזיט אַהיים וועט מיר דאַרפן סטייען ביז נאָך דער מלחמה.

דאָ, אין ענגלאַנד, לייענענדיק וועגן מוסאָליניס אײדעם, האָב איך זיך דערמאָנט אָן דעם אַלעם און איך האָב אין די געדאַנקען געשטעלט זיך די פראַגע: ווען וועלן מיר זיך ווידער זען?

לעסטער, ענגלאַנד, יולי, 1944.

בלוט, שווייס און טרערן

דער גרויסער ענגלישער שרייבער טשאַרלס דיקענס האָט מיט אַ הונדערט יאָר צוריק באַזוכט אַמעריקע. ווען ער האָט זיך צוריק־געקערט קיין ענגלאַנד, האָט ער אָנגעשריבן אַ בוך מיטן נאָמען: „אַמעריקאַנער נאָטיצן". זיינע איינדרוקן פון אַמעריקע האָבן אַרויס־גערופן אַ פּוראַר. ער איז אָנגעפאַלן אויף דער דאַן כמעט נייער רע־פּובליק און באַשולדיקט דאָס פאָלק אין גראָבקייט, עם־האַרציש־קייט און לייכטזיניקייט.

איך ווייס ניט צי דיקענס איז געווען גערעכט, אָדער ניט; עס קען זיין, אַז אויף זיין רייזע איז ער געקומען אין באַרירונג נאָר מיט געוויסע שיכטן פון אַמעריקאַנער פאָלק.

איך האָב זיך דערמאָנט אָן דיקענסן טאַקע דאָ אין דער ענג־לישער מדינה.

מען האָט טענות צו אונדז, אַמעריקאַנער סאָלדאַטן, פאַר וואָס מיר זיינען אַזוי און ניט אַנדערש.

דאָ ניט לאַנג צוריק בין איך אַריין אין אַ בוכגעשעפט קויפן אַ געוויס בוך וועגן דער נאַצישער אָקופּאַציע אין פראַנקרייך. דאָס בוך האָבן זיי ניט געהאַט. די מיידל, די פאַרקויפערין, האָט מיר דערלאַנגט אַנדערע ביכער אויף דער זעלביקער טעמע. אָבער איך האָב געוואָלט קויפן נאָר דאָס בוך, וואָס איך האָב געבעטן, און ניט קיין אַנדערס.

— איך, אַמעריקאַנער, איז שווער צופרידנצושטעלן, — האָט זי געזאָגט, — איר זייט אַזוי אויסקלייבעריש. דאָס געפעלט אייך יע און דאָס געפעלט אייך ניט.

איך האָב דעם שטאָך אַרונטערגעשלונגען און איר געזאָגט, אַז:

— אויב מיר, אַמעריקאַנער, זיינען אַזוי, איז דאָס דערפאַר, ווייל מיר ווייסן, וואָס מיר ווילן.

דער אַמעריקאַנער לעבנס־סטאַנדאַרד איז דער העכסטער, וואָס מען קען ערגעץ־וואו געפינען. זינט מיר האָבן פאַרלאָזן די אַמערי־

קאַנער ערד, (און דאָס איז געווען מיט אַ הונדערט יאָר צוריק אַזוי דוכט זיך אונדז), האָבן מיר נאָך אין ערגעץ ניט געפונען „מאַטעריעלע זאַכן", וואָס קענען זיך פאַרגלייכן מיט אַמעריקאַנישע. זייענדיק אין דער היים צוגעוואוינט צו דעם שענסטן און דעם בעסטן פון קינדרוויז אָן, נעמען מיר אָן פאַר נאַטירלעך, אַז אַלץ, וואָס איז ניט אַמעריקאַניש, מוזן מיר קריטיקירן, פונקט אַזוי ווי די ענגלענדער קריטיקירן אונדז, „פאַרעינערס" (אויסלענדער).

***

דער אַמעריקאַנער סאָלדאַט קען זיך ניט באַקלאָגן אויף דער גאַסט־פריינדלעכקייט פון ענגלישן פאָלק. ווען מיר האָבן פאַרלאָזן איטאַליע און זיינען געפאָרן קיין ענגלאַנד, האָבן מיר ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ קבלת־פנים מיר וועלן קריגן, ווען מיר וועלן דאָ לאַנדן. וועלן זיי, די ענגלענדער, אויפנעמען אונדז מיט אָפענע אָרעמס, אָדער וועלן זייערע באַציאונגען זיין קאַלטע און ווייטע? — האָבן מיר געטראַכט.

מיט ענגלענדער זיינען מיר געקומען אין באַרירונג נאָך אין צפון־אַפריקע, וואו די אַכטע בריטישע אַרמיי האָט אַזוי העלדיש געקעמפט קעגן גענעראַל ראָמעלן, און צוזאַמען מיט די אַמעריקאַנער פאַרטריבן אים פון יענעם קאָנטינענט. שפּעטער האָבן מיר זיי, די ענגלישע סאָלדאַטן, ווידער באַגעגנט און צוזאַמען געקעמפט קעגן די נאַציס אין די אַנדערע לענדער. דאָס זיינען, אָבער, אַלץ געווען סאָלדאַטן און ניט דאָס ציווילע פאָלק. לויט זיי איז שווער געווען צו אורטיילן, וואָס פאַר אַ מענטשן די ענגלענדער זיינען, ווייל סאָלדאַטן פירן זיך אויף אין דער פרעמד גאַנץ אַנדערש, ווי ביי זיך אין דער היים.

זינט מיר געפינען זיך אויף דער אַנדערער זייט אַטלאַנטיק, זיי־נען מיר אין פאַרלויף פון כמעט אַ יאָר מיט אַ האַלב געקומען אין קאָנטאַקט מיט פאַרשיידענע פעלקער: אַראַבער, פראַנצויזן, אי־טאַליענער, סיציליער (וואָס זיינען גאַנץ אַנדערש פון זייערע נאָענט־סטע שכנים, די איטאַליענער). און דער הוילער אמת איז, אַז מיר האָבן זיך אַנטוישט אין אַלעמען. זיי האָבן זיך עפּעס צו אונדז פאַרט ניט געקלעפּט. קען זיין דערפאַר, וואָס מיר האָבן זיך ניט פאַרשטאַנען צוליב דעם אונטערשייד אין די לשונות.

האָבן מיר דאָ, אין ענגלאַנד געפונען אמתדיקע גאַסטפריינד־לעכקייט, אַ וואַרעמע באַציאונג און אַ היים... זייער אָפט זאָגן אונדזערע סאָלדאַטן: „אַי פאַונד עי האָום היר‟. ביז מיר וועלן קומען צו זיך אַהיים, איז דאָ אונדזער היים — מיינט זייער אַ סך אין אונדזער ניט צו פריילעכן סאָלדאַטן־לעבן.

די ענגלענדער האָבן פאַר אונדז געעפנט זייערע היימען און קלובן און פאַרקן. זיי לאַדן אונדז איין צו זיך אַהיים און טיילן זיך מיט אונדז מיט זייערע עסנס און געטראַנקען. דאָ ניט לאַנג צוריק האָב איך געלייענט אין אַ לאָקאַלער צייטונג אַ בריוו פון אַן ענגלישער באַלעבאָסטע, וואו זי האָט זיך באַקלאָגט אויף אונדז אַמעריקאַנער סאָלדאַטן, ווייל מיר זיינען צו איידל. אין פיל ענגלישע היימען, וואו עס קומען אַריין אַמעריקאַנער סאָלדאַטן, האָט זי געשריבן אין איר בריוול, ווען מען דערלאַנגט עפּעס צום עסן אָדער טרינקען, אַנטשולדיקן זיך די אַמעריקאַנער, אַז זיי זיינען ניט הונגע־ריק אָדער דורשטיק, ווייל זיי ווייסן, אַז קיין צו פיל שפּייז אָדער טיי (דער נאַציאָנאַלער געטראַנק דאָ אין ענגלאַנד, ווי ביי אונדז קאַווע) קענען די ענגלענדער ניט באַקומען.

אַנומלטן בין איך מיט נאָך צוויי געזעסן אין אַ פּאַב (שענק) און געטרונקען ביר. אָפט פרעגן זיי ביי אונדז: „אַר יו אָלראַיט, מי דאַק?‟ (דאָס איז אַן ענגלישער אויסדרוק און עס מיינט: ביסטו אָלראַיט, קאַטשקע?‟). לעבן אונדז זיינען געזעסן עטלעכע עלטערע פרויען, און זיי האָבן זיך מיט אונדז פונאַנדערגערעדט. איידער מיר זיינען אַרויס, האָט אונדז איינע פון די דריי איינגעלאַדן צו זיך אַהיים. מיר האָבן איר אָפּגעשטאַט אַ וויזיט, און זי איז געווען אין זיבעטן הימל. איר זון, האָט זי אונדז דערציילט, איז אַ מאַטראָס אין דער „ראָיאַל נעיווי‟ (ענגלישער פלאָט) און עטלעכע מאָל האָט זיין שיף באַזוכט ניו־יאָרק. דער זון האָט זיך זייער וואַרעם אָפּגע־רופן וועגן אונדזער לאַנד, ווייל מען האָט די ענגלישע מאַטראָסן זייער גוט אויפגענומען אין אַמעריקע. דערפאַר האָט די מאַמע זיינע אונדז אויך גוט אויפגענומען.

מיר האָבן וואָס אויסצוזעצן קעגן די ענגלענדער (פונקט ווי זיי האָבן אויסצוזעצן קעגן אונדז), אָבער איין זאַך באַוואונדערן מיר יע. מיר האָבן גרויס אָפּשיי פאַרן קוראַזש פון ענגלישן פאָלק. אונ־טער קיין גרינגע באַדינגונגען לעבן זיי ניט. שוין פינף יאָר, אַז

זיי האַלטן מלחמה מיטן שונא. אין דער צייט זיינען פיל שטעט און שטעטלעך צעשטערט געוואָרן נאָך פּאַר היטלערס נייער דער־פינדונג, די פליענדיקע באָמבע. ווער רעדט נאָך איצט. אומגעקומענע מענטשלעכע לעבנס, חרוב־געוואָרענע היימען, עוואַקואירטע קינדער אין דער פרעמד, דאָס וואוינען אין „באָמב־שעלטערס", מיט זויג־קינדער; דער „בלעק־אַוט", וואָס האַלט שוין. אַ פינף יאָר, דאָס לעבן אויף קופּאָנען, אאַז"וו. — איז דאָס ניט צו באַוואונדערן?

און ניט קוקנדיק אויף אַט די אַלע שוועריקייטן און צרות, וואָס מלחמה ברענגט מיט זיך, האַלט זיך דער ענגלענדער מיט ווירדע און שטאָלץ און מיטן באַוואוסטזיין, אַז ער וועט באַזיגן דעם שונא.

איך האָב זיך אין דעם איבערצייגט איין מאָל שפּעט ביי נאַכט. נאָך אַ וויזיט ביי אַן ענגלישער פאַמיליע בין איך צו פוס געגאַנגען אין לאַגער, ווייל די באַסעס לויפן דאָ נאָר ביז 9 אַ זייגער אין אָוונט (דאָס איז אין מלחמה־צייט). צו שפּאַנען איינער אַליין איז געווען אומעטיק ביז גאָר און עס האָט זיך געוואָלט מיט עמעצן רעדן. און פונקט ווי עמעצער וואָלט געענטפערט אויף מיין וואונטש, האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ פרוי לעבן איר הויז. דאָס האָט זי אַרויסגעפירט איר הינטל טאָן זיין נייטיקע באַדערפעניש...

מיר זיינען געשטאַנען און געשמועסט וועגן אַמעריקע, וועגן ענגלאַנד און דער מלחמה. אירע דריי זין זיינען צעזייט און צע־שפּרייט: איינער אויפן איטאַליענישן פראָנט, דער צווייטער אין דער פלאָטע און דער דריטער ערגעץ אויפן פראַנצייזישן פראָנט. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט געדינט איר מאַן און צוריק־געקומען איז ער אַ פאַרקריפּלטער. אין דער צווייטער וועלט־מלחמה דינען אירע זין. אין הויז, האָט זי דערציילט, איז פוסט און שטיל אָן די זין. ווען זי פאַרבענקט זיך גאָר שטאַרק (און ווען בענקט זיך ניט אַ מאַמען נאָך אירע קינדער) נאָך די זין, נעמט זי אַרויס פון אַלמער זייערע בגדים, פּרעסט זיי אויס און האַלט זיי גרייט ביז זיי וועלן פילן אויף זיך מענטשלעך בלוט און פלייש...

אָבער ניט קוקנדיק אויף איר פּערזענלעכער טראַגעדיע, איז די פרוי געווען פול מיט האָפענונגען וועגן דער צוקונפט פון אירע דריי זין. זי האָט מיר געטרייסט, אַז די מלחמה וועט זיך אין גיכן ענדיקן און אויך איך וועל צוריקקומען אַהיים בשלום צו טאַטע־מאַמע.

*
**

אַ פֿליענדיקע באָמבע פֿון די דייטשן האָט חרוב געמאַכט אַן ענגליש הויז. ס'איז געבליבן — שטיל־לעבן: ציגל, האָלץ, שטיקלעך מעבל און איבער אַלץ — רויך פֿון אַ לעבן.

אַ מאַמע מיט פֿיר קליינע קינדער, ערשט געטויט, זיינען געלעגן אונטער ציגל. הרוגים לאָזט מען לאַנג ניט ליגן. ספּעציעלע רעטער־בריגאַדעס זיינען געקומען, אָפּגעוואָרפֿן די ציגל אין אַ זייט, געשלעפּט דורכגעלעכערטע ברעטער, און דורכגעבראָכן זיך אַ וועג דורך רויך צו די הרוגים.

עטלעכע זיינען מיר געשטאַנען גאָר נאָענט און באַטראַכט וואָס אַ פֿאַלנדיקע באָמבע האָט איבערגעלאָזט; געקוקט אויף די רעטערס וואָס האָבן שווער געאַרבעט, און מיר האָבן געטראַכט בשעת־מעשה, אַז אונדזערע עלטערן אין אַמעריקע ווייסן ניט פֿון אַזעלכע חורבות.

דער וואָס האָט אָנגעפֿירט מיט דער רעטונגס־בריגאַדע איז צו אונדז צוגעקומען. אַ הויכער, אַ דאַרער ענגלענדער מיט אַ פּאַר־שוואַרצט פּנים, האָט ער אָנגעוויזן אויף דאָס איבערגעבליבענע, וואָס איז אַ מאָל געווען אַ הויז, און האָט סאַרקאַסטיש אַרויסגערעדט:

— געטראָפֿן אין ציל היטלערס באָמבע. געווען אַ פֿיינע הויז, איבער צוויי הונדערט יאָר אַלט, איבערגעגאַנגען בירושה פֿון פֿאָטער צום זון.

מיר האָבן אים געגעבן פֿאַררייכערן. ער האָט באַדאַנקט און טיף אַריינגעצויגן דעם רויך פֿון אַמעריקאַנער פּאַפּיראָס.

— אין דער ערשטער וועלט־מלחמה — האָט ער געזאָגט — איז דאָס הויז ניט באַשעדיקט געוואָרן, גאַנץ פֿאַרבליבן ביז היטלערן. נאָך צוויי הונדערט יאָר איז פֿון איר גאָרניט פֿאַרבליבן.

— דאָס הויז האָט אייך געמוזט זיין גוט באַקאַנט — האָבן מיר געזאָגט — איר ווייסט אַלץ וועגן איר.

— ס'איז געווען מיין הויז — האָט ער געענטפֿערט — מיין ווייב און קינדער ליגן דאָרטן פֿאַרשאָטענע.

ער האָט זיך אָפּגעקערט פֿון אונדז און איז אַוועק צוריק צו דער אַרבעט.

ערגעץ אין ענגלאַנד, אויגוסט, 1944.

בעלגיע

טעג אין בעלגיע

מיר זיינען אַפּגעפאָרן אַ פּאָר מייל, זיך אָפּגעשטעלט אויפן וועג, און פון קינדער, וואָס זיינען צוגעלאָפן צו אונדזערע טראָקס, האָבן מיר אויסגעפונען, אַז מיר געפינען זיך אין בעלגיע.

גרויס און קליין האָבן אונדז אַרומגערינגלט. ס׳איז געווען אַ זונטיק אין דער פרי און אַלע זיינען געווען אָנגעטאָן יום־טובדיק. כאָטש מיר זיינען געווען אויסגעמאַטערט פון וועג, ניט ראַזירטע, מיט בלאָטע אויף די שטיוול, דאָך האָבן מיר אויך דערפילט דעם יום־טוב. דער טאָג האָט אונדז אויך צוגעשפּילט. די זון איז אַרויס, אַ וואַרעם טאָן און אַ שיין טאָן, פּונקט ווי זי וואָלט עס געטאָן לכבוד אונדז.

אונדזער קאָנוואָי איז געווען אויסגעמאַטערט און הונגעריק פון אַ לאַנגן וועג. אונדזער שלאָפן איז באַשטאַנען פון דרעמלען פון צייט צו צייט. די טראָקס האָבן זיך געשלעפּט און מיר האָבן געדרעמלט דורך דער נאַכט.

איצט האָבן מיר אויסגעגלייכט די ביינער, אויסגעצויגן די פיס, געגנאָסן פון דער זון און געזוכט עפּעס צו עסן.

אַ פרוי האָט געשיקט איר זון פאַרבעטן אונדז אין הויז אויף אַ גלאָז ביר. דער יינגל האָט גערעדט פלעמיש, אָבער איך האָב פאַרשטאַנען וואָס ער וויל, ווייל פלעמיש איז ענלעך אויף דייטש. מיר זיינען געגאַנגען מיטן יינגל. אין הויז איז געווען ליכטיק, ווייסע ווענט, דער דיל האָט געגלאַנצט, דער אויוון האָט זיך געשפּיגלט.

מיט אונדזערע פאַרבלאָטיקטע שטיוול האָבן מיר ניט געוואָלט טרעטן ווייטער אין הויז, אָבער די פרוי האָט אונדז פאַרזיכערט, אַז ס׳מאַכט ניט אויס, זי וועט אָפּוואַשן די בלאָטע. זי האָט געשטעלט גלעזער אויפן טיש, אָנגעפילט מיט ביר און מיר האָבן געטרונקען,

באַדאַנקט דער פרוי און געווען צופרידן פון דער פריינדשאַפט וואָס זיי האָבן אונדז אַרויסגעוויזן.

וואָס טיפער מיר זיינען געפאָרן אין בעלגיע, אַלץ היימישער האָבן מיר זיך געפילט. דער עולם האָט געפאָכעט מיט די הענט, געשמייכלט צו אונדז, געוואָרפן עפל אין די שנעל פאַרבייפאָרנדיקע טראַקס. וואו נאָר מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, איז גלייך געוואָרן אַ הו־האַ, מען האָט אונדז אַרומגערינגלט, געפּרואווט ריידן אַ צע־בראָכענעם ענגליש, פראַנצייזיש, דייטש, פלעמיש.

מער פון אַלעמען האָבן די בעלגישע קינדער גערעדט דייטש. קיין וואונדער איז עס ניט. זיי האָבן שוין עטלעכע יאָר געלעבט אונטער דייטשישער אָקופּאַציע און ס'איז ניט מער ווי נאַטירלעך פאַר קינדער אַרומצודרייען זיך אַרום סאָלדאַטן און אויפצוכאַפּן דאָס לשון.

אַזוי ווי שטעט אין אַנדערע לענדער, האָבן אויך די בעלגישע שטעט געליטן פון באָמבעס און עראָפּלאַנען. חרובע הייזער, גע־ביידעס, געשעפטן — פאַר אונדז איז עס ניט געווען קיין נייע זאַך. שוין געזען אַזוינס פריער אין פראַנקרייך.

בעלגיע, אַזוי ווי האָלאַנד, איז אַ ריין, ציכטיק מלוכהלע. דאָס האָבן מיר געזען אין די גאַסן וואו באָמבעס זיינען ניט געפאַלן און קוילן האָבן ניט דערגרייכט. ניט קוקנדיק אויפן קריג, האָבן די בעלגיער אָנגעהאַלטן זייער שטייגער לעבן ווי פאַר דער מלחמה, גערייניקט, געקערט די גאַסן און ניט געלאָזט פאַלן קיין שמוץ.

מיט יאָרן שפּעטער, ווען עמעצער וועט פרעגן ביי מיר, וואָס איך געדענק וועגן בעלגיע, וועט דער ענטפער זיין: די בעלגישע וועלדער. ניט אַלץ באַמערקט מען און ניט אַלץ קען מען זען פאָרנ־דיק אין אַן אַרמיי־טראַק, אָבער די וועלדער האָב איך געזען, נאָכגע־קוקט און באַוואונדערט.

לאַנג אָבער באַוואונדערן וועלדער איז ניט אויסגעקומען. עס איז געוואָרן שפּעט און מיר האָבן נאָך לאַנגע מיילן געדאַרפט פאָרן דורך בעלגיע קיין האָלאַנד. די טראַקס האָבן זיך גערירט. וואָלקנס האָבן זיך באַוויזן אויפן הימל. אַ רעגן האָט גענומען גיסן. ס'איז געוואָרן קעלטער און אַ ווינט האָט געפּאַטשט די טראַקס.

אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר זיך געשלעפּט דורך בעלגיע. צו

שנעל פאָרן האָט מען ניט געקענט, ווייל אויף אַלע וועגן האָבן זיך געצויגן לאַנגע רייען טראָקס, טאַנקען, דזשיפּס, אַמבולאַנסן — אַמעריקאַנער, פראַנצייזישע און בריטישע.

ביי נאַכט האָבן מיר פאַרלוירן דעם וועג.

ענדלעך האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט ערגעץ אין אַ העק לעבן אַ קאַפע. דעם אָפיציר איז געווען פונקט אַזוי קאַלעמוטנע אויפן האַרצן ווי אונדז.

— לאָמיר אַריינגיין אינעווייניק אַנוואַרעמען זיך און טרינקען אַ גלעזל טיי אָדער קאַווע — האָט ער אונדז געזאָגט.

מיר זיינען אַראָפּגעשפּרונגען פון טראָק און אַריין אין קאַפע. דאָרטן איז געווען וואַרעם און אָנגענעם. מיר האָבן באַשטעלט טיי, זיך אַרומגעוואַשן מיט קאַלט וואַסער און זיך געפילט בעסער. דער רעגן האָט נאָך אָנגעהאַלטן. ניט ווילנדיק האָבן מיר פאַרלאָזט דעם וואַרעמען פּלאַץ, געקראָכן אין טראָק און ווייטער געפאָרן.

שפּעט ביי נאַכט זיינען מיר אָנגעקומען צום ריכטיקן פּלאַץ. אויף אַ פעלד האָבן מיר איבערגענעכטיקט אין טראָק.

אויף מאָרגן האָט אונדזער קאָנוואָי פאַרלאָזט דאָס פעלד, אָבער איך און נאָך איינער זיינען ניט מיטגעפאָרן. מיר זיינען פאַרבליבן אין בעלגיע. עטלעכע טראָקס מיט אַ דזשיפּ האָבן זיך צעבראָכן און עמעצער האָט געמוזט פאַרבלייבן און היטן זיי. האָט מען אונדזביידן אויסגעקליבן.

איך און דער חבר מיינער האָבן ניט געוואוסט, צי מיר זאָלן זיך פרייען אָדער ניט. אונדז האָט זיך שטאַרק געוואָלט מיטפאָרן מיטן קאָנוואָי קיין האָלאַנד, אָבער אין דער זעלביקער צייט האָבן מיר אויך געוואָלט פאַרבלייבן אַ ביסל לענגער אין בעלגיע.

מען האָט איבערגעלאָזט פאַר אונדז ביידן עסן און מיר האָבן זיך איינגעאָרדענט אין טראָק. לעבן פעלד איז געשטאַנען אַ גרויסער שפּיטאָל פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי. אַ פּאָר מייל פון אונדז איז געלעגן אַ פאַרשלאָפן שטעטל. לעבן וועג, וואו עס האָבן זיך געצויגן קאָנוואָיס, איז אויף אַ זייט געלעגן אַ גרויסער דייטשישער טאַנק, צע־בויגן און פאַרברענט.

אַ ביסל ווייטער זיינען געשטאַנען עטלעכע שטאָלן מיט אַן אַרומגעצאַמטן פאַרקאַן פון דראָט און אַרום דעם טראַנשייען. אין

איין עק פעלד האָבן מיר געזען אַ וואַלד, וואָס איז געשטאַנען ווי אַ שומר און געהיט אַלץ אַרום.

מיר האָבן פונאַנדערגעלייגט אַ פייער, געעפנט די בלעכענע קעסטלעך מיט עסנוואַרג, אויפגעקאָכט זופּ און קאַווע און זיצנדיק אויף די קעסטלעך, האָבן מיר געגעסן פּאַמעלעך, געשמועסט וועגן דער מלחמה און געררייכערט.

ביי טאָג האָבן מיר געהאַט געסט. צוויי פרויען, אַן עלטערע און אַ יינגערע, זיינען צוגעקומען, פאַרגעשטעלט זיך און מיר האָבן פאַרפירט אַ שמועס. גערעדט האָבן זיי דייטש, פלעמיש און פראַנ־צייזיש. מיט די עטלעכע ענגלישע ווערטער, וואָס זיי האָבן אויפ־געכאַפּט פון די אַמעריקאַנער און ענגלישע סאָלדאַטן, האָבן מיר זיך פאַרשטענדיקט.

מיר האָבן זיי געבעטן זיצן, מכבד געווען מיט אַמעריקאַנער קאַווע און קענדי און זיי האָבן אונדז דערציילט וועגן זיך. די יינ־גערע פרוי האָט געשוועבגערט. איר מאַן איז געווען אין דער אונ־טערערדישער באַוועגונג, אין דער בעלגישער „ווייסער אַרמיי", וואָס האָט געקעמפט קעגן די נאַציס און פיל אַרויסגעהאָלפן די אַליאירטע אַרמייען אין בעלגיע. די עלטערע פרוי איז געווען איר שוויגער.

די דייטשן — האָבן די פרויען דערציילט — איידער זיי זיי־נען אַוועק פון זייער שטעטל, האָבן אַלץ צוגענומען ביי דער באַ־פעלקערונג. דאָס שטעטל האָבן זיי חרוב געמאַכט, אַלץ פאַרברענט און אַוועקגעלאָזט מיט פייער. פּופּציק בעלגיער האָבן די דייטשן אַריינגעוואָרפן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, וואָס האָט זיך געפונען לעבן אונדז, דאָרט וואו עס זיינען געשטאַנען די עטלעכע שטאַלן מיטן אַרומגעצאַמטן דראָט. שפּעטער האָבן די דייטשישע מערדערס געצוואונגען די בעלגיער צו גראָבן אַ מאַסן־קבר און אַלע פופציק אַרעסטירטע בעלגיער האָבן זיי דערשאָסן און אַריינגעוואָרפן אין גרוב. אַזעלכע געשיכטעס פון דייטשישער בעסטיאַליטעט האָבן מיר שוין פריער געהערט.

אָט אַזוי זיינען מיר, איך און מיין חבר, געזעסן און געשמועסט מיט די צוויי בעלגישע פרויען. נאָך דעם, איידער זיי זיינען אַוועק, האָבן מיר זיי געגעבן שפּייז, אַמעריקאַנער פּאַפּיראָסן, קענדי און

קאַווע. זיי האָבן אונדז אָנגעדאַנקט אַ פולן קאָפּ און צוגעזאָגט אויף מאָרגן ברענגען אונדז פרישע ברויט און טאָמאַטן.

זיי האָבן געהאַלטן וואָרט. אויף מאָרגן האָבן זיי אונדז געבראַכט אַ לאַבן ברויט, טאָמאַטן און עפּל. קיין געלט האָבן זיי ניט געוואָלט נעמען. האָבן מיר זיי ווייטער געגעבן עסנוואַרג. „די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן זיינען גוטע", האָט די יינגערע געזאָגט און שטאַרק געדאַנקט. יעדן אין דער פרי פלעגן זיי צו אונדז קומען, ברענגען ברויט מיט פרוכט, טרינקען אונדזער קאַווע און שמועסן.

צייט האָבן מיר געהאַט גענוג. מיר האָבן באַזוכט דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער וואו די דייטשן האָבן געהאַלטן די בעלגישע קרבנות איידער מען האָט זיי דערשאָסן. אין די שטאַלן, וואו מען האָט געהאַלטן די אומגליקלעכע, האָבן זיך געוואַלגערט דייטשישע צייטונגען, צעריסענע ביכער און שטיקלעך פון בריוו.

קינדער האָבן אונדז באַזוכט און יונגע יינגלעך. איינער וואָס איז אַלט געווען ניט מער ווי אַ יאָר 17־18, האָט דערציילט, אַז ער האָט געקעמפט אין דער „ווייסער אַרמיי" קעגן די נאַציס. אין די וועלדער האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן טאָג און נאַכט, אַטאַקירט גרופּעס דייטשישע סאָלדאַטן, אויפגעריסן נאַצישע טראָקס מיט אַמוניציע און אַרויסגעהאָלפן די אַמעריקאַנער און ענגלישע סאָלדאַטן.

אויפן צווייטן טאָג זיינען מיר אַוועק עסן אין שפּיטאָל. מיר זיינען אַריין אין אַ גרויסן געצעלט, וואו עס זיינען געשטאַנען טישן מיט בענק. מיר האָבן זיך געזעצט עסן און דערזען אַנטקעגן אונדז ביים טיש זיצן צוויי דייטשישע סאָלדאַטן אין מונדירן. מיר האָבן געקוקט און געקוקט אויף זיי. נעכטן געווען שונאים און היינט עסט מען ביים זעלביקן טיש!

אַרויסגייענדיק פון געצעלט, האָב איך אָפּגעשטעלט אַ „מעדיק" (אַ סאָלדאַט וואָס גייט אַרום קראַנקע און פאַרוואונדעטע) און געפרעגט ביי אים וועגן די צוויי דייטשן.

— דאָס זיינען אויך מעדיקס, — האָט ער געענטפערט. — מיר האָבן דאָ דייטשישע פאַרוואונדעטע. ווען די דייטשן האָבן זיך פון דאַנען צוריקגעצויגן, האָבן זיי איבערגעלאָזט זייערע פאַרוואונדעטע מיט אייגענע מעדיקס.

אונדז האָט דאָס שטאַרק אינטערעסירט.

— מיר זיינען שוין צוגעוואוינט צו זיי, — האָט ער געזאָגט.

ער, דער „מעדיק" איז געווען אַ ייד — זיי טוען זייער מעדיצינישע אַרבעט שטום און פירן זיך אויף גוט. די פאַרוואונדעטע זייערע פירן זיך אָבער אויף ניט גוט. זיי פאַרלאַנגען צו פיל און קוקן אויף אונדז פון אויבן אַראָפּ. איינער, אַ לייטענאַנט, איז ניט מער ווי 16 יאָר אַלט; ער איז שוין איין מאָל אַ היטלער־יונג. יידן האָט ער פיינט און ער איז איבערצייגט, אַז זיי וועלן נאָך באַזיגן די „עלאַיס", און דער „פירער" ווייסט וואָס ער טוט.

אין דער פרי, זיינען מיר געשטאַנען לעבן טראָק און באַוואונ־דערט דעם שיינעם הימל.

פלוצעם האָבן מיר דערהערט דעם מאָטאָר פון אַן עראָפּלאַן און דאָס שיסן פון אַ מאַשינביקס. בליץ־שנעל האָט אַ דייטשישער עראָפּ־לאַן דורכגעשניטן די לופט איבער אונדז. מיר האָבן אַפילו קיין צייט ניט געהאַט אַנידערצופאַלן אויף דער ערד. מיר האָבן ניט דער־וואַרט, אַז אַ דייטשישער עראָפּלאַן זאָל פאַרקריכן לעבן אַ שפּי־טאָל.

אין אָוונט זיינען מיר צוגעגאַנגען אין שפּיטאָל נעמען אַ „סטאַרס ענד סטרייפּס" (די אַרמיי צייטונג), און צוהערן זיך צו די לעצטע נייס. דאָרטן האָבן מיר זיך ערשט דערוואוסט מער וועגן דייטשישן עראָפּלאַן.

דער דייטשישער פּילאָט האָט אָפּגעשטעלט דעם מאָטאָר, אַריינ־געגליטשט זיך איבערן אַמעריקאַנער שפּיטאָל און אַן עפן געטאָן די מאַשינביקס. די קוילן האָבן געטראָפן עטלעכע פאַרוואונדעטע און אַ קראַנקן־שוועסטער. זי האָט פאַרלוירן אַ האַנט.

זיכער האָט דער שונא געזען די גרויסע רויטע צלמים אויף די געצעלטן. זיכער האָט ער געוואוסט, אַז דאָס איז אַן אַמעריקאַנער שפּיטאָל. פאַר וואָס האָט ער געשאָסן? מיר, אַמעריקאַנער האָבן דייטשישע שפּיטאָלן ניט באַפאַלן. מיר האָבן זייערע קראַנקן־שוועס־טער ניט פאַרוואונדעט.

***

פינף טעג האָבן מיר אַזוי געהיט די טראָקס. עס איז געווען אומעטיקלעך אַליין זיין אויפן וועג. אויפן זעקסטן טאָג זיינען גע־קומען סאָלדאַטן־מעכאַניקער, פאַרריכט די טראָקס מיט די דזשיפּס און מיר האָבן זיך פאַרנומען קיין האָלאַנד.

ערגעץ אין בעלגיע, סעפּטעמבער, 1944.

האָלאנד

צווישן האָלענדער און דייטשן

דאָ וואו מיר געפינען זיך, ערגעץ אין האָלאַנד, זיינען קיין „שאַוערס" ניטאָ. ווילן מיר הייסע וואַסער, דאַרף מען אַליין מאַכן אַ פייער און אָנוואַרעמען וואַסער וויפל עס לאָזט זיך. מיר וואַשן זיך אין אונדזערע העלעמס. ניט אין גאַנצן, נאָר אַ טייל פון קערפּער: דאָס פּנים, די פיס, דעם האַלדז. אין דעם זעלביקן העלעם וואַשן מיר אויך אונדזערע וועש: שקאַרפּעטקעס, נאָזטיכלעך און הייזקעס.

לעצטנס פירט מען אונדז עטלעכע מאָל אַ וואָך אין שטאָט אַריין צו נעמען „שאַוערס". אַזוי ווי מיר געפינען זיך אין אַ בריטישן סעקטאָר, זיינען די ענגלישע סאָלדאָטן די באַלעבאַטים איבער די דאָזיקע „שאַוערס", וואָס מען האָט אָפּגעדונגען ביי די האָלענדער. דאָרטן קריגן מיר ניט נאָר הייסע וואַסער, נאָר אויך אונטערוועש. די שמוציקע שקאַרפּעטקעס, העמדלעך, האַנטעכער און הייזקעס גיבן מיר זיי אָפּ און מיר באַקומען ריינע, כאָטש ניט קיין נייע אונ־טערוועש. ס'איז אַ מחיה אָנצוטאָן ריינע אונטערוועש, אַרויסקריכנ־דיק אַ ריינער און אַן אויסגעצוואָגענער פון אַ הייסן שפּריץ.

עס בענקט זיך אונדז נאָך היימישע וואַנעס און „שאַוערס". און מיר זאָגן איינע צו די אַנדערע: ווען מיר וועלן אַמאָל אַהיים קומען, וועלן מיר אַ גאַנצע וואָך צייט ליגן אין וואַנע אין הייסע, זייפיקע וואַסער און בריען זיך.

***

עס זיינען ניטאָ קיין גוטע דייטשן. אַלע דייטשן זיינען בייזע חיות, וואָס שפּאַנען אַרום אויף צוויי פיס מיט אַ בייטש אין איין האַנט און אַ רעוואָלווער אין דער צווייטער. ווען זיי האָבן געווער אין האַנט און די מאַכט ביי זיך אין פויסט, זיינען זיי העלדן. נעמט אָבער ביי זיי צו דעם רעוואָלווער און די ביקס, זיינען זיי פּחדנים.

אָט דערציילט מיר, שוואַרץ, מיין חבר:

זיי האָבן גענומען געפאַנגען אַ גרופּע דייטשישע סאָלדאָטן.

דאָס געווער האָבן אונדזערע פּאַראַשוטיסטן, פאַרשטייט זיך, צוגע־נומען ביי די „אייבערהאַרן". ער, שוואַרץ, האָט זיי באַוואַכט מיט אַ „טאָמי־גאַן". וואָס האָט געקענט טראַכטן אָט דער יידישער סאָל־דאַט יענעם מאָמענט?

— איך האָב זיי געוואָלט אַלע ביז איינעם אויסשיסן — זאָגט ער צו מיר אין זיין אונגאַרישן יידיש — די נאַצי־העלדן זיינען איצט קיין העלדן ניט געווען. מיין גאַנצן כעס און ביטערקייט האָב איך געוואָלט אויסלאָזן אויף זייערע קעפּ. עס ליגן מיר נאָך גוט אין די ביינער די מעשים־טובים וואָס די פאַשיסטן (נאַציס אָדער פאַ־שיסטן — איין שוואַרץ־יאַר) האָבן אָפּגעטאָן ביי אונדז אין אונגאַרן. איך פלעג זיך צוקוקן ווי די פאַשיסטישע באַנדעס האָבן געוואָרפן יידן פון די באַנען; ווי זיי האָבן גערישן יידישע בערד; ווי זיי האָבן געשאָסן שוואַנגערע יידישע פרויען אין די בייכער. איך געדענק דאָס אַלץ.

— און דו ווייסט וואָס איך האָב געזאָגט צו די געפאַנגענע הינטישע זין? „יודע!"—האָב איך אָנגעוויזן אויף זיך. די דייטשישע „אייבערהאַרן", היטלערס „באָיעס", האָבן זיך איבערגעקוקט און געגעבן אַ טראָט אויף צוריק. די פאַרב אויף זייערע פּנימער האָט זיך געביטן. האָבן זיי געמיינט אַז איך, דער ייד, וועל זיי דערשיסן? ווייל דאָס זעלבע וואָלטן זיי דאָך געטאָן מיט מיר, ווען זיי נעמען מיך געפאַנגען. אין אונדזער אַמעריקאַנער אַרמיי שיסט מען אָבער ניט קיין געפאַנגענע.

***

איבערן וועג איז נאָך פאַרבליבן אַ ווייסע פאָן. די דייטשן וואָס וואוינען אין דעם גרויסן הויז האָבן די פאָן אַרויסגעשטעלט לעבן טיר, ווען מיר האָבן פאַרנומען דאָס שטעטל. ס'איז ניט קיין פאָן, נאָר אַ שטיקל ווייסע טוך אָדער אַ ציכל. שטייט די פאָן אַזוי פאַר־יתומט און אונדזערע סאָלדאַטן דערמאָנט עס, אַז אויך דייטשן גיבן זיך אונטער.

***

די האָלענדער זיינען זייער פריינדלעך צו אונדז. זיי ווייסן ניט וואָס צו טאָן מיט אונדז. ניט ווייט פון דאַנען געפינט זיך אונדזער אַמוניציע־סקלאַד. לעבן סקלאַד וואוינט אַ האָלענדישע משפּחה. יעדער מאָל, ביי טאָג צי ביי נאַכט, ווען מיר לאָדן קוילן, גראַנאַטן און

מאַרטאַר־שעלס, טראָגן זיי אונדז צו עפּל און הייסע מילך אין אַ קרוג. אַזעלכע קלייניקייטן לאָזן זיך ניט פאַרגעסן. די פריינדשאַפט וואָס עס ווייזן אונדז אַרויס די האָלענדער איבערשטייגט אַלע אונדזערע דערוואַרטונגען.

***

מיר שטייען איצט איין אין אַ גרויסן האָטעל. די באַלעבאַטים זיינען דייטשן און זיי פאַרנעמען עטלעכע צימערן. מיר באַוואוינען די איבעריקע צימערן פון האָטעל. די דייטשן זיינען אונטער פאַר־דאַכט, אַז זיי שטייען אין פאַרבינדונג מיטן שונא, וואָס געפינט זיך איבערן וואַסער. עטלעכע מאָל האָט מען שוין דעם באַלעבאָס מיט זיין ווייב אַרעסטירט.

די דייטשן אין שטעטל געטרויט מען ניט. פון די הייזער טאָרן זיי אַליין ניט אַרויסגיין. זיי מוזן בעטן אַ דערלויבעניש ביי אונדזערע אָפיצירן און אונדזערער אַ סאָלדאַט מוז מיט זיי מיטגיין.

דער באַלעבאָס האָט עטלעכע דערוואַקסענע טעכטער און יינגערע קינדער. איין טאָכטער, אַ בלאָנד, שיין ווייבל, איז געווען פאַרהייראַט צו אַ דייטשישן אָפיציר, וואָס איז אַנטלאָפן מיט דער דייטשישער אַרמיי ווען אונדזער אַמעריקאַנער אַרמיי איז אָנגעקומען אין שטעטל. דאָס ווייבל מיט אַ קינד האָט ער איבערגעלאָזט ביי אירע עלטערן. די אַנדערע קינדער דרייען זיך אַרום אַרום אונדז. זיי ווילט זיך זיין פריינדלעך און חברן זיך מיט אונדז. אָבער מען האָט אונדז שטרענג פאַרבאָטן צו האָבן וועלכע עס איז באַציאונגען מיט די דייטשן, סיידן עס איז אַבסאָלוט נייטיק. אָפּט, ווען סאָלדאַטן שטייען אין הויף און רעדן צווישן זיך אין אַ גרופּע, קומען צו די קינדער, קוקן, הערן און מען קען דערקענען נאָך זייערע פּנימער, אַז זיי ווילט זיך פריינדלען מיט אונדז. וועלכע קינדער האָבן דאָס ניט ליב סאָלדאַטן, דערצו נאָך פּאַראַשוטיסטן!

אַז די דאָזיקע דייטשן זיינען נאַציס, ווייסן מיר דאָך. און אַז זיי האָבן פיינט יידן, ווייסן מיר אויך. די אויפשריפט אויפן טירביים אַריינגאַנג צום האָטעל זאָגט עדות אויף דעם: „פאַר יידן פאַרבאָטן״ — דאָס הייסט, איידער מיר אַמעריקאַנער זיינען אַהער געקומען. די אויפשריפט האָט מיין חבר שוואַרץ אַראָפּגעריסן און איצט שטייען דאָ אין יידישע סאָלדאַטן.

שוין אַ וואָך צייט, אַז די טעכטער וואַשן פאַר אונדז וועש און

פרעסן אונדזערע קליידער. קיין געלט גיבן מיר זיי ניט, נאָר עסנ־וואַרג. דאָס וואָס עס בלייבט איבער אין קיך נאָך אונדזער עסן טראָגט מען אַריין צו זיי. יעדער מאָל ווען איך זע ווי אונדזערע קאָרמענען זיי, ברענט אין מיר דער כּעס. איך וואָלט זיי ניט געקאָר־מעט, גאָרניט געגעבן. עס איז אָבער אַן „אָרדער" פון אונדזער „קאָ־מענדינג אָפיסער", און מיר מוזן פאָלגן.

***

זיך ערשט דערוואוסט, אַז מ. איז געפאַלן אין שלאַכט. מיר זיינען ניט געווען חברים, אָבער מיר האָבן זיך געקענט נאָך פון ענגלאַנד. מ. איז אַ פילאַדעלפיער. דאָרטן האָט ער איבערגעלאָזט אַ יונג ווייבל מיט אַ קינד וואָס ער האָט קיין מאָל ניט געזען. זיין טעכטערל איז געבוירן געוואָרן שוין נאָך זיין אָפּפאָרן איבערן ים. ער האָט מיר, זייענדיק אין ענגלאַנד, געוויזן אַ בילד פון מוטער און קינד און זיך געגרייסט, ווי אַלע טאַטעס.

עס איז שווער צו גלייבן, אַז מ. איז מער ניטאָ צווישן אונדז, די לעבעדיק געבליבענע אַמעריקאַנער סאָלדאַטן. עס איז שווער צו גלייבן. נעכטן געווען, און היינט ניטאָ. דאָס איז דאָך דאָס שווערסטע וואָס אַ סאָלדאַט לעבט איבער, ווען ער דערוויסט זיך, אַז זיינער אַ חבר אָדער באַקאַנטער איז געפאַלן אין שלאַכט.

פון סיציליע ביז האָלאַנד ציט זיך אַ ריי קברים פון געפאַלענע. אויף פרעמדער ערד, איבער איראָפּע, זיינען זיי פאַרבליבן ליגן, ווייט פון דער היים, צווישן פרעמדע פעלקער.

נאָך אַזאַ טרויעריקער בשורה דערפילט מען זיך אַן עלנטער. ניט אַלע וואָס זיינען אַהער געקומען יענעם מאַי פון 1943 האָבן באַוויזן נאָכצוגיין מיט אונדז. מען איז געפאַלן, ווער אין סיציליע, ווער אין איטאַליע, ווער אין האָלאַנד. און דער וועג איז נאָך אַזאַ לאַנגער...

איך טראַכט וועגן דער טעלעגראַמע וואָס דער קריגס־דעפּאַרט־מענט וועט שיקן צו אים אַהיים. דאָס יונגע ווייבל, מיטן קינד אויף די הענט, וועט מיט אַ טיפן ציטער אין האַרצן די טעלעגראַמע עפע־נען און לייענען:

„עס טוט אונדז לייד אייך צו אינפאָרמירן — — —"

ערגעץ אין האָלאַנד, אָקטאָבער, 1944.

מיין חבר שמואל שוואַרץ

האָלאַנד, אָקטאָבער 12, 1944.

פון ניו־יאָרק ביז האָלאַנד איז אַ ווייטער מהלך. און אַ מאָל איז דער שפּרונג אַ גאַנץ קלײנער.

אָט זיץ איך גאָר דאָ מיט אַ חבר און מיר ריידן יידיש; דער חבר, שמואל שוואַרץ, רעדט אַן אונגאַרישן יידיש, און איך — אַ ליטווישן. צוויי יידישע פּאַראַשוטיסטן זיינען מיר אין אַנקל סעמס אַרמיי.

אַן אינטערעסאַנטער בחור איז שמואל שוואַרץ (5 פוס 7 אינטשעס די הייך און וועגט 170 פונט). כאָטש מיר דינען ביידע אין דעם זעלביקן רעגימענט, דאָך האָבן מיר זיך ביז איצט ניט געקענט. ער מיך האָט יע געקענט, איך אים — אָבער ניט. און דערמיט איז אויך פאַרבונדן אַ מעשה.

מיט כמעט אַ יאָר און אַ האַלב צוריק האָבן מיר זיך געפונען אין צפון־אַפריקע, אין פראַנצייזישער מאַראָקאָ. מיין טאַטע פלעגט מיר צושיקן יידישן צייטונגען און זשורנאַלן פון ניו־יאָרק. אָפט פּאַסירט אין דער אַרמיי, אַז מען נעמט צו אַ סאָלדאַט פון זיין קאָמפּאַניע אויף ספּעציעלער אַרבעט ערגעץ אַנדערשוואו אָדער מען טראַנספערירט אים אין גאַנצן אין אַן אַנדערן רעגימענט.

אויך מיך האָט מען טראַנספערירט און דאָס האָט געמיינט אַ נייער אַרמיי־אַדרעס פאַר מיר. ביז וואַנען איך האָב געלאָזט וויסן וועגן דעם מיינע עלטערן, פלעגן אָנקומען צייטונגען אויף מיין אַלטן אַדרעס. מיט צייטונגען גיט זיך די אַרמיי ניט אָפּ צו פיל, ווייל בריוו זיינען וויכטיקער פאַרן סאָלדאַט. צייטונגען פאַרנעמען צו פיל אָרט און זיי ווערן צעריסן, שלעפּנדיק זיך אַזש פון אַמעריקע אין ווייטע פרעמדע לענדער. אַ יידישער פּאַראַשוטיסט פון מיין קאָמפּאַניע, שמואל שוואַרץ, האָט די דאָזיקע צייטונגען מיינע געלייענט דאָרטן אין צפון־אַפריקע, צווישן אַראַבער, פליגן, היץ און שטויב. אויך פלעגן אויף מיין נאָמען אָנקומען בריוו

און פּעקלעך. אַנדערע האָט דער „מעיל־אָרדערלי”, סאָלדאַטסקער בריוו־טרעגער צוריקגעשיקט, אַנדערע זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען. שוואַרץ האָט געוואָלט שרייבן אַ יידיש בריוול צו מיינע עלטערן אַז מען האָט מיך טראַנספּערירט, אָבער עס איז געווען אין יולי, 1943, און די פּאַראַשוטיסטן האָבן זיך געגרייט צו שפּרינגען אויף סי־ציליע, און דער בריוו איז ניט געשריבן געוואָרן. מיין נאָמען אָבער האָט שוואַרץ ניט פאַרגעסן.

די צייט איז געלאָפן. אַ יאָר מיט אַ האַלב איז פאַרשוואונדן ערגעץ אין איטאַליע, סיציליע, ענגלאַנד, בעלגיע, ביז מיר זיינען פאַרקראָכן אַזש קיין האָלאַנד. דורך דער צייט האָט שוואַרץ געטאָן אַן אַנדערע אַרבעט אין רעגימענט, און איך — אַן אַנדערע. ניט אַלע מאָל האָבן מיר זיך געפונען אין דעם זעלביקן לאַגער, ווייל דער רעגימענט איז געווען צעטיילט. איצט זיינען מיר צוזאַמען, און ענדלעך האָט מיך שוואַרץ דעריאָגט.

מיט אַ וואָך צוריק האָבן מיר זיך באַקענט, און ער האָט מיר דערציילט וועגן צפון־אַפריקע. איצט זיינען מיר שטאַרק באַפריינ־דעט און מיר דוצן זיך, און מיר זיינען ביידע צופרידן איינער מיטן צווייטן. יידישע פּאַראַשוטיסטן זיינען דאָ ווייניק, מען קען זיי ציילן אויף די פינגער.

שוואַרץ איז אַ פרומער בחור, קען תנך און גמרא און האָט אַ וואַרעם יידיש האַרץ. איך בין אַ סאָציאַליסט און האָב מיין דער־ציאונג באַקומען אין די יידיש־וועלטלעכע שולן פון אַרבעטער־רינג. אָבער סיי איך און סיי ער בענקען שטאַרק נאָך יידישקייט; אין דער אַרמיי איז קיין יידיש לעבן ניטאָ. לעבט מען זיך אויס אין אַ פרעמדער סביבה צווישן אַלערליי נאַציאָנאַליטעטן און רעליגיעס. אָפט פאַרגעסט דער יידישער סאָלדאַט, אַז ער איז אַ ייד און פאַלט אונטער אונטער פרעמדע איינפלוסן.

דערפאַר פּאַסירט אָפט, אַז צוויי יידישע סאָלדאַטן טוליען זיך איינער צום צווייטן און איינער שעפּט פון צווייטן אַ ביסל יידישקייט. דאָס זעלביקע איז מיט מיר און שוואַרצן געשען.

דער אַמעריקאַנער זאָגט: „טרוטה איז סטרענדזשער דהען פיק־שאָן”; און ווי אמת דאָס איז — קענט איר זיך פאַרשטעלן אַ ישיבה־בחור, אַ קענער פון תלמוד, וואָס שפּרינגט פון עראָפּלאַנען, טראָגט אַ רעוואָלווער און זינגט אַלע מאָל אונטער אַ חסידישן ניגון?

צו מיין אייגענעם שפרינגען פון עראָפּלאַנען און „פּאַראַשו־טעווען", האָב איך זיך שוין אַ ביסל צוגעוואוינט. אויף שוואַרצן אָבער קוק איך נאָך אַלץ מיט וואונדער און „עפּעס גלייבט זיך ניט" — ווי פּאַרט זיך גמרא מיט פּאַראַשוטן, עראָפּלאַנען; תוספות — מיט רעוואָלווער; אַ בים־באַם ניגון — מיט פּאַראַשוט?

שמואל שוואַרץ איז 24 יאָר אַלט. ער איז געבאָרן געוואָרן אין ראַצפאַרד (אונגאַרן). דאָרטן האָט ער באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציאונג. דער טאַטע זיינער, ישעיה שוואַרץ, איז אַליין אַן אָרטאָדאָקסישער ייד מיט אַ באָרד און פּיאות און אַ תלמיד־חכם דערצו. דער פּאָטער זיינער האָט געוואָלט, אַז דער זון, שמואל, זאָל אָנקוקן דאָס הייליקע לאַנד ארץ ישראל און אין 1935—1936 האָט שמואל פאַרבראַכט אין ירושלים און אין תל־אביב. פון דאָרטן איז ער צוריקגעקומען קיין אונגאַרן.

דער טאַטע האָט דערנאָך פאַרלאָזט אונגאַרן און איז אַוועק־געפאָרן קיין אַמעריקע. אין 1939 האָט ער געשיקט נאָך זיין זון, און אין דער היים זיינען פאַרבליבן שמואלס מוטער און שוועסטער. וואו זיי געפינען זיך איצטער ווייס מען ניט. די גאַנצע צייט האָט שמואל געפּרואווט אויפזוכן זיי דורך אַ יידישער אָרגאַניזאַציע, אָבער עס איז אים ניט געלונגען צו באַקומען וועלכע עס איז ידיעות פון דאָרטן.

דער פּאָטער מיטן זון האָבן זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק. שמואל איז אַוועק אַרבעטן אין אַ שאַפּ און אין דער זעלביקער צייט האָט ער זיך אויך געלערנט אין אַ ישיבה.

אין 1942 איז ער אַוועק דינען אין דער אַרמיי. מען האָט אים צוגענומען אין דער אינפאַנטעריע. פון דאָרטן האָט ער זיך פריי־וויליק אָנגעשלאָסן אַלס פּאַראַשוטיסט אין פאָרט בענינג, דזשאָר־דזשיאַ.

נאָכן פאַרענדיקן די פּאַראַשוטיסטן־שול איז ער דאָרטן גע־וואָרן אַן אינסטרוקטאָר מיטן ראַנג פון אַ קאָרפּאָראַל. ער האָט גע־לערנט אַנדערע בחורים ווי צו לויפן, קייקלען זיך פון פּלאַטפאָרמעס, „דזשו־דזשיטסו" (אַ יאַפּאַנעזישער אופן פון ראַנגלען זיך), און אַנדערע נייטיקע לימודים. אַן אינסטרוקטאָר אין פּאַראַשוטיסטן־שול איז ניט פון די גרינגע זאַכן. דער לערער דאַרף זיין בעסער פון די תלמידים. ניט נאָר דאַרף ער קענען מער, נאָר אויך פיזיש

מוז ער זיי אין אַלץ איבערשטייגן. און שמואל שוואַרץ איז דאָס.

אין פּאָרט בענינג איז שמואל געווען אַלס אינסטרוקטאָר ביז אַפּריל, 1943. ער האָט מיר דערציילט אַן אינטערעסאַנטע זאַך וועגן דער צייט וואָס ער האָט זיך דאָרטן געפונען. אין פּאַראַשוטיסטן שול זיינען געווען עטלעכע יידישע אָפיצירן. קיין יידיש האָבן זיי ניט געקענט, און זיי האָט זיך שטאַרק געוואָלט קענען יידיש. האָט זיי שמואל געלערנט דעם יידישן אלף־בית. אָט דעם דאָזיקן שטריך שמואלס צו לערנען מיט אַנדערע יידישקייט האָט ער געירשנט פון זיין פאָטער, וועלכער האָט איינגעפלאַנצט אין אים אַ ליבע צו אָרטאָדאָקסיזם.

אין מיי, 1943, איז שמואל געקומען מיטן רעגימענט אין צפון־אַפריקע. פון דאָרטן האָט ער דורכגעמאַכט דעם וועג פון אַ פּאַראַ־שוטיסט איבער אייראָפּע: געשלאָגן זיך אין סיציליע, אויפן איטאַ־ליענישן פראָנט, געשפּרונגען דאָ, געשפּרונגען דאָרטן, און אַזוי ביז האָלאַנד, וואו מיר שלאָגן איצט די נאַציס. דאָס איז דער וועג פון אַמעריקאַנער פּאַראַשוטיסטן, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט ביז איצט.

ביים לעצטן שפּרונג אין ענגלאַנד האָט מיט שמואלן פּאַסירט אַזאַ זאַך: דער סאָלדאַט וואָס האָט געדאַרפט שפּרינגען פאַר אים, האָט זיך פאַרטשעפּעט אין טיר. האָט זיך שמואל אַרויפגעזעצט יענעם אויף דער פּלייצע און אים אַראָפּגעשטופּט. ווען די פּאַראַשוטן האָבן זיך געעפנט, האָט דער ווינט פאַרטשעפּעטביידע פּאַראַשוטן אַן אַ דריטן פּאַראַשוט.

די וואָס זיינען געווען אונטן אויפן פעלד זיינען געשטאַנען מיט אָפענע מיילער ווען זיי האָבן געזען ווי דריי פּאַראַשוטיסטן קייקלען זיך אַראָפּ צו דער ערד. שמואל, וואָס איז אַ דערפאַרענער שפּרינגער און האָט שוין הינטער זיך אַ 25 שפּרונגען, האָט ניט פאַרלאָרן דעם קאָפּ און אָפּגעטשעפּעט די פּאַראַשוטן, און אַלע דריי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט בשלום. אַזעלכע זאַכן פּאַסירן אָפט אין דעם לעבן פון אַ פּאַראַשוטיסט. נאָך דעם זיצט מען און מען דערציילט זיך איינע די אַנדערע פּאַסירונגען און עפּיזאָדן און מען שפּאַסט דערביי.

אין ענגלאַנד — דערציילט מיר שמואל — האָט ער זיך באַ־קענט מיט יידן און איז געווען אַן אָפטער אַריינגייער אין יידישע הייזער. מען האָט אים אויפגענומען ווי אַן אייגענעם זון; ער האָט

געגעסן און געשלאָפֿן צווישן יידן. מען האָט אים אַפּילו איינגעלאַדן אין אַ שול צו דאַוונען ביים עמוד, ער האָט זיך אָבער אָנטזאָגט.

מיט די ענגלישע יידן האָט ער געקנעלט יידישקייט. ביים עסן, למשל, האָט ער געוואָלט אַז מען זאָל טראָגן היטלען. און ער האָט זיינס אויסגעפירט. מיט דעם קול פון זיינע עלטער־זיידעס האָט ער זיי געמוסרט. איז עס ניט צום באַוואונדערן? זעט נאָר, אַ יידישער בחור, אַנגעטאָן אין דעם מונדיר פון אַן אַמעריקאַנער פּאַ־ראַשוטיסט, האָט געפאָדערט און אויסגעפירט, אַז מען זאָל אָפּהיטן אַן אַלטן יידישן מנהג צו עסן אין היטלען!

פון ענגלאַנד טוען מיר אַ שפּרונג קיין האָלאַנד. דעם 17טן סעפּטעמבער האָט זיך די וועלט דערוואוסט, אַז אַמעריקאַנער פּאַ־ראַשוטיסטן זיינען געשפּרונגען אויף האָלאַנד און דערפּאַלגרייך פאַר־כאַפּט וויכטיקע שטעט. שמואל איז אויך געשפּרונגען יענעם זונטיק ביי טאָג, ווען דער טאָג איז געווען אַ שיינער און די זון האָט געשיינט אויף האָלאַנד.

ער האָט בשלום דורכגעמאַכט די מיסיע. אַרבעט האָט ער גע־האַט איבער געגוג. אַחוץ שלאָגן זיך מיט די נאַציס, האָט ער גע־דאַרפט פון פעלד צונויפקלייבן די פּאַראַשוטן, וואָס זיינען געבליבן ליגן. קיין טראַקס זיינען ניט געווען, האָט ער צונויפגענומען אַ גרו־פּע האָלענדער און אויף זיין יידישן דייטש, ווי די אונגאַרישע יידן רעדן, האָט ער דערקלערט וואָס ער וויל און זיי האָבן אים פאַר־שטאַנען. זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזט מיט פערד און וועגענער. אונ־טער זיין אויפזיכט האָבן זיי צונויפגעקליבן אַלע פּאַראַשוטן.

אויך האָט ער צונויפגענומען די האָלענדער, געגעבן זיי גראַ־נאַטן, געוויזן ווי מען דאַרף זיי אַ וואַרף טאָן און געהייסן זיי אויפ־זוכן באַהאַלטענע דייטשן און האָלענדישע נאַציס, וואָס האָבן גע־שאָסן אויף אונדז פון באַהעלטענישן.

שפּרינגען פון אַן עראָפּלאַן איז ניט פון די גרינגע זאַכן. עס פאָדערט זיך מוט און קוראַזש, און מיר, יידישע בחורים, פאַר־מאָגן עס.

אַ בריוועלע דער מאַמען

טייערע מאַמע: —

איך ווייס גאַנץ גוט, אַז מיינע בריוו אַהיים זיינען אַפט האַרט און טרוקן, אַזוי ווי דאָס לעבן פון אַ סאָלדאַט.

אויב דער סאָלדאַט ווערט פאַרהאַרטעוועט אין דער אַרמיי, מיינט עס אָבער ניט, אַז ער האָט פאַרגעסן די היים, די עלטערן און אַלץ וואָס ער האָט איבערגעלאָזט הינטער זיך. די היים, דאָרט וואו מיר האָבן זיך אויסגעהאָדעוועט, ווערט פאַרנעפּלט פון דער וויטן, אָבער וואָס ווייטער מיר גייען אַוועק פון איר, אַלץ נענטער ווערט זי אונדז.

מיר דערמאָנען זיך אָן לאַנג פאַרגאַנגענע קלייניקייטן, אָן זאַכן וואָס האָבן פּאַסירט מיט יאָרן צוריק און מיר וואונדערן זיך ווי עס זיינען געלעגן ערגעץ פאַרשטעקט אין אַ באַהאַלטענעם ווינקל די אַלע יאָרן און דאָ, אין אַ פרעמד לאַנד, צווישן פרעמדע מענטשן, שווימט אַלץ אַרויף אויף דער אייבערפלאַך.

איך זאָג, אַז מיר האָבן די היים ניט פאַרגעסן. דאָס וואָס מיר עסן אין דער אַרמיי, ווי אַזוי מיר שלאָפן, די זאַכן וואָס מיר טראָגן — אַלץ ווערט פאַרגליכן מיט דער היים. ווען מיר פלעגן אַהיים קו־מען ביי נאַכט, איז דאָס בעט געווען גרייט צום שלאָפן, די פּאַדזשאַ־מעס זיינען געלעגן אויסגעפּרעסטע, די שטעקשיך פאַרטיקע.

דאָ אין דער אַרמיי, דערמאָן איך זיך אָן דיין געקעכץ, און איך עס זיך אויס דאָס האַרץ וואָס דעמאָלט (ווי לאַנג צוריק איז דאָס געווען?) בין איך געווען איבערקלייבעריש. דאָס איז מיר ניט געפעלן, דאָס האָב איך פיינט, דאָס איז צו זיס און דאָס איז צו זויער — אַזוי פלעג איך דעמאָלט טענהן.

עס דערמאָנט זיך ווי דו, מאַמע, פלעגסט מיינע העמדער פאַר־ריכטן, זיצן ביי דער ניימאַשין איבערגעבויגן און דיינע פינגער פלעגן גיך לויפן איבערן קאָלנער. און די העמדלעך האָסטו גע־

פרעסט און מיינע אונטערוועש און די זאָקן פאַרריכט און געזען אַז מיינע בגדים זאָלן זיין אין אָרדענונג.

און איך קען ניט פאַרגעסן ווי דו פלעגסט אויפשטיין פאַר פרי, שטילערהייט אָנטאָן זיך און אין רעגן און שניי לויפן אין מאַרק איינקויפן עסנוואַרג. און שפּעטער פלעגסטו אָנגרייטן אויפן טיש דאָס עסן. ווען איך פלעג אויפשטיין, איז שוין אַלץ געווען גע־גרייט. איך זע דיך ווי דו פלעגסט קאָכן און וואַשן און רייניקן. ביסט שטענדיק געווען פאַרנומען, טאָג און נאַכט. ווען פלעגסטו עסן? וואו האָסטו גענומען צייט פאַר זיך, און צייט אויף צו באַזוכן דיינע פאַרהייראַטע קינדער?

קינדער זיינען גענטער צו דער מאַמען ווי צום טאַטן. פאַר וואָס דאָס איז אַזוי זאָלן די פּסיכאָלאָגן דערקלערן. עס מיינט אָבער ניט, אַז טאַטעס זיינען די „פאַרגעסענע מענטשן", פאַרקערט, זיי שפּילן פּונקט אַזאַ גרויסע ראָלע אין לעבן פון אַ קינד ווי די מאַמעס. אָבער מיט אַ מאַמען קען אַ קינד זיין ווייך, צאַרט, דערציילן איר וואו דער שוך קוועטשט און אויסלאָדן זיך פאַר איר פון שווערע זאַכן.

מאָלן דעם סאָלדאַטס לעבן מיט שוואַרצע פאַרבן איז ניט נייטיק. איך בין זיכער אַז דו, מאַמע, לייענסט צווישן די שורות מיינע בריוו און דו ווייסט שוין וואָס איך זאָג און וואָס איך דערזאָג ניט. פון אַ מאַמען באַהאַלט מען גאָר ניט, זינגט זיך ערגעץ אין אַ ליד, אָבער דער סאָלדאַט וועט זיכער ניט וועלן שרייבן אַ בריוו אַהיים צו דער אייגענער מאַמען וועגן זיין שווער לעבן, וואַנדערנדיק פון לאַנד צו לאַנד, וואו געטאָגט, ניט גענעכטיקט, היינט דאָ, מאָרגן דאָרט.

דער מאַמען וועט ער דאָך ניט וועלן שווער מאַכן דאָס האַרץ. צו וואָס דערציילן איר וועגן שלעכטע און קאַלטע שפּייז? צו וואָס דערמאָנען דאָס שלאָפן אויף דער קאַלטער, האַרטער ערד, אין בלאָטע, אין אַ פוקסנלאָך, אונטער אַ טראָק אין אַ גוסרעגן, פריערן און טרייסלען זיך ביז עס ווערט טאָג? און דאַן וואַשן זיך (אויב עס איז פאַראַן וואַסער) אין העלעמס, און גאָלן זיך אין העלעם און ריי־ניקן די ציין — אַלץ אין העלעם.

ווי לאַנג איז שוין זינט איך בין געשלאָפן אין אַ ריינער, ווייכער, וואַרעמער בעט? צו לאַנג. שוין איבער דריי יאָר אין דער אַרמיי, אַ יאָר מיט אַ האַלב זינט איך האָב פאַרלאָזט אַמעריקע און ווי לאַנג

אײדער איך װעל זיך אומקערן אַהײם צו דיר, צום טאַטן, צו די אַנדערע?

אַ װײכע, רײנע בעט.

פֿון מײן אײגענער דערפֿאַרונג געדענק איך סיציליע. מיר איז אױסגעקומען איבערצונעכטיקן אין אַ גרױסער שטאָט. דער „רױ־טער קרײץ" האָט באַזאָרגט מיט אַ האָטעל די סאָלדאַטן, װאָס האָבן ניט געהאַט װאו צו שלאָפֿן. מען האָט מיר געגעבן אַ צימער מיט אַ בעט, אַ שטול, אַ האַנטפּאַס און אַ שפּיגל.

איך בין אַ װײל געשטאַנען, באַקוקט די זאַכן און זיך איבער־צײגט, אַז דאָס איז ניט קײן חלום. פֿריער שמוץ, קעלט, קאַלטע עסנס, שלאָפֿן אױף סיציליער ערד און איצט רײנקײט, הײסע װאַ־סער און — אַ שפּיגל! אַ לאַנגע צײט בין איך געזעסן בײ דעם אָפֿע־נעם פֿענצטער און אַרױסגעקוקט אױפֿן סקװער פֿון פּאַלערמאָ, דער נאָמען פֿון דער גרױסער שטאָט. שפּעט בײ נאַכט בין איך געגאַנגען שלאָפֿן. דאָס ערשטע מאָל אין אַ לאַנגער צײט האָב איך אױסגעטאָן די בגדים און זיך געלײגט אין בעט. אָבער שלאָפֿן האָב איך ניט געקענט. אױף אַלע זײטן האָב איך זיך געדרײט, געפּרואװט שלאָפֿן אױפֿן זײט, און אױפֿן בױך, און אױף דער פּלײצע, אָבער ניט געקענט. כ'האָב זיך פּשוט אָפּגעװאױנט פֿון אַ בעט. װי עס איז האָב איך דורכ־געשטופּט די נאַכט און פֿאַר טאָג בין איך אָפּגעפֿלױגן צו מײן רעגי־מענט, װאָס האָט זיך געפֿונען װײט פֿון פּאַלערמאָ.

מיר דוכט זיך, אַז אָפֿט פֿאַרגעסן די סאָלדאַטן, אַז פּונקט װי זײ בענקען אַהײם, בענקט מען אין דער הײם נאָך זײ אױך.

הײמװײ און בענקעניש איז אַן אַנגעװײטיקטער ענין פֿאַרן סאָלדאַט. פֿון אַלע מענטשן זײנען סאָלדאַטן די סענטימענטאַלסטע. מען באַשולדיקט דעם אַמעריקאַנער סאָלדאַט, אַז ער בענקט מער פֿון אַלעמען. די דײטשן האָבן עס אַפֿילו אױסגענוצט פֿאַר פּראָפּאַ־גאַנדע־צװעקן. זײ האָבן געלאָזט אָפּדרוקן טױזנטער ליפֿלעטס און געװאָרפֿן זײ אין אונדזערע רײען. אױפֿן ליפֿלעט איז געװען אױסגעע־מאָלט אַ בילד פֿון בראָדװעי און אַ פּאָרל אין געשטאַנען אַרומגע־נומען.

דאָס בענקען איז אָבער ניט קײן חסרון, נאָר אַ מעלה, װײל עס באַװײזט מענטשלעכקײט אינעם אַמעריקאַנער סאָלדאַט. דאָס איז דאָך דער אונטערשײד צװישן אונדז און זײ — די נאַציס.

טייערע מאַמע! איך פאַרגין דיר מיטן גאַנצן האַרצן דאָס שלאָפן אין אַ ריינער בעט, עסן ביי אַ געגרייטן טיש, טראָגן געפּרעסטע בגדים, וואוינען אין אַ וואַרעמער שטוב. איך פאַרגין דיר אַלץ, מאַ. דאָס איז דאָך אייגנטלעך דעמאָקראַטיע: אַז מענטשן זאָלן לעבן רואיק און זיין צופרידן מיט זייער גורל, און הנאה האָבן פון לעבן. פאַר דעם קעמף איך דאָך.

דו בענקסט נאָך מיר, מאַ? איך האָב געבענקט נאָך דיר דעם 28טן אַפּריל, 1943, ווען מיר זיינען צום לעצטן מאָל פאַרבייגעפאָרן די „סטאַטוע פון פרייהייט“ אין ניו־יאָרקער האַפן. איך האָב געבענקט נאָך דיר אויפן שיף, אויפן וויטן און ברייטן אַטלאַנטישן ים. איך האָב געבענקט נאָך דיר אין דער הייסער, טרוקענער צפון־אַפריקע, אויפן סיציליער אינדזל, אויפן אַנציאָ ים־ברעג אין איטאַליע, און אין דער פאַרנעפלטער ענגלאַנד.

איך האָב געבענקט נאָך דיר אין די באַנען, ווען מיר האָבן זיך געשלעפּט פון איין אָרט צום אַנדערן, אין די טראָקס, אין די עראָפּלאַנען פון וועלכע מיר זיינען געשפּרונגען קעמפן מיטן שונא, אין די שטעט און דערפער און אויף די ימען.

איך האָב געבענקט נאָך דיר דאַן, מאַ, און איך בענק נאָך דיר איצט, דאָ אין האָלאַנד. און די בענקעניש וועט אָנהאַלטן ביז נאָך דער מלחמה, ווען איך וועל אַהיים קומען צו דיר אַ ריינער, פיזיש און גייסטיק, וואָס דאָס איז דיין וואונטש.

ערגעץ אין האָלאַנד, 24טן אָקט., 1944.

פון טאָגבוך

עס טרעפט אַז מיר שטייען אויף אין אַ פרימאָרגן און עס דוכט זיך אונדז, אַז מיר געפינען זיך גאָר ניט אויפן פראָנט. אַרום איז שטיל. דער פרימאָרגן איז אַ ריינער און אַ זויבערער. נאָך אַ טומלדיקער נאַכט פון שיסערייען, עראָפּלאַנען און ניט־שלאָפן, פילט מען זיך ווי ניי געבוירן. אויב עס איז דאָ וואַסער, וואַשן מיר זיך און ראַזירן די פּאַרוואַקסענע פנימער און רייניקן אַפילו די ציין. און אויב דאָס עסן איז הייס און געשמאַק, איז אַוודאי גוט. נאָכן עסן פאַררייכערן מיר, אויב עס איז דאָ וואָס צו רייכערן (עטלעכע וואָכן האָבן מיר געריייכערט אָדער געפּרואווט רייכערן דייטשישע ציגאַרן, וואָס מיר האָבן געפונען ווען מיר האָבן פאַרכאַפּט אַ דייטשישע ווערהויז. די ציגאַרן האָבן געטויגט אין דער ערד און מיר האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן „שטריק״, ווייל אַזאַ טעם האָבן זיי געהאַט).

אין אַזעלכע שטילע פרימאָרגנס כאַפּן מיר אָפּ דעם אָטעם. עס איז אַ מין גייסטיקער אָפּרוען זיך. ביי נאַכט מוז מען וואַכן מיט אַלע חושים, מען איז נערוועז און די מוסקולן זיינען אָנגעצויגן ווי סטרונעס. פון שלאָפן איז שוין אָפּגערעדט. ניט אומזיסט זאָגן אונדזערע, אַז נאָך דער מלחמה, ווען מען וועט זיך צוריקקערן אַהיים, וועט מען טאָן דריי זאַכן: שלאָפן, שלאָפן און ווייטער שלאָפן...

⁂

נעכטן בין איך פאַרבייגעגאַנגען אַ גרויסן בוים. עס האָט זיך דערהערט דאָס אָנקומען פון אַ דייטשישער 88ער קויל. איך האָב געקניט ביז די קויל איז אַריבער און בין ווייטער געגאַנגען. איך האָב זיך געוואונדערט אויף זיך אַליין: האָב איך פאַרגעסן צו פאַלן, אָדער זיינען מיינע נערוון פּשוט שטאַרקער און ס'אַרט מיך שוין מער ניט וואָס עס פליט אין דער הייך? גיי ווייס...

***

אונדזערע עראָפּלאַנען און זייערע שלאַגן זיך אין דער לופטן. מיר רופן דאָס אָן: „דאָג פייטס“, הינטישע געשלעגן. די עראָפּלאַנען יאָגן זיך איינער נאָך דעם אַנדערן, קריכן אין דער הייך, אַרונטער, קייקלען זיך און דרייען זיך געשווינד און אָפט מאָל איז שווער נאָכ־צופאָלגן די פאַרכאַפּנדיקע „שפּיל“.

לויט דעם געבוי פון עראָפּלאַן, ווייסן מיר וועלכער עס איז אונדזערער און וועלכער דעם שונאס. מיר דערקענען זיי אַפילו לויט דעם רויש פון די מאָטאָרן. גענוג אָנגעזען און אָנגעהערט זיך עראָפּ־לאַנען: דייטשישע, איטאַליענישע, ענגלישע און אַנדערע.

ביי אַזעלכע קאַמפן לויפן מיר אַרויס, פאַרדרייסן די קעפ אין דער הייך, זשמורען די אויגן און מיט אָפענע מיילער פּרואוון מיר טרעפן ווער וועמען וועט דאַרטן אין די וואָלקנס באַזיגן. מיר זיינען מקנא די, וואָס האָבן שפּאַקטיוון. זיי זעען מער פון אונדז און גיבן איבער געשווינד וואָס דאַרטן טוט זיך.

מיט עטלעכע טעג צוריק האָט זיך אַ דייטשישער עראָפּלאַן אַרויסגעגנבעט פון צווישן די וואָלקנס, צוגעקומען נאָענט איבער אונדז און גענומען מיט מאַשינביקסן באַשיסן דעם וועג און אונדז מיט קוילן. מיר האָבן זיך אויף דעם ניט געריכט, ווייל עס איז געקומען אַזוי פּלוצלונג. געזאָלין־קאַנען האָבן די קוילן דורכגע־לעכערט אַזוי ווי אַ זיפּ. ווי דורך אַ נס האָבן די קוילן אונדזערע סאָלדאַטן ניט געטראָפן. מיר זיינען אַנידערגעפאַלן צו דער ערד ווי זאַנגען און איבערגעלעגן דעם טומל.

ביים אויפשטיין האָבן מיר דערזען ווי אונדזערער אַ פייטער־עראָפּלאַן האָט זיך אָנגערוקט פון אַן אַנדערער זייט גלייך אויפן שונא. יענער האָט עס ניט דערוואַרט. ער האָט זיך געפּרואווט אויסדרייען, אָבער דער אַמעריקאַנער איז געריטן אויף זיין עק. פּלוצלונג האָט דער דייטשישער עראָפּלאַן אַרויסגעלאָזט אַ שטיק רויך און זיך גענומען קייקלען אַראָפּ. דער אַמעריקאַנער האָט אים ענדלעך געפּאַקט און באַשאָסן מיט קוילן. דער דייטשישער פּילאָט איז אַרויס־געשפּרונגען פון זיין ברענענדיקן עראָפּלאַן. מיר האָבן דערזען אַ ווייסן פּאַראַשוט, וואָס האָט זיך געוויגט אין ווינט. דער נאַצישער עראָפּלאַן איז ערגעץ־וואו געפאַלן צו דער ערד. דעם קראַך האָבן

מיר ניט געהערט, נאָר געזען האָבן מיר אַ דיקן רויך מיט אַ רויטן פלאַם, און עס האָט אונדז באַנג געטאָן וואָס דער פּילאָט האָט זיך געראַטעוועט...

נאָך דער דאָזיקער מעשה, האָבן מיר די פוקסן־לעכער געגראָבן טיפער און אַרומגעלייגט מיט מער אַלטוואַרג: אייזנס, האָלץ, זעק מיט ערד. ווער ווייסט ווען אַ דייטשישער עראָפּלאַן וועט זיך באַווייזן און נעמען אונדז באַשיסן.

***

נעכטן האָב איך געטראָפן ק., דאָס ערשטע מאָל זינט מיר האָבן פאַרלאָזן ענגלאַנד. זיין קאָמפּאַניע האָט מען אַראָפּגענומען פון פראָנט און מען לאָזט זיי אָפּרוען זיך עטלעכע טעג אין אַ לאַ־גער לעבן אונדז.

זיין אויסזען האָט מיך שאָקירט. אין גאַנצן איז ער אַלט עטלעכע און צוואַנציק יאָר און זען זעט ער אויס פיל עלטער. ער איז אַלט געוואָרן אויפן פראָנט, מיט קנייטשן אויפן פּנים און אַ ביטערן שמייכל אַרום די ליפּן. זיין הילכיקן געלעכטער האָט ער אָבער ניט פאַרלאָרן.

דאָרטן אין ענגלאַנד איז ער געווען אַ יונג אַ ברען, קיין מאָל ניט געקענט איינזיצן אויף אַן אָרט, פלעגט פאַרברענגען, טרינקען און שפּילן קאָרטן. דאָ איז ער שטיל און צוריקגעהאַלטן און ווען ניט דער געלעכטער זיינער, וואָלט מען געקענט מיינען, אַז דאָס איז ניט ק., נאָר עמעצער אַנדערס.

איך האָב ק. גענומען צו זיך. מיר האָבן זיך געזעצט אין אַ ווינקל און ער האָט דערציילט וועגן פראָנט, וואו ער איז געווען. עטלעכע מאָל האָט ער שיר ניט פאַרלאָרן דאָס לעבן. „מסתמא איז נאָך ניט געקומען מיין צייט צו שטאַרבן", האָט ער אַ לאַך געטאָן. איין נאַכט האָבן זיי זיך געגרייט צו אַטאַקירן דעם שונא איבער אַ טייך. קריכן צו די דייטשן אין שיפלעך איז אַ געפערלעכע אַרבעט. איידער די אַטאַקע האָט זיך אָנגעהויבן, האָט דער קאָרנעל געזאָגט עטלעכע ווערטער צו די סאָלדאַטן. ער האָט זיי אָנגערופן „מיי באָיס" און טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן. ער האָט געוואוסט, אַז ניט אַלע וועלן צוריקקומען פון דער „רייזע".

אַ לאַנגע צייט נאָך ק׳ס אַוועקגיין, בין איך געזעסן איינער אַליין

אין מײַן װינקל און געטראַכט װעגן אים. מלחמה איז גרויזאַם, װײַל יונגע װערן אַלט און עס צעשטערט עפּעס אינעװײניק. מען איז ניט דער זעלביקער מענטש װאָס מען איז געװען אין דער הײם. דאָס װאָס מען מאַכט דורך אױפֿן פֿראָנט עסט זיך אײַן אין די בײנער און עס װעט פֿאַרבלײַבן אױף אײביק. װער װײסט עס בעסער װי איך? סיציליע, איטאַליע, האָלאַנד! אַהײם װעלן מיר קומען טראָגנדיק אױף זיך דעם עלטער.

ערגעץ אין האָלאַנד, אָקטאָבער, 1944.

פראנקרייך

מיר שלעפּן זיך איבער פראַנקרייך

אונדזער אַריינפאָר אין פראַנקרייך איז געווען אַ קאַלטער.

אין אונדזערע אַרמיי־טראַקס זיינען מיר געפאָרן דורך שטעט, שטעטלעך און דערפער מיט איינגעפאַלענע הייזער. פאַרביי אונדז זיינען געשווינד פאַרבייגעלאָפן גרינע פעלדער מיט ווייץ און קאָרן און קאַרטאָפל; סעדער מיט אַלערליי פרוכט: עפּל און באַרן און וויינ־טרויבן; בהמות, פערד און שעפּסן. די לאַנדשאַפט האָט שטאַרק דערמאָנט אָן דער אַמעריקאַנער היים. ווען ניט די שילדן מיט די פראַנצייזישע נעמען, וואָס האָבן געוויזן דעם וועג, וואָלט מען געקענט מיינען, אַז דאָס פאָרן מיר ערגעץ אין דער סאַוט אָדער וועסט אין די שטאַטן. פעלדער, גראָז אוןביימער וויסן ניט פון קיין גרענעצן.

דער קריג האָט אַ סך חרוב געמאַכט אין פראַנקרייך. באָמבעס און פייערן האָבן איבערגעלאָזט פאַרוויסטונג אויף שריט און טריט. מיר האָבן זיך שוין אַזוי פיל אָנגעזען אין אַנדערע לענדער חרובע שטעט און היימען, אַז זיי זיינען געוואָרן פאַר אונדז אַ טייל פון דער אַרומיקער לאַנדשאַפט. גרויסע לעכער, וואָס באָמבעס האָבן איבערגעלאָזט; פאַרשוואַרצטע הייזער פון רויך; גאַסן אויפגעריסענע, פול מיט שטיינער, ציגל, פענצטער אָן גלאָז, שטיקלעך פאַרבליבענע ווענט.

און איבער אַלץ איז געווען דער וואונדער פון „איבערבליי־בעניש". אַפילו באָמבעס האָבן ניט באַוויזן אַלץ צו צעשטערן. דורך אָפענע ווענט האָבן מיר אַריינגעקוקט אין הייזער און געזען: דאָ אַ טיש, דאָרט אַ בעט, אַ שטול אָדער בלומען אין אַ וואַזע — אַלץ זאַכן, וואָס באָמבעס האָבן ניט באַרירט.

עס איז געווען אַ טרייסט צו זען ווי דייטשישע געפאַנגענע, באַ־וואַכט פון ענגלישע סאָלדאַטן, האָבן געאַרבעט אַרום צעשטערטע הייזער און געשעפטן, אָפּגערייניקט פּלעצער, געשלעפּט שטיינער

און געפירט וועגענער. נעכטן זיינען זיי געווען די „אייבערהארן״, געהערשט מיט אן אייזערנער האנט, געריטן מיט זיכערקייט אין זאטל אויפן רוקן פון פראנצייזישן פאלק, און היינט האט זיך דאס רעדל איבערגעדרייט. יונגע און עלטערע נאציס, מאגערע און אפגעפרעסענע, שטרענגע און מילדע — אלע האבן זיי שווער גע־ארבעט, נעבעך. מיר זיינען פארבייגעפארן אזעלכע גרופעס פון דייטשישע געפאנגענע און אנגעקוקט איינע די אנדערע. וואס האבן זיי געטראכט קוקנדיק אויף אונדז און וויסנדיק, אז באלד וועלן מיר זיין אין זייער פאטערלאנד, כאטש זייער „פירער״ האט זיי פאר־זיכערט, אז אויף דייטשישער ערד וועט מען זיך ניט שלאגן. אונדזערע האבן זיי נאכגעווארפן שטעכווערטלעך און אנדערע האבן אפגע־חוזקט פון זייער „העיל היטלער״ סאלוט.

עוואקוּאירטע פראנצויזן האבן זיך געשלעפט צוריק אהיים. פון די ערטער וואוהין זיי זיינען אנטלאפן אויסצוהיטן זיך פון באמבעס און פארניכטונג, האבן זיי זיך איצט צוריקגעקערט. אויב פון דער היים איז נאך עפעס פארבליבן. זיי האבן זיך געשלעפט. די פראנצויזן, אויף וועלאסיפעדן, וועגענער און צו פוס, מיט שטיקלעך מעבל. בעטגעוואנט, פעקלעך און קינדערלעך. זיי האבן ניט געלאכט און ניט געשמייכלט. מיט פאראומערטע פנימער און שטארע אויגן האבן זיי געקוקט אויף אונדז.

***

א גאנצן טאג האבן מיר זיך געשלעפט איבער פראנקרייך, דורכגעשניטן שטעט, גרויסע און קליינע, און דערפער, וואו די מאנצבילן טראגן פלידשענע הייזן פון אלערליי קאלירן און בערעיס, די קיילעכדיקע היטעלעך.

די וועגן זיינען געווען צעריסן און פארבלאטיקט. עטלעכע דזשיפס האבן זיך איבערגעקערט און טראקס זיינען אראפגעפארן פון וועג. מיר האבן זיך עטלעכע מאל געמוזט אפשטעלן און גע־האלפן ארויפשלעפן די טראקס צוריק אויפן וועג.

איך האב זיך א סך אנגעהערט און פיל געלייענט וועגן דער ערשטער וועלט־מלחמה אין פראנקרייך און די בלאטעס און רעגנס, וואס האבן פאראומערט דאס ·לעבן פון אונדזערע סאלדאטן. איצט,

שטייענדיק אַליין טיף אין בלאָטע, האָב איך געקענט צוריקקוקן עטלעכע און צוואַנציק יאָר און זען די „יענקיס" פון 1917—1918 טאַפּטשענדיק אין פראַנצייזישע בלאָטעס.

⁂

ביי טאָג האָט אַ ביסל אַ שיין געטאָן די זון און מיר האָבן זיך דערוואַרעמט. איין מאָל האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט עסן. עסן איז געווען ווייניק וואָס, ווייל דער טראַק וואָס האָט געפירט דאָס עסנוואַרג איז ערגעץ געבליבן שטעקן הינטער אונדז. מיר האָבן ניט פאַרגונען די סאָלדאַטן. וואָס האָבן געפירט מיט זיך אַ לאַבן ברויט אָדער עפּעס אַנדערע שפּייז. עס האָט זיך שטאַרק געוואָלט אַ הייסן טרונק, אָבער מיר האָבן ניט געהאַט קיין קאַווע, אַפילו ניט קיין וואַסער. וואו צו קויפן שפּייז איז ניט געווען, ווייל מיר האָבן זיך געפונען ווייט פון אַ מענטשלעכן ישוב.

נאָך דעם דאָזיקן „עסן", האָבן מיר זיך ווידער פאַרנומען אויפן וועג און אָפּגעפאָרן ביז אַ זייגער אַכט ביי נאַכט. ערגעץ אויף אַ פעלד האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט און געדאַרפט דאָרטן איבערנעכטיקן ביז אויף מאָרגן אין דער פרי.

עס האָט אָנגעהויבן רעגענען, אַפריער אַ קליינער, דריבנער רעגן, דערנאָך האָט אַ גאַס געטאָן אַ מבול. די וואָס האָבן געהאַט רעגן־מאַנטלען האָבן זיך געפילט גליקלעך.

אין רעגן און קעלט האָבן מיר איינע ביי די אַנדערע געזוכט עפּעס צו עסן, געטיילט זיך מיט פּאַפּיראָסן, געווען אין כעס אויפן וועטער, אויף פראַנקרייך און אויף דער גאַנצער וועלט.

מיטן שלאָפן איז אויך געווען אַ פּראָבלעם. אויסציען זיך אַז עס זאָל זיין געראָם צו שלאָפן אין טראַק האָט מען ניט געקענט, ווייל אַחוץ זיך אַליין האָבן מיר אויך געפירט קעסטלעך מיט פאַר־שיידענע זאַכן. האָט מען זיך אויסגעשפּרייט אויף דער ערד אונ־טערן טראַק, אַבי אויסבאַהאַלטן זיך פונעם רעגן.

איך בין אַריינגעקראָכן אין אַ „טו־ייל ער". קיין סך אָרט איז אינעווייניק ניט געווען. אין דער לענג און אין דער ברייט זיינען געלעגן אָנגעוואָרפן אייזנס, האַמערס, טאַיערס און נאָך און נאָך זאַכן. איך האָב אַלץ אָפּגערוקט אַן אַ זייט, אויסגעשפּרייט

אַ קאָלדרע אונטער זיך, איבערגעדעקט זיך מיטן רעגן־מאַנטל און געפּרואווט איינשלאָפן. דער „טריילער" איז ניט געווען לאַנג גענוג פאַר מיינע פיס, האָב איך זיך ווי עס איז צונויפגעקאָרטשעט, אַ ווײַלע געלעגן אויף אַ זייט. נאָך דעם איבערגעדרייט זיך אויף דער פּלייצע.

עס האָט זיך אָבער ניט געשלאָפן. דער רוקן איז געווען אָנגעשפּאַרט אָן אַן אייזן, איין פוס איז געלעגן אויף אַ טאַיער, אונטערן קאָפּ האָב איך אונטערגעשפּאַרט אָן „אינטערטוב" (דאָס אינעווייניקסטע פון אַ טאַיער). דער „טריילער" איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ „טאַרפּ" (אַ צודעק). דער רעגן האָט אויסגעשפּילט אַ טרויעריקן ניגון.

די נאַכט האָט זיך געררוקט. עס האָט געמוזט זיין גאַנץ שפּעט, שלאָפן אָבער האָב איך ניט געקענט. איך האָב אַרויסגענומען מיין ליולקע, אָנגעשטאָפּט זי מיט פייכטן אַמעריקאַנער טאַבאַק און פאַררייכערט. אָט אַזוי האָב איך דורכגעשטופּט די נאַכט.

קענטיק, אַז די אַנדערע סאָלדאַטן האָבן אויך ווייניק געשלאָפן, ווייל פאַר טאָג איז מען שוין געווען אויף, און אַ זייגער זיבן זיינען מיר ווייטער געקראָכן אין די טראָקס און געלאָזט זיך אין וועג אַריין.

ערגעץ אין פראַנקרייך, 22טן נאָוועמבער, 1944.

אַט אַזוי פֿאָרן סאָלדאַטן

פֿון אויבן אויף קען זיך דוכטן, אַז ווען סאָלדאַטן פֿאָרן ערגעץ איז זיי גוט ווי די וועלט. מאַרשירן דאַרפֿן זיי ניט. גיין אויף פּאַראַדן אויך ניט. פֿון ראַזירן זיך יעדן פֿרימאָרגן און פּוצן די שיך איז דאָך אָפּגערעדט.

ווען דער עולם זעט אַ מאָווי ווי סאָלדאַטן „מופֿן" ער־געץ, זעט עס אויס ראָמאַנטיש. עס באַקומט זיך אַ פֿאַרשטעלונג, אַז ס'איז אונדז גוט ווי די וועלט. סאָלדאַטן זינגען און שטיפֿן און לאַכן. וואָס קען זיין בעסער?

סאָלדאַטן וואָלטן בעסער מאַרשירן, פּאַראַדירן און ראַזירן זיך יעדן פֿרימאָרגן איידער שלעפּן זיך אין באַנען, טראָקס אָדער אויף שיפֿן.

ערשטנס, די ענגשאַפֿט. דרייסיק סאָלדאַטן מיט זעק און אַלע כלי־זיין אין איין וואַגאָן. ווייסט איר ווי עס פֿילן זיך סאַרדינס אין אַ בלעכענער פּושקע? אויף איין שיף פּאַקט מען אַן צען טויזנט סאָלדאַטן. בעטל אויף בעטל. מען שלאָפֿט אויך אויפֿן דיל, אין דרויסן אויפֿן דעק, אין די רעטונגס־שיפֿלעך, און אַנדערע סאָלדאַטן שטעלן אַפֿילו אויף „פּאַפּ טענטס" (וואָס אויף אונדזער לשון הייסן זיי „הינטישע געצעלטן", אַזוי קליין זיינען זיי) אויפֿן דעק.

אויך אין טראָקס איז די ענגשאַפֿט גרויס. ניט קוקנדיק אויף דעם, האָב איך פֿערזענלעך בעסער ליב צו פֿאָרן אין אַ טראָק איידער אין אַ באַן.

אַזוי האָבן מיר זיך אַרויסגעלאָזט פֿון לאַגער זיבן אַ זייגער אין דער פֿרי. ביז וואָס־ווען איז שוין געוואָרן נאָך אַכט, און ווען מיר האָבן זיך אַ ריר געטאָן, האָט גענומען שפּריצן אַ דריבנער רעגן. דער כמאַרנער הימל און די שוואַרצע וואָלקנס האָבן געדראָט מיט אַ גוסרעגן.

די טראָקס האָבן זיך געשלעפּט פּאַמעלעך, און חברה האָבן

געלצעוועט אַז זיי קענען גיין שנעלער ווי די טראַקס פאָרן. די וואָס זיינען געווען שלעפעריק, האָבן איינגעדרימלט, כאָטש ס'איז שווער צו שלאָפן ווען דער טראַק שאָקלט זיך.

די פראַנצייזישע לאַנדשאַפט, פעלדער, לאָנקעס, פערד, קי זיינען שיין, אָבער מען ווערט מיד קוקנדיק אויף דעם. און אָפט מאָל דערמאָנט עס אויף דער היימישער לאַנדשאַפט — פאַרמס, פעלדער, טייכן אין אַמעריקע, און עס נאָגט אַ בענקשאַפט אין האַרצן נאָך דער היים.

גוט איז ווען מען פאָרט דורך אַ שטעטל אָדער אַ שטאָט. אַפילו אַ דערפל מיט עטלעכע פויערישע הייזלעך מיט שטרויענע דעכער העלפט צו פאַרטרייבן די מאָנאָטאָנקייט.

די טראַקס שטעלן זיך אָפּ. עס קלייבן זיך אַרום דערוואַקסענע און קינדער. מען רעדט זיך צונויף, מען גיט אַוועק קענדי, עסנוואַרג, פּאַפּיראָסן. ווער רעדט נאָך ווען עטלעכע מיידלעך קומען צו, דאַן איז די פרייד גאָר גרויס. מען קיבעצט זיך גוטמוטיק, און די מיידלעך האָבן עס ליב.

ווען מיר שלעפן זיך אין וועג, קריגן מיר ניט קיין הייסע עסנס. מיר שטאָפּן זיך מיט טרוקענע זאַכן, דאָס וואָס די אַרמיי רופט אָן „קעי רעשאָנס". דאָרטן געפינען זיך ביסקוויטס, „העם און עגס", קעז, טשואינג גאָם, אַ זעקעלע צוקער און אַ זעקעלע זאַלץ. מען דאַרף עס אָבער אַלץ עסן קאַלטערהייט.

אָפט, ביים אָפּשטעלן זיך ערגעץ, צעלייגט מען פייערן ביים וועג. אָבער עס קומט כמעט אַלע מאָל אויס, אַז פונקט דאַן ווען מען שטעלט עפּעס אַרויף צום קאָכן, אָדער אויפזידן וואַסער, הייבן זיך אָן רוקן די טראַקס, און מען כאַפּט אין די הענט וואָס עס לאָזט זיך. נו, וואָס פאַר אַ טעם קען האָבן קאַלטע קאַווע אָדער האַלב אָנגעוואַרעמטע „העם ענד עגס"?

דערפאַר האָבן מיר זיך, באמת מחיה געווען מיט דער פריינד־שאַפט וואָס עס האָט אונדז אַרויסגעוויזן אַ פראַנצויזקע. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, נאָך אַ גאַנצן טאָג פאָרן, אין אַ דאָרף. אַרויסגע־שפּרונגען פון די טראַקס, האָבן מיר אויסגעצויגן די פאַרקרעמפּטע פיס און הענט, אויסגעגלייכט די מידע קערפּערס און געכאַפּט זיך עפּעס אַ ביס טאָן. איז פון אַ דערבייאיק הויז אַרויס אַ פרוי און איינגעלאַדן צו זיך די וואָס ווילן טיי און קאַווע. פאַרשטייט זיך,

אַז אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן נאָך איר. איין קלייניקייט — קאַווע און טיי! כאָטש ביי אונדז איז טיי ניט קיין גאַנגבאַרער געטראַנק (אין ענגלאַנד האָבן מיר געטרונקען אַזוי פיל טיי, אַז עס וועט אונדז קלעקן אויף יאָרן און יאָרן).

מיר זיינען אַריין אין הויז נאָך דער גוטער פרוי. אויף אַ רונדן טיש איז שוין געווען גרייט קאַווע און טיי, און קיכלעך אַפילו. מיר האָבן געטרונקען און זיך מחיה געווען. דער וואָס האָט קיין מאָל ניט געדינט אין דער אַרמיי, וועט קיין מאָל ניט פאַרשטיין די וויכטיקייט פון הייסער קאַווע. ביים סאָלדאַט קומט צו ערשט די ביקס און דערנאָך די קאַווע.

קיין געלט האָט די פראַנצויזקע ניט גענומען, נאָר דערפאַר האָבן מיר זי פאַרוואָרפן מיט פאַפּיראָסן, וואָס אין פראַנקרייך איז עס אַ זייער גאַנגבאַרע סחורה, און געגעבן איר קענדי און נאָך און נאָך, און מיר האָבן איר אָנגעדאַנקט אַ פולן קאָפּ.

***

אַ טייל פון די באַנען זיינען איצט אונטער דער אויפזיכט פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי, און זיי ווערן געפירט פון דער טראַנספּאָרטאַציע־אָפּטיילונג. אַ סך רעלסן זיינען „ניט מיט אַלעמען" און די וואַגאָנען זיינען אַלטע. די באַן שלעפּט זיך, הוסט אונטער, וואַרפט אַרויס אַ שלל מיט רויך און די סאָלדאַטן אינעווייניק באַמבלען זיך.

סאָלדאַטן, וועלכע האָבן פאַרכאַפּט אַן אָרט לעבן טיר, פילן זיך גליקלעך. מען הענגט אַרויס די פיס אין דרויסן און מען וואַרעמט זיך אויף דער זון. און זאָן קען מען אויך מער. די טירן זיינען אָפן פון ביידע זייטן און ס'איז בעסער אַזוי.

פון וואַגאָנען עס נעמט זיך אַזוי פיל שמוץ — וועל איך קיין מאָל ניט וויסן. גלייך ווי די באַן הייבט אָן פאָרן פילט מען שטויב, רויך און זאַמד אין די אויגן, אין די אויערן, אין נאָז. די הענט ווערן שוואַרץ, די אויגן ווערן מיד פון ווינט וואָס בלאָזט, און אין האַלדז ווערט טרוקן.

אויף די גרויסע וואָקזאַלן — ווי נאָר די באַן פלעגט זיך אָפּשטעלן, פלעגן מיר, די סאָלדאַטן, זיך גלייך לאָזן לויפן צו די

גרויסע וואַסער־רערן, וואָס „טרינקען" אָן די לאַקאַמאָטיוון, אַראָפּ־וואַרפן פון זיך די העמדער און וואַשן זיך אין קאַלט וואַסער. אַנדערע פלעגן אַפילו אַראָפּוואַרפן פון זיך די גאַנצע מלבושים, אַזוי ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט, און זיך לאָזן באַשפּריצן.

פירן פירט זיך, אַז ווען די באַן שטעלט זיך ערגעץ אָפּ, טאָרן מיר ווייטער ווי הונדערט יאַרד פון די רעלסן ניט אַוועקגיין. אָבער מיר טוען עס יאָ. אָט דערזעען מיר אַ קאַרשנבוים, אָדער גרינע ציבעלעס אויף אַ פעלד, אָדער עפּעס אַנדערש. מיר לאָזן זיך לויפן אַהין, רייסן אָן וואָס נאָר עס לאָזט זיך און לויפן צוריק צו דער באַן. ביז איצט האָבן מיר נאָך קיינעם פון אונדז ניט איבערגעלאָזט אויפן וועג.

אין באַן זיינען מיר „געשלאָפן" עטלעכע נעכט. ס'רעדט זיך אַזוי „געשלאָפן". אין דער אמתן האָבן מיר זיך געהאַלטן אין איין דרייען אויף אַלע זייטן, אָפּט, דערפילסטו עמעצענס פוס אויף דיין פּנים אָדער אַ פרעמדע האַנט אויף דיין מויל. און אַזוי וואַרפט מען זיך אין אַלע זייטן, מען זידלט זיך און מען לאָזט אויס דעם כעס איינער אויפן צווייטן.

קיין ליאָן, פראַנקרייך, וואו אונדזער לאַגער איז געשטאַנען, זיינען מיר אָנגעקומען עלף אַ זייגער ביי נאַכט. מיר זיינען אָבער ניט באַלד אַרויס פון די באַנען. ערשט איינס אַ זייגער האָבן מיר געשלעפּט די סאָלדאַטסקע זאַכן פון וואַגאָן אין טראָקס — און ענדלעך זיינען מיר אָנגעקומען „אַהיים".

אָט אַזוי פאָרן סאָלדאַטן.

פראַנקרייך, נאָוועמבער, 1944.

אין שעהן פון אָפּרו

אַ שטעטל

ביי טאָג שטייט דאָס שטעטל שטיל און פאַרשלאָפן צווישן בערג. די גאַסן ציען זיך אין דער ברייט און אין דער לענג, האַלב ברוקירט, האַלב פון אַספאַלט, און די איבעריקע געסלעך זיינען זאַמדיק און פאַרבלאָטיקט.

די איינוואוינערס, אפשר אַ 15 הונדערט, זעט מען ניט אָן. עס קומט אויס, אַז זיי באַהאַלטן זיך אין די הייזער און געשעפטן. ווען ניט ווען טרעפט מען עטלעכע קינדער שפּילנדיק זיך אויף אַ זייטיקער גאַס. אַנומלט, שפּאַצירנדיק אין שטעטל, זיינען צו אונדז צוגעלאָפן צוויי בלאָנדע קינדערלעך, אַ ייִנגל מיט אַ מיידעלע, אויסגעשטרעקט די קליינע הענטלעך, געזאָגט „העלאָ" און אַנטלאָפן. זיי האָבן ביי אונדז אַפילו קיין קענדי ניט געבעטן, און דאָס איז געווען אַ נייס.

פון די הילצערנע הייזער און עטלעכע מויערן הערט מען ניט קיין גערויש. ווען ניט דאָס באַווייזן זיך פון אַ פרוי אין אַ פענצטער, און ווען ניט דער רויך פון די קוימענס, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז דאָ וואוינט קיינער ניט.

די געשעפטן זיינען פוסט. מיר גייען אַריין אין עטלעכע קראָמען זוכן סואווענירס און אַנדערע זאַכן צו שיקן אַהיים. ליידיקע פּאַליצעס, הוילע שויפענצטער, פוסטע פּאַכן. צוליב דער מלחמה קומט גאָר ניט אַריין. דאָ און דאָרט געפינען מיר פאַרשטויבטע בילדער, קאָרטלעך פון שטעטל און פון דער לאַנדשאַפט אַרום. מיר קויפן אָפּ אַלע בילדער. זאָל זיין אַן אָנדענק אויף די קומענדיקע יאָרן פון אונדזער וואַנדערוועג מיט דער אַמעריקאַנער אַרמיי אין אייראָפּע.

דאָס איינציקע וואָס מען קען טאָן אין שטעטל ביי טאָג, איז

פאָטאָגראַפירן זיך. די עטלעכע פאָטאָגראַפערס זיינען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט. כמעט יעדערער פון אונדזערע סאָלדאַטן פאָטאָגראַ־פירט זיך עטלעכע מאָל, איינציקווייז אָדער אין אַ גרופּע, זיצנדיק אָדער שטייענדיק, מיטן פּנים צו דער קאַמערע אָדער מיטן פּנים קוקנדיק אין דער זייט. צו ערשט האָבן מיר געצאָלט פופציק פראַנק (איין דאָלער) פאַר זעקס בילדער; איצט האָבן זיי עס גע־העכערט אויף זיבעציק פראַנק (איין דאָלער מיט פערציק סענט). אָבער ס'איז ווערט דאָס געלט.

יעדע שטעטל אין אייראָפּע איז דאָך אַלט ווי דער קאָנטינענט. וואו מען טוט זיך אַ דריי און אַ קער, געפינט מען שפורן פון דער געשיכטע. זיכער האָט דאָס שטעטל וואָס צו דערציילן. דער אַלטער קלויסטער, דער בית־עולם, די סטאַטוע אויפן סקווער פון די געפאַלענע סאָלדאַטן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, די אַלטע הייזער — דאָס איז אַלץ געשיכטע, פאַרגאַנגענהייט, דער נעכטן.

אין אָוונט לעבט דאָס שטעטל אויף. מיר גייען אויסגעפוצטע אַ ביסל פאַרברענגען. אין דער אמתן זיינען קיין פאַרוויילונגען ניטאָ אין שטעטל. עס איז אָבער יאָ פאַראַן ביר און שאַמפּאַניער און קאָ־ניאַק און סאַידער און ליקער, פונקט אַזוי פיל שענקען וויפל אין ענגלאַנד.

אינעווייניק איז וואַרעם. עס איז אָנגענעם צו זיצן אָנגעשפּאַר־טערהייט און טרינקען ביר. אַ דיקער רויך הענגט איבער אַלץ. מען לאַכט, מען וויצלט זיך, עס הערט זיך דאָס קלינגען פון גלעזער און דאָס עפענען פון פלעשלעך.

אויך מוזיק איז פאַראַן אין שענק. אַ בלינדער מוזיקאַנט אין די דרייסיקער יאָרן שפּילט אויף אַ האַרמאָשקע אַמעריקאַנער לי־דער, וואָס ער האָט זיך ערגעץ אויסגעלערנט.

דערהויפּט דעם „הימן פון פאַראַשוטיסטן", וואָס איז זייער פּאָפּולער ביי אונדזערע פאַראַשוטיסטן, מוז דער בלינדער מוזיקאַנט איבערשפּילן צווישן איין ליד און אַ צווייטן.

אפילו ענגלישע לידער, וואָס מיר האָבן פאַרשלעפּט אַהער פון ענגלאַנד, האָט ער אויפגעכאַפּט און שפּילט זיי גאָר ניט שלעכט.

מיר זיינען אַריין אין נאָך עטלעכע טרינק־פלעצער. אומעטום מוזיק, געלעכטער און פאַראַשוטיסטן. די גאַסן זיינען כמעט געווען

פינצטער. דאָ און דאָרט האָט אַ גאַסנלאָמפּ דורכגעשניטן די פינצ־טערניש. דאָ און דאָרט האָט זיך געזען באַלייכטונג אין אַ הויז.

עס ווערט שפּעט. עלף אַ זייגער מוזן מיר זיין צוריק אין לאַגער. די „עם פּיס״ (מיליטערישע פּאָליציי) גיבן אַכטונג אַז מיר זאָל אָפּהיטן די פאַראָרדענונג.

מיר באַזוכן קברים

אין אַ פרייען טאָג לאָזן מיר זיך אַרויס שפּאַצירן; מיר טרעטן אויף פלאַכע פראַנצייזישע פעלדער; דייטשישע טאַנקען ליגן פאַר־ברענטע און צעקאַליעטשעטע אין גריבער; טראַנשייען שניידן דורך די פעלדער. די דייטשן האָבן זיך דאָ גוט איינגעגראָבן, אָבער ניט גוט געבוגג. גענעראַל פּעטאָנס טאַנקען האָבן זיך אַהער אַריינ־געריסן און אַ תל געמאַכט פון דער דייטשישער ווערמאַכט. געבליבן זיינען נאָר שטיקלעך און ברעקלעך פון די נאַצישע „העלדן״.

פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז פאַרבליבן אַ בית־עולם, וואָס איז צעטיילט פאַר דייטשן און ענגלענדער; און האַרט לעבן זיי ליגן שוין פרישע קברים, פון איצטיקן קריג.

מיר האָבן געהערט דערציילן, אַז ערגעץ אַרום לאַגער געפינט זיך דער בית־עולם. שטייען מיר איצטער אויף אַ בערגל, לעבן אַ וואַכטורעם, דורכגעלעכערט פון אונדזערע קוילן. מיר קוקן אין אַלע זייטן, אָבער קיין קברים זעען זיך ניט, נאָר פאַרזייטע פעל־דער, קי און שטאַלן.

— אפשר איז דער בית־עולם הינטערן וואַלד — זאָגט דער חבר — לאָמיר דאָרטן זוכן.

מיר לאָזן זיך גיין אַהין, אָבער דער חבר דערזעט יאָ עפּעס, ווייט פון בערגל. קען זיין, אַז דאָס שטייען מצבות, קען זיין, אַז דאָס זיינען ביימער. שווער צו טרעפן פון דער ווייטן.

סיי־ווי־סיי לאָזן מיר זיך גיין אַהין. מיר טרעטן אויף אַ וועג, וואו עס איז פריער דורכגעפאָרן אַ דזשיפּ. בעסער אַזוי, ווייל עס קען זיין, אַז עס זיינען נאָך דאָ פאַרבליבן פעלדמינעס, וואָס די דייטשן האָבן פאַרזייט. טרעטן מיר דעריבער פאָרזיכטיק אויף דער איינגעפאָרענער סטעזשקע, וואָס די גומענע רעדער האָבן איבערגעלאָזט איבערן פעלד. אויב עס זיינען פאַרבליבן מינ׳ס, וואָלט זיי דער דזשיפּ אויפגעריסן.

מיר געפינען דעם בית־עולם. ריי נאָך ריי קברים מיט הילצערנע צלמים, וואָס זיינען פון רעגן און ווינט פאַרשוואַרצט געוואָרן, און דערפאַר איז שווער געווען ווייט פון בערגל צו דערקענען דעם בית־עולם.

מיר פּרואוון טרעפן וויפל קברים עס געפינען זיך דאָ. דער חבר זאָגט צוויי טויזנט; איך זאָג פינף טויזנט. מיר האָבן ביידע ניט געטראָפן. לעבן טויער, ביים אַריינגאַנג, הענגט אַ שילד; דאָרטן שטייט פאַרשריבן אין פראַנצייזיש און דייטש, אַז אויף דעם דאָזיקן „בית־עולם פון 1914—1918 פאַר דייטשישע סאָלדאַטן" געפינען זיך צען טויזנט איינצלנע קברים און אַ מאַסן־קבר פון דריי טויזנט.

סיי מיין חבר און סיי איך האָבן אונטערשאַצט די צאָל פון טויטע, וואָס זיינען דאָ באַגראָבן. מיר גייען אַרום צווישן די גלייכע שורות־קברים, קוקן אויף די האַלב אָפּגעריבענע נעמען פון צלמים־מצבות, לייענען די ראַנגען פון די סאָלדאַטן, און שווייגן. דייטשישע נעמען, אָפּקלאַנגען פון 1914—1918.

לאַנג קוקן ווילט זיך ניט. מיר גייען אַרויס. לעבן טויער שטייט אַ קליין שטיבל. די טיר איז פאַרשלאָסן. אַ פענצטערל איז אָפן. מיין חבר שטעקט אַריין די האַנט, ציט אַרויס אַ ברוין העפט מיט נעמען. דאָס איז דער רעגיסטער פון די געפאַלענע.

לעבן דעם דייטשישן בית־עולם, אַ וואַנט צו אַ וואַנט, דערזעען מיר נאָך קברים. מיר גייען צו — ערשט עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָ ליגן געפאַלענע ענגלישע סאָלדאַטן פון יענער וועלט־מלחמה; ביידע בית־עולמס אויף פראַנצייזישער ערד. וועגן דעם ענגלישן בית־עולם האָבן מיר גאָר ניט געוואוסט. זייער אייביקער רופּלאַץ איז אַ קליינער. אַ גרויסער צלם. אַ „מאַלטעס קראָס", שטייט ביים אַריינגאַנג. די קברים, עטלעכע טויזנט, שטייען ווי אַ שטרענגע וואָרענונג פאַר קומענדיקע דורות.

מיר גייען דורך עטלעכע רייען, קוקן אויף די נעמען און יאָרן, און טראַכטן וועגן דער „מאָדנעקייט" פון מלחמה... אָט זעט: נעכטן איז מען געווען שונאים פאַרביטערטע, געקעמפט אויף לעבן און טויט, אומגעבראַכט איינע די אַנדערע; היינט ליגט מען קאָפּ צו קאָפּ און פוס צו פוס, און בלויז אַ וואַנט אַ שטיינערנע טיילט אָפּ דייטשן פון ענגלענדער.

גייען מירביידע אַרויס פון ענגלישן בית־עולם און שטויסן זיך אָן אויף אַ דריטן, „הייליק אַרט". קיין בית־עולם איז עס נאָך ניט, נאָר אַ צען קברים פרישע, מיט בוקעטן בלומען. דאָס זיינען שוין קרבנות פון דער איצטיקער מלחמה, געפאַלענע אין קאַמף קעגן נאַציזם. ביז וואָס ווען ליגן זיי צוגערוקטע צום ענגלישן בית־עולם און טוליען זיך צו אים. עס וואַרפן זיך דורך נעמען פראַנצייזישע, פוילישע און אַראַבישע, וועלכע האָבן געקעמפט מיט דער פראַנצייזישער אַרמיי קעגן די דייטשן.

מיר פאַרלאָזן די קברים און פאַרנעמען זיך צום לאַגער. שוין געווּנט אָנגעגעסן זיך מיט טויטע. עס ווילט זיך אָפּטרייסלען די שווערע שטימונג און באַפרייען זיך פון טויטגעפיל. דער אַרום, וואָס איז אַזוי אָפן און ריין און לייכט, פּאַרט זיך געוויס ניט מיט דעם בית־עולם.

עס צעשטערט אויך אונדזער שטימונג. איצט האָבן מיר געטראַכט, אַז אַזוי ווי עס ליגן אַט די סאָלדאַטן אויף פרעמדער ערד, אַזוי ליגן דאָך אונדזערע חברים אויף פרעמדער ערד, ערגעץ אין סיציליע, אין האָלאַנד, אין איטאַליע און אין דייטשלאַנד. זייערע קברים שטייען דאָרטן איינזאַם, פאַרעלנטע, און די וואָס גייען דאָרטן פאַרביי שטעלן זיך אַ מאָל אָפּ, קוקן אויף די פרעמדע אַמעריקאַנער נעמען און גייען אַוועק...

אַ פראַנצייזישע פאָרשטעלונג

דער טעאַטער איז איבערגעפילט. מען זיצט אויף שטולן און בענק. אַ רויך הענגט אונטער דער סטעליע. אַ פאָנאָגראַף שפּילט „רעקאָרדינגס" און חברה פּאַטשט אונטער מיט די הענט די דזשעז מוזיק.

אַלע ריידן וועגן דער ערשטער פראַנצייזישער פאָרשטעלונג, וואָס מען גיט היינט פאַר אונדז. פאַר די צען פראַנק (צוואַנציק סענט) איינטריטגעלט, דערוואַרט מען אַ סך.

דער אָרקעסטער — אַלע שפּילערס זיינען אונדזערע פּאַראַשוטיסטן — קומט אַריין.

זיי נעמען אַרויס די אינסטרומענטן, בלאָזן אַרויס נאָטן פאַרשיידענע אויסצופּרואוון די סאַקסאָפאָנען און טראָמבאָנען. דער קאַ־

פעלמייסטער טוט אַ הייב די הענט און דער גאַנצער טעאַטער ווערט פול מיט אַלערליי קלאַנגען. די אינסטרומענטן בעטן זיך, קוויטשען, וויינען און לאַכן, שרייען און שעפּטשען. די גאַנצע געביידע וויגט זיך אונטערן ריטם פון אָרקעסטער.

די מוזיק ענדיקט זיך. עס הייבט זיך אויף דער פאָרהאַנג. עס לויפט אַרויס אַ שיינע פראַנצייזישע מיידל, אַ הויכע ברונעטקע, שפּרייט אויס בײדע אַנטבלויזטע הענט, פּונקט ווי זי וואָלט אַלעמען אַרומגענומען און הייבט אָן ריידן.

עמעצער האָט איר, דער פראַנצויזקע, אויסגעלערנט עטלעכע אַמעריקאַנער ווערטער, שרייט זי אויפן קול, מער אין פראַנצייזיש ווי אין ענגליש, וועגן דער „שאָו" וואָס מען וועט אונדז געבן: „געזאַנג, געלעכטער און טענץ". זי, די „מיסטרעס אָוו סערעמאָניס", געפעלט אַלעמען: שיין, לעבעדיק. מיט אירע עטלעכע אַמעריקאַנער ווערטער נעמט זי שטאַרק אויס.

זי זאָגט עטלעכע ווערטער און מען לאָזט איר ניט ענדיקן. מען פייפט, מען פּאַטשט מיט די הענט, מען שרייט: „זשע נע קאָמפּראַן פּאַ!" (קען ניט פאַרשטיין) און — „רייד פראַנצייזיש!" און „ברינג אָן דהי שאָו!" חברה לצעוועט, מען לאָזט איר ניט ריידן. עמעצער האָט איר מסתמא פריער געוואָרנט וואָס זי קען דערוואַרטן ביי דער פאָרשטעלונג, ווייל די מיידל ווערט ניט אין כעס. מיט ביידע הענט אויף די היפטן שטייט זי באַקאַם, וואַרט ביז עס שטילט זיך איין און דאַן אַנאָנסירט זי עמעצן. מיר כאַפּן נאָר אויף צוויי ווערטער: „טענצער" און „פרעד אַסטעיר".

זי לויפט אַוועק הינטער דער בינע. דער אָרקעסטער שפּילט אויף, און עס באַווייזט זיך אַ קורצער בחור אָנגעטאָן אין זומערדיקע הויזן און אין אַ זיידן העמדל און נעמט טאַנצן אין ספּעציעלע טאַנצשיך. זיין „טעפּ דענסינג" געפעלט ניט. מיר פאַרשטייען שוין, אַז די מיידל האָט אים פריער אַנאָנסירט אַלס דער פראַנצייזישער „פרעד אַסטעיר". ווי קומט ער אָבער צום באַרימטן אַמעריקאַנער טענצער? איינער פון די סאָלדאַטן שרייט אויס: „דו האָסט געמוזט זיין פרעד אַסטעירס שיכפּוצער. גאָו בעק טו יור דזשאָב". דער טענצער פאַרשטייט ניט, אָדער ער הערט ניט און שמייכלט צו אַלעמען, וואַרפט מיט די הענט, דרייט מיט די פיס, קוליעט זיך איבער קונציק עטלעכע מאָל און פאַרנייגט זיך פאַרן

פובליקום. מען אַפּלאָדירט. ער פאַרשווינדט און די מיידל קומט אַרויס ווידער. עס חזרט זיך איבער דאָס פריערדיקע. זי האָט אַן אייזערנעם געדולד און לאָזט זיך ניט ברעכן.

זי פּראָוווט רעדן ענגליש, אָבער מיר פאַרשטייען קיין וואָרט ניט. די שטימונג אין זאַל איז אַ געהויבענע. חברה איז פריילעך. מען וואַרט אויף די מיידלעך, די „קאָרוס גאָירלס". „מעיק איט שאָרט, בעיביז!" שרייט עמעצער אויס. די „מיסטרעס אָוו סערע־מאָניס" צעלאַכט זיך. ענגליש פאַרשטייט זי יאָ, אָבער ריידן קען זי ניט, אַחוץ די עטלעכע אויסגעלערנטע ווערטער. זי רעדט עפּעס אַריין אין מאַיקראָפאָן, לויפט אַוועק, די בינע ווערט פאַרפלייצט מיט אַלערליי קאָלירן פון די „ספּאָט לאָיטס". דער אָרקעסטער צערייסט זיך שפּילנדיק און עס לויפן אַרויס די מיידלעך.

חברה איבערטרייבט די דערוואַרטונג. מען הייבט זיך פון די פלעצער, מען פייפט און מען שרייט און מען פּאַטשט בראַוואָ. זעקס מיידלעך, זעקס פּאָר פיס הייבן זיך אין דער לופטן, דרייען זיך אין אַלע זייטן. די קערפּערס, גראַציעז און וואולגאַר, באַזיצן אַלע זיבן חנען. אַזוי דאַכט זיך אונדז אויס.

די מיידלעך לאָזט מען ניט אָפּ. ענדיקן זיי איין „קאָרוס", וויל מען אַ צווייטן און אַ דריטן. נאָכן דריטן וויל מען נאָך. און אַזוי גייט די פאָרשטעלונג.

פּאַריז

די עלטסטע פּראָפעסיע אין דער וועלט פּאַראַדירט אין פּאַריז פרעך און פריי. „געי פּאַרי" — „די פריילעכע פּאַריז", ווי אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַזוי איצט.

פּאַריז ביי נאַכט איז פול מיט ליכט, מוזיק, מענטשן — און אַלץ שרייט און רופט און ציט אַריין אין טומל און לאָזט ניט אָפּ. עס ציט ווי מיט אַ מאַגנעט און עס האַלט ווי מיט צוואַנגען.

פאַרן סאָלדאַט איז זי די „פריילעכסטע שטאָט אין דער וועלט" אַן אמתער גן־עדן. אַלץ וואָס אויפן שלאַכטפעלד איז ניטאָ, אַלץ וועגן וואָס מען טרוימט געפינענדיק זיך אויפן פראָנט, איז פאַראַן אין פּאַריז: שאַמפּאַניער און קאָניאַק און וויין; „נאַיט קלאָבס" מיט דזשעז אָרקעסטערס, מיט „קאָרוס גוירלס", מיט רויך און שרייענ־דיקע אינסטרומענטן; און — מאַדמואַזעלן.

מען דאַרף זיי ניט זוכן, די מאַדמואַזעלן, זיי גרופּירן זיך אויף דער הויפּטגאַס, אין די זייטיקע געסלעך, אין די רעסטאָראַנען און שענקען.

אויסגעפּוצט לויט דער לעצטער מאָדע, מיט קאָסמעטישע פּנימער, רייכערנדיק אַמעריקאַנער פּאַפּיראָסן, האַנדלען די מאַד־מואַזעלן מיט דער עלטסטער פּראָפעסיע אין דער וועלט...

פיל ערטער זיינען פאַרן סאָלדאַט פאַרבאָטן: עס איז אין דער אַרמייס אינטערעסן צו באַשיצן דעם סאָלדאַט פיזיש און גייסטיק. אָבער ניט קוקנדיק אויף דעם, גיט עס זיך ניט אַלע מאָל איין. צו פיל סאָלדאַטן, ניט גענוג שומרים („עם פּיס“) און פּאַריז איז דאָך אַזאַ גרויסע שטאָט, מיט זייטיקע פינצטערע גאַסן און געסלעך, בולוואַרן, עוועניוס און סקווערן. גיי היט און פאַרבאָט אומעטום!

צו ערשט שפּאַצירט דער סאָלדאַט און גלייך הינטער אים — ווייַן, ווייב און געזאַנג. אַלץ איז טייער, אָבער דער סאָלדאַט, דער אַמעריקאַנער סאָלדאַט, האָט געלט, טויזנטער פראַנקן, און פאַר־ברענגען ווילט זיך.

שפּאַצירט אַזוי דער סאָלדאַט אין דער נאַכט, וואָס איז פול מיט לעבן. מענטשן, מענטשן, מענטשן, אין מונדירן און אין ציווילע קליידער; פאַרשיידענע לשונות: ענגליש, אַמעריקאַניש, פראַנצייזיש, פויליש, יידיש; מען שטופּט זיך אין פאַריזער סאַבוועי (מעטראָ), מען ווערט אַריינגעשלעפּט אין געדרענג. די קאַפעען און רעסטאָ־ראַנען זיינען איבערגעפּאַקט. „פאַלי בערזשער“, „מולין רוזש“ און אין אַלע אַנדערע באַרימטע פּלעצער זיינען די בילעטן שוין אויס־פאַרקויפט, מען נעמט מער ניט אַריין.

ביי דער הויפּטגאַס, פון איין זייט טראָטואַר ביזן אַנדערן, אין דער לענג, אַזוי ווי אַ קייט, שטייען מאַדמואַזעלן און פּצדלען... און זאָגן צו אַלע גליקן... דער פּרייז איז אומעטום דער זעלביקער. אַזוי ווי עס וואָלט קאָנטראָלירט געוואָרן פון אַ סינדיקאַט...

און מען הערט פון די מאַדמואַזעלן, אַז דייטשישע סאָלדאַטן זיי־נען „בעסערע מענטשן“. די דייטשן האָבן זיך באַנוצט מער מיטן מאַדמואַזעלן מאַרק.

פראַנקרייך, דעצעמבער, 1944.

אין פראַנצייזישע קאַזאַרמעס

אונדזערע קאַזאַרמעס

די קאַזאַרמעס האָט מען אָנגעהויבן בויען מיט אַ פופציק יאָר צוריק. אויף די געביידעס זיינען איינגעקריצט די יאָרן. דעמאָלט האָט מען נאָך ניט געחלומט פון אַן ערשטן וועלטקריג און פון אַ צווייטן וועלטקריג. זיכער האָט מען זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז ווען עס איז וועלן דאָ איינשטיין אַחוץ פראַנצויזן אויך דייטשישע און דערנאָך אַמעריקאַנער סאָלדאַטן.

דער פראַנצייזישער שערער, וואָס קומט אַריין אין לאַגער, האָט מיר דערציילט, אַז ווען ער איז געווען אַ קינד, געדענקט ער ווי מען האָט גענומען בויען דעם לאַגער, און דאָס איז געווען לאַנג צוריק.

בילדער וואָס זיינען פאַרבליבן אין לאַגער ווייזן, אַז אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן זיך דאָ געפונען קאַוואַלעריע, עראָ־פּלאַנען און באַלונען. אורטיילנדיק לויט די בילדער, קען מען זען ווי די אַרמייען האָבן זיך געשלאָגן אַמאָל און ווי מען שלאָגט זיך איצט.

נאָך די פראַנצייזן זיינען דאָ געשטאַנען די דייטשן. נאָך זיי זיינען מיר, אַמעריקאַנער, געקומען. פון די דייטשן איז דאָ פיל פאַרבליבן. קענטיק אַז זיי האָבן קיין צייט ניט געהאַט אַלץ צוצו־נעמען.

זיי האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך דייטשישע ביכער, מערסטנס נאַצישע פּראָפּאַגאַנדע. איך האָב געפונען עטלעכע אַזעלכע. איין בוך איז געווען פון ד״ר ראָבערט לעי, דער אַרבעטס־מיניסטער, מיט פיל בילדער פון אים, פון היטלערן און פון די אַנדערע נאַצי־גדולים. אַ צווייט בוך איז געווען מיט אַ פּיקאַנטן נאָמען: „די אַלטע מענער ווילן קריג״, אַ ווערק, וואָס האָט געדאַרפט ווייזן, אַז אויך די אַלטע דייטשן ווילן מלחמה האַלטן מיט דער גאַנצער וועלט.

אין די קאַזאַרמעס האָבן זיך געוואַלגערט פּאַפּירן, צייטונגען און זשורנאַלן, פאַרשיידענע העפטן, צעריסענע בריוו און פאָטאָגראַפיעס. אין שפּיטאָל האָבן מיר געפונען איבערגעלאָזטע אינסטרומענטן און קאַרטלעך מיט די נעמען פון פּאַציענטן. פּעק בילעטן זיינען געלעגן אין די שופלאָדן. אויף די שווער־פאַרוואונדעטע פלעגן זיי אָנבינדן בילעטן פון איין קאָליר; אויף די לייכט פאַרוואונדעטע — פון אַן אַנדער קאָליר, און אַזוי ווייטער.

די דייטשישע אָפיצירן האָבן דאָ געלעבט ווי ביים טאַטן אין וויינגאָרטן. טיפע ווייכע שטולן, עלעקטרישע לאָמפּן, שפּיגלדיקע טישן, ווייכע טעפּיכער — אַזוי האָבן זיי געוואוינט. און דער פראַנצייזישער שערער האָט אונדז אויך דערציילט, אַז אין לאַגער גופא האָבן די דייטשן געהאַט מיידלעך.

אויף די ווענט אין די צימערן, אָפיסעס און עסזאַלן, האָבן די דייטשן איבערגעלאָזט קאַרטונס, בילדער, לאָזונגען און צייכענונגען פאַרשיידענע. מיר האָבן פון דעם באַקומען אַ שטיקל באַגריף פון אונדזער שונא: וואָס ער טראַכט, ווי ער לעבט און ווי ער לאַכט.

אין איין עסזאַל אויף די ווענט זיינען געווען לאָזונגען פון די דייטשישע מיליטאַריסטן מאָלטקע און קלאַוזעוויץ. דערביי איז געשטאַנען אויסגעמאָלט אַ פערד מיט שעקספּירס באַוואוסטער פראַזע פון „קינג ריטשאַרד דהי טהוירד":

(„אַ פערד! אַ פערד! מיין קיניגרייך פאַר אַ פערד!").

ווי קומט עס, וואָס זיי האָבן גענומען פערזן פון אַן ענגלענדער, וואָס איז זייערער אַ שונא? גיי ווייס.

האַנקקרייצן מיט לאָזונגען פון היטלערן האָבן מיר באַגעגנט אויף טריט און שריט. איין לאָזונג: „איין פאָלק, איין רייך, איין פירער". און „וואו דער דייטשישער סאָלדאַט שטייט, קומט קיין אַנדערער ניט אַהין".

ביי אונדז אין צימער איז געווען אָנגעצייכנט די זון מיט אַזאַ מין פערז:

„ניט יעדער טאָג ברענגט זונענשיין,
עס איז אַזוי שיין אַ סאָלדאַט צו זיין".

עס האָבן אויך ניט געפעלט קיין פרעכע קאַרטונס און מיאוסע וויצן אין וואָרט און בילד. נאַקעטע מיידלעך, שיכורע סאָלדאַטן

און שפּאַס אויפן חשבון פון די אַליאירטע. דאָס איז געווען די דייטשישע קונסט, מ'שטיינס געזאָגט.

די דייטשן האָבן אויך געהאַט רוסישע סאָלדאַטן — געפאַנגענע, וועמען זיי האָבן געשטעלט אין קריג. איך האָב געפונען טיילן פון זייער צייטונג „דאָבראָוואָל" אין רוסיש און אין דייטש.

אַט דעם לאַגער האָבן מיר אַמעריקאַנער איבערגענומען. צוערשט די פראַנצויזן, נאָך דעם די דייטשן. דאַן מיר, און נאָך אונדזער אַוועקגיין וועלן די פראַנצויזן צוריקנעמען זייערע קאַזאַרמעס און אויך זיי וועלן מסתמא אַרומגיין איבער די צימערן און געפינען זאַכן, וואָס די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן האָבן איבערגעלאָזט.

נעכטן שונאים, היינט —

די דייטשישע מלחמה־געפאַנגענע אַרבעטן אין אונדזער לאַגער אַ גאַנצן טאָג. אין דער פרי ברענגט מען זיי אין טראָקס פון די אַרומגעצאַמטעביידלעך, וואו זיי וואוינען, און אַ זייגער פינף פאַר נאַכט פירט מען זיי אָפּ צוריק „אַהיים".

זיי קערן און ראַמען, און רייניקן און וואַשן, אַלטע און יונגע, בלאָנדע און אַזעלכע וואָס זעען גאָר ניט אויס ווי דייטשן. די מערסטע גייען אַרום אָפּגעריסענע. קנעפּלעך פעלן אויף זייערע איבערגעבליבענע מונדירן. קעשענעס זיינען אָפּגעריסן. די שטיוול — אָפּגעטראָגענע.

ניט אַלע געפאַנגענע ווערן באַוואַכט פון אונדזערע סאָלדאַטן. פאַראַן אַזעלכע, וואָס זיינען אויף „פּאַראָל", און זיי דרייען זיך אַרום אין לאַגער פראַנק און פריי. אַלע טראָגן זיי אָבער אויף דער פּלייצע צוויי גרויסע אותיות „פּי דאַבליו" (פּריזאָנערס אָוו וואָר) כדי מען זאָל זיי דערקענען, טאָמער ווילן זיי אַנטלויפן. פריער האָבן זיי געצוואונגען די יידן צו טראָגן אַ צייכן אויף זיך, איצט מוזן זיי אַליין טראָגן אַ צייכן.

עס קומט אויס מאָדנע. מיר טוען זיך ערגעץ אַ קער און קומען פּנים אל פּנים מיטן דייטש. מען קוקט זיך איבער, אָבער געוויס ניט פריינדלעך. ווי קען מען דען זיין פריינד מיט די, וואָס האָבן בעכטן אונדזערע חברים דערהרגעט אויפן שלאַכטפעלד? און ווי קען מען זיין פריינדלעך מיט די וואָס האָבן געוואָלט דעראָבערן די גאַנצע וועלט?

איז עס געוויס מאָדנע צו געפינען זיך אין איין לאַגער מיטן נעכטיקן שונא. אונדזערע קוקן זיי אָן. פאַראַן אַזעלכע פון אונדז וואָס טוען אַ שפּיי, ווען אַ דייטשישער געפאַנגענער גייט פאַרביי. פאַראַן אַזעלכע וואָס פאָלגן זיי נאָך מיט אַ „אין טאַטנס טאַטן אַריין...״

איין מאָל האָט מען אַריינגעפירט געפאַנגענע צו אונדז אין עסזאַל.

מען מוז זיי, די שונאים, קאָרמענען. אַזוי זאָגט דאָס געזעץ, און מיר, אַמעריקאַנער, האַלטן זיך ביי דעם. זיי, די דייטשן, אָבער האָבן אונדזערע מלחמה־געפאַנגענע געלאָזט הונגערן.

גראָד יענעם טאָג זיינען דערשינען אין דער אַרמיי־צייטונג „דהי סטאַרס ענד סטרייפּס״ בילדער פון די דייטשישע קאָנצענטראַציע לאַגערן; צוויי פולע זייטן מיט טויטע קרבנות, פאַרברענטע, פאַר־גאַזטע און פאַרמאַרעטע צום טויט. אַ שרעק האָט אָנגעכאַפּט יעדן איינעם צוקוקנדיק די דייטשישע רציחות. מיט עקל און כעס האָבן אונדזערע גערעדט וועגן די שוידערלעכע דאָקומענטן. מען האָט גע־וואָרפן שטעכיקע בליקן אויף די דייטשישע געפאַנגענע וואָס זיינען געזעסן ביי די טישן און געגעסן.

זיי האָבן געמוזט פאַרשטיין וואָס דאָ קומט פאָר. ערשטנס האָבן זיי געזען די בילדער אין די צייטונגען, וואָס מיר האָבן גע־לייענט, אויסשפּרייטנדיק זיי אויף די דערבייאיקע טישן. צווייטנס, האָבן עטלעכע פון זיי פאַרשטאַנען ענגליש. גערעדט וועגן דעם האָבן מיר גאַנץ הויך, ווייל עס האָט זיך געוואָלט אַז די דייטשן זאָלן זען און הערן וואָס מיר ריידן און טראַכטן.

איך בין געשטאַנען ביים אויסטיילן ברויט. יעדן דייטש וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען אין ריי האָב איך דערלאַנגט אַ שטיקל ברויט. אַלס ייד און אַמעריקאַנער איז מיר די דאָזיקע אַרבעט געווען זייער ניט אָנגענעם. ביי יעדן ריר מיט אַ דייטשישער האַנט האָט מיך גע־עקלט. די זעלביקע האַנט, האָב איך געטראַכט, האָט געהרגעט יידן, האָט פאַרברענט אונדזערע שולן. די זעלביקע האַנט האָט אויך מיך געוואָלט אומברענגען.

די מזלדיקע

אַ באַקאַנטמאַכונג אויפן בולעטען אין באַראַק האָט געלאָזט וויסן:

עס ווערט געעפנט אַ „באַנד־קאָנטעסט״. דער סאָלדאַט וואָס

וועט קויפן איין באַנד אָדער מער און דער מזדליקער נומער וועט זיך געפינען אויף זיינע באַנדס, וועט מען יענעם שיקן אַהיים אויף אורלויב אויף דרייסיק טעג.

נו, האָט זיך אין קעמפּ געטאָן אויף טיש און אויף בענק. אַלע האָבן געקויפט באַנדס. איין קלייניקייט! דרייסיק טעג זיין אין דער היים, זען זיך מיט אַלעמען, אַראָפּוואַרפן דעם יאָך פון זיין אַ סאָל־דאַט, אַפילו אויף דרייסיק טעג בלויז!

טאָג און נאַכט, שלאָפנדיק און עסנדיק, האָט מען געהערט נאָר באַנדס, באַנדס און באַנדס. און יעדערער האָט זיך שוין פאַרגע־שטעלט ווי ער פאָרט אַהיים צו די אייגענע, און וואָס פאַר אַן איבערראַשונג עס וועט זיין אין דער היים. ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין האָט יעדערער געפּלאַנעוועט זיין צוריקקער אַהיים.

און די באַנדס האָט מען געקויפט נאָך דער קעשענע נאָך. האָט איינער געהאַט ווייניק געלט, איז אים מער ווי איין באַנד ניט אָנגעקומען. האָט אַ צווייטער געהאַט מער געלט, איז אים אָנגע־קומען דריי און פיר באַנדס. און עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס זיינען געווען מיליאָנערן צווישן אונדז. גאַנצע טויזנט דאָלאַר האָבן זיי אויסגעגעבן אויף באַנדס.

און יעדער איינער איז געווען זיכער, אַז ער וועט זיין דער מזלדיקער געווינער. ווי קען עס דען אַנדערש זיין? זיכער וועט אים זיין באַנד אַהיים פירן.

עס האָבן זיך ביי אונדז געפונען לצים, וואָס האָבן באַלד גע־קלאַפּט בריוו אַהיים (לופטפּאָסט טאַקע) אַז די מאַמע אָדער דאָס ווייב זאָל גרייטן דעם טיש מיט כל טוב און אַלעמען צונויפרופן צו דעם קבלת פּנים, ווען זיי וועלן זיך באַווייזן אין טיר. און אין די דרייסיק טעג „פּוירלאָו" וועלן זיי זיך די גאַנצע צייט וויקן אין וואַנע, און ביים ראַזירן זיך נוצן הייסע וואַסער, און עסן וועלן זיי אַלץ, אַחוץ געקענטע שפּייז. און אויסטרינקען וועלן זיי אַלץ, ביר און שנאַפּס און שאַמפּאַניער און וויין.

מען האָט זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן ביז דעם טאָג פון דער „ציאונג". מען איז געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ. און ווען מען האָט גע־נומען ציען די נומערן, איז געווען אַזוי שטיל, אַז עס וואָלט זיך גע־הערט ווען אַ נאָדל פאַלט אַרונטער.

פון יעדער קאָמפּאַניע האָט איינער געדאַרפט געווינען. דער

ערשטער געווינער האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי, אַז עס האָט זיך געמוזט הערן מיילן ווייט. דער צווייטער געווינער האָט זיך אויפ־געשטעלט ניט גלייבנדיק, אַז דאָס איז זיין נומער אויפן באַנד. ער האָט ניט געשריגן און ניט געוואָרפן דאָס היטל אין דער הייך. עפּעס האָט זיך אים ניט געגלייבט. אַהיים פאָרן אויף דרייסיק טעג!

און אַזוי איז אַנגעגאַנגען דאָס „קלייבעניש" אַלץ ווייטער און ווייטער. די מזלדיקע אויסדערוויילטע האָבן אַלע אַרומגערינגלט גוטברודעריש, געקלאַפּט זיי אין פּלייצע און זיי געוואונטשן אַל דאָס גוטס.

ווען די געווינערס זיינען פריילעכע אָפּגעפאָרן, האָט מען זיי נאָכ־געשריען:

— „לאָקי דעווילס!"...

פראַנקרייך, יאַנואַר, 1945.

יידן און פּאָליאַקן אין גלות

ביי יוסף איינהאָבער אין הויז, אין ליאָן, פראַנקרייך, האָב איך זיך באַקענט מיט צוויי ענגלישע סאָלדאַטן. מיין איבערראַשונג איז געווען גרויס, ווייל כאָטש זיי האָבן געטראָגן ענגלישע מונדירן, זיינען זיי געווען יידן פון פוילן. גרישקאָ, אַ נידעריקער, און ראָ־זענבערג, אַ הויכער און געזונטער יונג.

מיר האָבן זיך באַקענט, געשמועסט אין יידיש און פאַר מיר איז די באַקאַנטשאַפט געווען אַן אַנגענעמע איבערראַשונג. גרישקאָ און ראָזענבערג — צוויי יידישע אינטעליגענטן פון יידישן פוילן, וואָס האָבן דורכגעמאַכט דעם טרויעריקן גורל פון אונדזער צייט: פאַרשלעפּט געוואָרן פון פוילן קיין רוסלאַנד, דאַן קיין ענגלאַנד אַלס סאָלדאַטן אין דער ענגלישער אַרמיי, געווען אין ארץ־ישראל און אין אַנדערע לענדער.

דאָס איז דער וועג אין קורצן. אָבער אין תוך גענומען איז דער וועג אַ לאַנגער, לאַנג ווי דער יידישער גלות. פוילן איז צע־שטערט. פון די יידן זיינען זייער ווינציק פאַרבליבן. די יידישע קולטור, די יידישע פרומקייט, די יידישע מאַסע — אַלץ איז אַוועק מיטן רויך, וואָס דער ברוטאַלער דייטש האָט פונאַנדערגעבלאָזן.

און די שארית הפליטה, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון דער דייטשישער סיסטעמאַטישער אויסראָטונג, די פרומע פוילישע יידן, די היינטוועלטיקע יידן, די אינטעליגענץ — די יידן דרייען זיך אַרום האָפענונגסלאָזע, אָן אַ היים, אָן בטחון. פאַר זיי איז ניטאָ קיין צוקונפט. אומקערן זיך צוריק קיין פוילן? איז פוילן אַ יידישער בית־עולם.

וואו זיינען די געדיכטע יידישע גאַסן און געסלעך, יידישע מערק, שולן, חדרים? וואו זיינען די יידישע קולטור־אינסטיטוציעס, די ביבליאָטעקן, די פאַרלאַגן, די שרייבערס און אַקטיאָרן און קינסט־לערס, וואו זיינען זיי איצט? אויף קידוש־השם געגאַנגען, פאַרשלעפּט

געוואָרן אויף שקלאַפן־אַרבעט, פאַרגאַזט, פאַרברענט געוואָרן אין אויוונס. אַפילו דאָרט וועט מען זיי ניט געפינען!

שפּאַצירנדיק אין אָוונט איבער די שטילע גאַסן פון דער פאַרשלאָפענער שטאָט ליאָן, וואָס איז איינגעטונקט אין פראַנצייזישער געשיכטע, האָבן מיר גערעדט, אָדער בעסער געזאָגט, גרישקאַ און ראָזענבערג האָבן גערעדט און איך האָב געשוויגן; מיר האָבן גערעדט וועגן דער טראַגעדיע פון פוילישן יידנטום בפרט און פון אייראָפּעאישן יידנטום בכלל.

און מיר האָבן געשמועסט וועגן יידישע פּאַרטייען; וועגן לעבן אין דער ענגלישער אַרמיי און אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי; וועגן רוסלאַנד, וואו ביידע בחורים האָבן פאַרבראַכט עטלעכע יאָר, און אויך וועגן ארץ־ישראל.

און עס איז געווען מאָדנע, וואָס ערגעץ אין אַ פראַנצייזישער שטאָט האָבן דריי יידישע סאָלדאַטן אין פאַרשיידענע מונדירן שפּאַצירט אין אָוונט און גערעדט אין מאַמע־לשון וועגן זאַכן, וואָס זיינען שוין מער ניטאָ און עס איז שוין איצט געשיכטע.

גרישקאַ און ראָזענבערג פון פוילן זיינען געווען פּאַרטיימענטשן, נאָכפאָלגערס און קענערס פון דער יידישער ליטעראַטור, באַזוכערס פון די רעפעראַטן אין ליטעראַטן־פאַראיין, באַזוכערס פון יידישן טעאַטער, לייענערס פון די „ליטעראַרישע בלעטער", „נייע פאָלקס־צייטונג" און אַנדערע צייטונגען און זשורנאַלן וואָס זיינען דערשינען אין פוילן.

גרישקאַ און ראָזענבערג האָבן מיר דערציילט וועגן דער מעדעם קינדער־סאַנאַטאָריע, וואו זיי זיינען געווען אָפטע באַזוכערס. זיי האָבן מיר דערציילט וועגן זאַמאָשץ, די געבורטשטאָט פון דעם גרויסן י. ל. פּרץ. זיי האָבן מיר דערציילט וועגן יידישע פּאָעטן, בעלעטריסטן און אַקטיאָרן. זיי האָבן דאָס אַלץ געזען מיט די אייגענע אויגן. איך האָב נאָר געלייענט וועגן דעם.

דאָס איז אַלץ געווען אַמאָל, פאַר דעם קריג, פאַר אַדאָלף היטלערן, פאַר דעם גרויסן וועלטפייער, וואָס האָט אונטערגעצונדן שטעט און לענדער און פאַרברענט מענטשן. היינט איז דערפון גאָרניט געבליבן. וואו פוילן? וואו יידן?

און די וואָס זיינען פאַרבליבן, אַזוינע ווי די סאָלדאַטן גרישקאַ און ראָזענבערג, וואָס דינען אין אַ פרעמדער אַרמיי, — די וואָס זיינען

פאַרבליבן — דרייען זיך אַרום ווי לעבעדיקע מתים איבער אייראָפּע, אָן אַ היים, אָן משפחות און אָן אַ צוקונפט.

***

אין סוואַסאָן, די שטאָט וואָס ליגט אין דער געגנט פון שאַטאָ־טיערי און ווערדון, האָבן מיר באַגעגנט פּאָליאַקן.

ווי אין אַנדערע פראַנצייזישע שטעט, האָבן זיי זיך אויך דאָ באַזעצט, די אויסגעוואַנדערטע פון פּוילן, געפונען אַרבעט, געוואָרן פאַרמערס, זיך אויסגעלערנט פראַנצייזיש און געבוירן קינדער אין דער נייער היים.

זיי האָבן אָבער פּוילן ניט פאַרגעסן. שפּראַך, מנהגים און טראַדיציעס — אַלץ מיטגעפירט פון דעם וויטן פּוילן; ניט אײַ־בערגעלאָזט ערגעץ־וואו אויפן וועג, נאָר מיטגעפירט מיט זיך אויף דער נייער ערד.

מיר האָבן שפּאַצירט אויף דער הויפּטגאַס פון סוואַסאָן, איך און צוויי חברים־סאָלדאַטן, פּויליש־אַמעריקאַנער פון שיקאַגאָ. עס האָט אונדז אָפּגעשטעלט איינער אַ בחור און אונדז געפרעגט, אויב מיר זיינען פּאָליאַקן.

— זיכער, — האָבן מיינע חברים געענטפערט.

דער בחור האָט זיך דערפריים. אַליין אַ פּויליש־געבוירענער, האָט ער געזוכט פּוילישע לאַנדסלייט צווישן די סאָלדאַטן וואָס פלעגן קומען אין שטאָט אַריין פאַרברענגען.

מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט, זיך באַקענט און זיינען אַלע אַריין אין אַ גרויסן הויף, וואו הינער זיינען אַרומגעלאָפן, קלעצער האָלץ זיינען געלעגן גרייט צום זעגן, און פּוילישע קינדער האָבן זיך געשפּילט אין כאַפּעניש.

אין די צוויי צימערן פון דער נידעריקער שטוב אין הויף האָט מען סערווירט דעם טיש און מיר האָבן דערוויַיל געכאַפּט צו גלעזלעך וואָדקאַ, וואָס איז געווען גאָר שטאַרק, נאָר ווי פּאָליאַקן קענען עס מאַכן.

נאָכן עסן זיינען געקומען פריינד און אייגענע. איינער מיט אַ האַרמאָשקע האָט געשפּילט פּוילישע און רוסישע ניגונים. די אַנ־דערע האָבן געזונגען. די פּוילישע שפּראַך, די מוזיק, דער פאַ־

פיראָסן־רויך און די וואָדקאַ — עס האָט זיך געדוכט, אַז מען איז ערגעץ אין פוילן.

שפּעט אין אָוונט האָט מען אונדז געפירט צו אַ פּוילישן טאַנץ. פּוילישע מיידלעך און בחורים האָבן געטאַנצט די מאַזורקאַ און קאָזאַצקע. אויף פראַנצייזישער ערד זיינען זייערע פּויליש־נאַציאָנאַלע טענץ ניט פאַרלוירן געגאַנגען.

געגעכטיקט האָבן מיר ביי אַ פּוילישער פרוי, אין דער פרי האָט אונדז די גוטע פּוילישע פרוי געמאַכט אַ פאַנקוכן, מיט קאַווע און ברויט, און מיר האָבן געגעסן אָנבייסן.

***

מיט מיינעם אַ חבר גיי איך באַזוכן פּוילישע פאַרמערס. דער וועג איז אַ וויטער, אָבער אַ שיינער און עס ווילט זיך שפּאַצירן.

אַ הונט בילט און לויפט אונדז אַנטקעגן. דורכן טויער גייען מיר צום הויז. עס עפנט זיך די טיר און אַ יונגע מיידל באַווייזט זיך, דעם אַלטן פאַרמערס טאָכטער. זי באַגריסט זיך מיטן חבר. זיי קענען זיך שוין פון פריער.

זי האַלט אָפן די טיר און מיר גייען אַריין. אין קיך איז פינצטערלעך. עס שטייט דאָרט אַן אויוון, אַ טיש, עטלעכע שטולן און אויף דער וואַנט הענגט אַ זייגער און שלאָגט אויס די שטילע שעהן. מיר שטרעקן אויס די הענט צום אַלטן און צו זיין ווייב:

— דאָברי וועטשער!

זייערע הענט זיינען פאַרהאַרטעוועטע פון גראָבן און זייען און עס שמעקט פון זיי מיט גוטער ערד. זיי ענטפערן אויף אַ פאַרהאַרטעוועטן פּויליש:

— דאָברי וועטשער!

זיי רוקן צו שטולן און מיר זעצן זיך.

עס ווערט פינצטער. דער אַלטער נעמט אַראָפּ אַ פאַררייכערט קעראָסין־לעמפּל, צינדט אָן דעם קנויט און עס פלעמלט. די אַלטע רוקט זיך מיט שווערע טריט, ברענגט אַרויס פון אַ זייטיק צימער אַ פלאַש בראָנפן, שטעלט גלעזלעך און מיר טרינקען, ווינטשנדיק איינער דעם אַנדערן:

— נאַ זדראָוויע!

— נאַ זדראָוויע!

אַ קליין בלאָנד קינד, דער טאָכטערס מיידעלע, דרייט זיך אַרום אויפֿן דיל איבער דער קיך. זי שפּילט זיך מיט אַ מאַראַנץ, וואָס דער חבר האָט איר געבראַכט. אין פֿראַנקרייך זעט מען איצט ניט אַזאַ פֿרוכט. דאָ איז עס איצט אַ לוקסוסזאַך.

דער שמועס ווערט געפֿירט אַרום דער מלחמה, סאָלדאַטן, אַרמיי, פֿאַרם. קיין סך פֿויליש קען איך ניט. איך כאַפּ אויף ווערטער, עטלעכע זאַצן און דאָס איבעריקע איבערזעצט פֿאַר מיר מיין חבר.

אויף דער אַנדערער זייט טיר דראַפּעט זיך אַ הונט. די טאָכטער לאָזט אים אַריין. ער לויפֿט פֿון אַלטן צו דער אַלטער, לעקט זיי, וואַרטשענדיק צופֿרידן און ציט זיך אויס לעבן אויוון.

מיר פֿאַרטרינקען נאָך אַ מאָל, פֿאַררייכערן, דער שמועס ציט זיך פֿאַמעלעך און דער זייגער ווייזט שוין אויף צען. דער וועג צום לאַגער איז אַ ווייטער און מיר גרייטן זיך שוין צו גיין.

דער אַלטער לאָזט אָבער ניט. צוויי געסט פֿון אַן אַנדערער וועלט, אַזש פֿון אַמעריקע, קומען איין מאָל אין אַ שמיטה, טאָ צו וואָס זיך איילן? פֿאַרשטיי איך דעם אַלטן גוט. זיין לעבן איז דאָ גרוי, שטיל, ווייט פֿון דער טומלדיקער שטאָט. מיר זיינען פֿרישע ווינטן; אויסגעפֿאָרן אַ וועלט, לענדער און אָקעאַנען; געזען מענטשן פֿאַרשיידענע און געקעמפֿט מיטן שונא. אינטערעסאַנטע געסט זיינען מיר. מיר האָבן אַריינגעבראַכט אַ ביסל ליכט אין זיין פֿינצטערער שטוב.

זיצן מיר נאָך אַ שעה, דערציילן וואָס עס טוט זיך אויף דער גרויסער וועלט, טרינקען נאָך אַ שנאַפּס און ענדלעך גייען מיר אַרויס. זיי באַגלייטן אונדז אַרויס און בעטן ווידער קומען. מיר זאָגן צו, כאָטש אויף זיכער ווייסן מיר ניט. אויב מיר וועלן קריגן דערלויבעניש, וועלן מיר קומען. דאָס מאָל האָבן מיר זיך אַרויסגעגנבעט פֿון לאַגער. אַ צווייט מאָל וועט שוין זיין שווערער.

דער הונט לויפֿט אונדז אויך נאָך ביזן טויער און בילט. קען דאָס זיין, אַז אויך ער וויל ניט אַז מיר זאָלן אַוועקגיין?

מיר געזעגענען זיך מיט זיי אין דער פֿינצטערער נאַכט און פֿאַרנעמען זיך אויפֿן וועג צום לאַגער. אַ נאַכט אָן שטערן און אַ מאַטע לבנה באַגלייט אונדז. ביימער וויגן זיך אין ווינט און אויף ביידע זייטן וועג שטייען זאַנגען.

פֿראַנקרייך, פֿעברואַר, 1945.

מאַמע־לשון

אין דער אַרמיי איז אַזוי: עס לויפן פאַרביי וואָכן און חדשים, מען איז פאַרנומען טאָג און נאַכט, מען שלאָגט זיך אויפן פראָנט, מען אַרבעט אין לאַגער, מען וואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד, מען זעט זיך אָן אַ וועלט, און דורך דער גאַנצער צייט פאַרגעסט מען אָפט וואָס מען איז און ווער מען איז.

דעם יידישן סאָלדאַט איז שווער צו זיין אַ ייד. פאַר דעם יידישן פאַראַשוטיסט איז עס נאָך שווערער. יידישע פאַראַשוטיסטן זיינען פאַראַן ווייניק. קיין יידישער טשעפּלעין איז ניטאָ צווישן אונדז. פילט מען זיך פאַרלאָזן.

דאָן פּאַסירט עפּעס, וואָס טרייסלט אויף און דערוועקט זאַכן פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט. מען דערמאָנט זיך אָן דער יידישער היים, אָן יידישע חברים, אָן אַ יידיש לעבן אין ניו־יאָרק, אין שיקאַגאָ, אָדער אין אַ קליין שטעטל ערגעץ אין דער סאַוט.

צו אונדז, יידישע פאַראַשוטיסטן, האָט מען אַרויסגעשיקט אַ באַקאַנטמאַכונג אַז פריטיק אָוונט וועט מען דאַוונען אין אַ שול, אין אַ פראַנצייזישער שטאָט. איך בין מיטגעפאָרן. עס האָט זיך געוואָלט אָנקוקן אַ פראַנצייזישע שול און באַקענען זיך מיט פראַנ־צייזישע יידן.

עס איז געווען פינצטער ווען דער טראָק האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דער שול אויף אַ שטילער גאַס. דורך אַן אייזערנעם טויער זיינען מיר אַריין אינעווייניק. עס האָבן זיך שוין דאָרטן געפונען יידישע אינפאַנטעריע־סאָלדאַטן, יידישע סאָלדאַטן פון מעדיצינישן קאָרפּוס, אָפיצירן, עטלעכע „וועקס", אַ יידישע מיידל פון „רויטן קרייץ", יידן־סאָלדאַטן פון לופט־קאָרפּוס און פראַנצייזישע יידן.

מען איז געשטאַנען אין די מאַנטלען, אין שול איז געווען קאַלט. סאָלדאַטן זיינען געשטאַנען אין גרופּעס און גערעדט מיט

די פראַנצייזישע יידן. עס האָבן זיך געהערט דריי לשונות: ענגליש, פראַנצייזיש און יידיש. איך האָב זיך געוואונדערט: יידיש — דאָ? איך האָב דערוואַרט, אַז מען זאָל ריידן ענגליש און פראַנצייזיש; אָבער מאַמע־לשון? — אויף דעם האָב איך זיך ניט געריכט.

איך בין אַרומגעגאַנגען פון גרופּע צו גרופּע, זיך צוגעהערט צו די רייד, און עס איז פאַר מיר געווען זייער אַן אָנגענעמע איבער־ראַשונג. נאָך מער: איך האָב זיך באַקענט מיט יידן, וואָס זיינען גע־קומען אַהער פון פוילן, רוסלאַנד און רומעניע.

צו מיר איז צוגעגאַנגען אַ ייד, נעט אָנגעטאָן, אויסגעשטרעקט אַ האַנט און אָפּגעגעבן אַ שלום־עליכם.

— אַ יידישער פּאַראַשוטיסט? — האָט ער געפרעגט.

— יע, — אַ יידישער פּאַראַשוטיסט.

ער האָט גערעדט אַ ליטווישן יידיש. איך האָב אים געפרעגט:

— פון וואַנען קומט אַ ייד?

— פון רוסלאַנד, מינסקער גובערניע — און ער האָט אָנ־גערופן אַ שטעטל לעבן קוידענאָוו. מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָט ער פאַרלאָזן רוסלאַנד און זיך באַזעצט אין פראַנקרייך און אין נייעם לאַנד געבראַכט קינדער אויף דער וועלט.

מיר האָבן זיך פונאַנדערגערעדט, געשמועסט וועגן פאַרשיי־דענע זאַכן. ער האָט מיר דערציילט וועגן דער שול וואו מיר געפינען זיך איצט. די נאַציס האָבן פאַרברענט די ספרי־תורות, אָבער ווי דורך אַ נס איז די שול גאַנץ געבליבן. זיי האָבן גאָרניט געשעדיקט. די יידן זיינען אָבער אַזוי גרינג ניט אָפּגעקומען. מען איז זיך צע־לאָפן, באַהאַלטן, און די וואָס זיינען אַריינגעפאַלן צו די נאַציס אין די הענט האָבן דורכגעמאַכט ליידן, פּיין און יסורים. מען האָט זיי געוואָרפן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן. מען האָט זיי פאַרשלעפּט אויף צוואַנגאַרבעט. מען האָט זיי אומגעבראַכט. ער אַליין, דער ייד, איז צוויי מאָל געווען פאַרשפּאַרט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. זיינע קינדער האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. זיין ברודערס אַן אַכצניאָ־ריקע מיידל האָבן די נאַציס ערגעץ פאַרשלעפּט, און מען ווייס ניט וואו איר געביין איז אַהינגעקומען.

ער האָט מיר פאַרגעשטעלט פאַר זיין ווייב און קינדער. די קליינע האָבן גערעדט פראַנצייזיש. יידיש האָבן זיי נאָר פאַר־שטאַנען. איך האָב אויף זיי געקוקט און זיך געפּרואווט פאַרשטעלן,

וואָס זיי האָבן דורכגעלעבט אין יענע טעג, ווען די נאַציס האָבן זיי געזוכט, און זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ערגעץ אין פרעמדע היימען, אָפּגעריסן פון טאַטן, וואָס האָט אַליין געליטן אין אַ קאָנ־צענטראַציע־לאַגער.

עס זיינען צוגעקומען נאָך עטלעכע יידן מיט ווייבער און מיינע חברים. מען האָט זיך באַקענט איינער מיט דעם אַנדערן און גערעדט האָט מען ניט ענגליש און ניט פראַנצייזיש, נאָר מאַמע־לשון, פראָסט יידיש. מיר קענען ניט קיין פראַנצויזיש, יענע יידן קענען ניט קיין ענגליש, האָט אונדז יידיש צונויפגעבונדן אין אַ פרעמד לאַנד.

איך מוז מודה זיין, אַז דער יידיש פון די יידישע סאָלדאַטן איז ניט גאָר פּערפעקט. זיי האָבן אים אויפגעכאַפּט אין זייערע היימען ערגעץ אין בראָנזוויל, אין בראָנקס אָדער אויף דער איסט־סייד, אָבער עס איז דאָך יידיש. און איך ווייס, אַז זיי, די יידישע סאָלדאַטן, פאַרדריסט ניט אויף דעם, וואָס זיי קענען רעדן כאָטש אַ צעהרגעטן מאַמע־לשון. דערהויפּט איז עס זיי צו ניץ געקומען יענעם פרייטיק אָוונט אין דער פראַנצייזישער שול.

אַ זייגער זיבן איז אַריינגעקומען דער יידישער טשעפּלעין, אַ קעפּטען אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי. אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט. די שול איז געווען איבערגעפילט. די וואָס זיינען געקומען שפּעט האָבן שוין געמוזט זיצן אויבן אין דער ווייבערשער שול.

דער טשעפּלעין האָט אין ענגליש אַלעמען באַגריסט און גע־זאָגט אַז ער איז צופרידן צו זען אַזוי פיל יידישע סאָלדאַטן אין שול. ער האָט געבעטן אויפמישן קבלת שבת אין סידור. און מען האָט אָנגעהויבן דאַוונען. סידורים זיינען געווען דרייערליי — העב־ברעאישע, ענגלישע, וואָס די „דזשואיש וועלפעיר באָארד" גיט אַרויס ספּעציעל פאַר די יידישע סאָלדאַטן און מאַטראָסן, און פראַנ־צייזישע.

אַ סאַרדזשענט האָט געדאַוונט ביי דעם עמוד. ער איז גע־שטאַנען ביים שטענדער, מיטן סידור אין האַנט, געשאָקלט זיך, און מיט דעם טראַדיציאָנעלן ניגון וואָס שטאַמט פון די עלטער־זיידעס אָנגערירט יעדן איינעם, וואָס האָט זיך געפונען אין שול. איך האָב פון דער זייט בשעת־מעשה געקוקט אויף די יידישע אָפּי־צירן און סאָלדאַטן און „וועקס"; אויף די פראַנצייזישע יידן און

אויף די יידן פון רוסלאַנד, פוילן, רומעניע. אַלע האָבן זיך אין גאַנצן איבערגעגעבן דעם בעל־תפילה ביים עמוד.

דער דאָזיקער יידישער בחור האָט אויסגעדריקט אין דאַוונען דעם ווייטיק און פּיין פון יידישן חורבן און געשטאַרקט אַלעמענס הערצער.

איך האָב געקוקט אויף די קינדער. זיי זיינען געזעסן לעבן די עלטערן, זיך ניט באַוועגט, שטיל צוגעהערט זיך צום דאַוונען. מיר האָט זיך געדוכט אַז אויך זיי באַנעמען דעם יידישן גורל פון אונדזער צייט. אַז אויך זיי פאַרשטייען וואָס עס מיינט צו זיין אַ ייד, ווייל זיי אַליין, צען־עלפיאָריקע ייִנגלעך און מיידלעך, האָבן שוין דורכגעמאַכט אַלערליי צרות און יסורים אונטער דער נאַציסשער הערשאַפט.

ווייל ס׳איז געווען חנוכה, האָט דער טשעפּלעין געזאָגט, אַז ער וועט ריידן וועגן דעם אַלטן יידישן יום־טוב פון באַפרייאונג.

טשעפּלעין אייזיק קליין, האָט גערעדט מיט האַרץ און געפיל. זיין רעדע האָט ער ניט געהאַט צוגעגרייט פון פריער. ער האָט גערעדט וועגן די מאַקאַבייער און עס צונויפגעבונדן מיטן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, מיט די יידישע פּאַרטיזאַנען אין רוסלאַנד, פוילן און אַנדערע לענדער וואָס קעמפן קעגן די נאַציס.

ער האָט דערציילט אינטערעסאַנטע פאַקטן וועגן אַ יידישער פּאַרטיזאַנען־באַנדע אין פראַנקרייך, אָנגעפירט פון אַ רב; וועגן יידישע מיידלעך, וואָס האָבן אונטערערדיש באַקעמפט די נאַציס; וועגן יידן קעמפערס וואָס האָבן קיין מאָל פריער קיין ביקס אין האַנט ניט געהאַלטן, און ווי זיי האָבן פאַנאַטיש געקעמפט און זיך ניט אונטערגעגעבן.

טשעפּלעין קליין האָט גערעדט, געשילדערט און אויך זיך באַנוצט מיט מאַמע־לשון.

ער האָט אַלעמען געהאַלטן געשפּאַנט. קיינער האָט אַפילו ניט באַמערקט ווי ס׳איז אַריינגעקומען אין שול אַ קאַטוילישער טשעפּלעין און זיך אַוועקגעזעצט צווישן די יידישע סאָלדאַטן.

ווי עס פירט זיך נאָכן דאַוונען, האָט מען נאָך דעם טשעפּלעינס ריידן זיך אַרומגעקליבן אַרום אים. די סאָלדאַטן האָבן אים אָפּגעגעבן שלום עליכם. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט פון וואַנען זיי קומען און גערעדט האָט מען יידיש.

עס איז געוואָרן שפּעט. מיר האָבן שוין געדאַרפט צוריקפאָרן

אין לאַגער. פאַרן זעגענען זיך מיט אונדז, האָט דער טשעפּלעין אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און אויסגערופן:

— מאַמע טייערע, ווי גוט עס איז צו הערן אַ יידיש וואָרט איצט דאָ אין פראַנקרייך. יידישע סאָלדאַטן ריידן מאַמע־לשון.

רעימס, פראַנקרייך, חנוכה, 1945.

אַ יידישער טשעפּלעין

די חנוכה־פייערונג איז פאָרגעקומען אין אַ גרויסן זאַל אויף אַ גאַס וואָס טראָגט דעם נאָמען פון גרויסן פראַנצייזישן סאָציאַ־ליסט זשאָרעס. איז דאָס אפשר סימבאָליש, ווייל אָט דער דאָזיקער סאָציאַליסט האָט אויך געקעמפט פאַר באַפרייאונג, און די קעגנערס האָבן אים דערמאָרדעט.

מיר זיינען אַריין אין גרויסן, לאַנגן זאַל, וואָס איז געווען באַ־לויכטן און אַרומגעשטעלט מיט לאַנגע טישן. אויף די ווענט זיינען געהאַנגען פראַנצייזישע פאָנען, אַמעריקאַנער פאָנען און מגן־דודס. די טישן זיינען געווען באַדעקט מיט ווייכע טישטעכער און אָנגע־שטעלט מיט שאַמפּאַניער און קוכן.

קינדער זיינען אַרומגעלאָפן איבערן זאַל. ס׳איז געווען טומל־דיק. דער גרויסער עולם איז געזעסן אָדער געשטאַנען. מען האָט גערעדט פראַנצייזיש, ענגליש און מערסטנס יידיש.

ווען ס׳איז אַריין דער יידישער טשעפּלעין, אייזיק קליין, האָט מען האָט אָנגעהויבן די פייערונג. צו ערשט האָבן אַלע געזונגען דעם אַמעריקאַנער הימן: „דהי סטאַר ספּענגלד בענער״, דעם פראַנציי־זישן הימן: „די מאַרסעליעזע״, און דעם ציוניסטישן הימן: „התקוה״. דערנאָך האָט דער טשעפּלעין געבענטשט חנוכה־ליכט און דער עולם האָט געזונגען יידישע לידער: „אויפן פּריפּעטשאָק״, „און אַז דער רבי...״, „חנוכה, חנוכה, אַ יום־טוב אַ שיינער״, און אַנדערע לידער.

לאַטקעס, ווי מען האָט אונדז צוגעזאָגט, זיינען ניט געווען, אָבער דערפאַר האָבן מיר געטרונקען גוטן פראַנצייזישן שאַמפּאַניער און פאַרביסן מיט קוכן. די אָרגאַניזירער פון אָוונט זיינען אַרומגעלאָפן איבערן זאַל. די מענער האָבן געגאָסן שאַמפּאַניער אין די גלעזער, די פרויען האָבן אונדז געשטאָפּט קוכן און ס׳איז געווען גוט, ווייל ס׳איז געווען היימיש: חנוכה־ליכט, מגן־דודס, יידישע לידער.

אַלע זיינען געווען אין אַ גוטער שטימונג, דערהויפּט אָבער

מיר, סאָלדאַטן. אויפן האַרצן איז געווען יום־טובדיק, ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס מיר האָבן זיך געפונען אויף פרעמדער ערד, ווייט פון דער היים. מיר האָבן געשמועסט מיט היימישע יידן פון רוס־לאַנד און פוילן, יידן פון ווילנע, וואַרשע, מינסק. מיר האָבן גע־פּרוווט ריידן מיט פראַנצייזישע יידן, וואָס קענען ניט קיין יידיש, און ס׳איז אָנגעקומען שווער.

איך האָב געוואָלט ריידן מיטן טשעפּלעין קליין. אין זאַל איז עס געווען אוממעגלעך. זיינען מיר אַריין אין אַ שענק, וואָס האָט זיך געפונען לעבן זאַל. דאָרט האָבן מיר זיך געזעצט ביי אַ טיש און גערעדט מאַמע־לשון. אין שענק האָבן זיך געפונען אַמעריקאַנער סאָלדאַטן, ניט קיין יידישע. מיר האָבן באַמערקט, אַז זיי האָבן אונדז ביידן מאָדנע אָנגעקוקט: אַט זיצן אַ קעפּטען מיט אַ „פּראַי־וועט״, אַן אָפיציר און אַ סאָלדאַט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי, און ריידן עפּעס אויף אַ פרעמד לשון.

דער טשעפּלעין האָט געוואָלט רעדן וועגן די יידן אין פראַנק־רייך. דאָס איז געווען זיין באַליבטסטע טעמע. איך האָב אָבער געוואָלט וויסן וועגן אים אַליין: פון וואַנען ער שטאַמט, וואָס פאַר אַ דערציאונג ער האָט באַקומען, אד״גל. האָט ער אין קורצן דער־ציילט:

ער איז געבוירן געוואָרן אין טשעכאָסלאָוואַקיע. דער טאַטע איז געווען אַן אַרבעטער. דאָרטן האָט ער באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציאונג (חדר, אד״גל). אין עלטער פון פופצן יאָר איז ער געקומען קיין אַמעריקע, דורכגעמאַכט עטלעכע אוניווערסיטעטן, יעיל אַריינגערעכנט, און איז געוואָרן אַ ראַבאַי.

טשעפּלעין קליין האָט דערמאָנט באַוואוסטע יידישע געלערנ־טע, ווי פינקעלשטיין און גינזבורג, גערעדט וועגן סמיכה אויף רבנות, וואָס ער האָט באַקומען, דערמאָנט אַ בוך וואָס ער האָט אָנגעשריבן, און צוגעזאָגט געבן מיר אַן עקזעמפּליאַר. זיין היים איז אין ספּרינגפילד, מאַסס. מער וועגן זיך האָט ער ניט געוואָלט רעדן. ער איז איבערגעגאַנגען צו די יידן אין פראַנקרייך.

כאָטש ער איז שטאַרק פאַרנומען מיט אַרמיי־אַרבעט, אויפפּאַסנ־דיק אויף די יידישע סאָלדאַטן אַלס גייסטלעכער, גיט ער אָפּ אַ סך צייט און ענערגיע צו העלפן די היגע יידן, אי מאַטעריעל, אי אָרגאַני־זאַטאָריש.

ער, טשעפּלעין קליין, איז געקומען אין אַ פראַנצייזישער שטאָט (דערציילט ער). וואו געפינט מען יידן, וואו זוכט מען זיי? די מער־סטע זיינען צעלאָפן, אויסבאַהאַלטן זיך, אָדער די נאַציס האָבן זיי פאַרשלעפּט ווער ווייס וואו.

איז ער אַרויס אויפן פראַנצייזישן מאַרק, געשטעלט זיך אין מיטן, אַרויסגעשלעפּט אַ יידישע צייטונג, פונאַנדערגעעפנט די זייטן און — געוואַרט. יידן, האָט ער געטראַכט, ווען זיי וועלן דער־זען אַ יידישע צייטונג, וועלן קומען צו אים. און אַזוי איז טאַקע געווען. עס האָבן זיך באַוויזן עטלעכע יידן. צו זיי זיינען צוגעקומען נאָך בני ישראל.

אַרום טשעפּלעין איז שוין געשטאַנען אַן עולם. און אויפן מיטן מאַרק האָט ער צו זיי גערעדט מאַמע־לשון, דערציילט ווער ער איז, געענטפערט אויף פראַגעס. ווען איך וואָלט געווען אַ מאָלער, וואָלט איך אַזאַ בילד געמאָלן: אויפן מאַרק שטייט אַ ייד אין דעם מונדיר פון אַן אַמעריקאַנער אָפיציר, האַלט אַ יידישע צייטונג אין האַנט, און אַרום שטייען יידן און הערן זיך צו צו זיינע רייד. איך בין זיכער, אַז אויך פראַנצויזן זיינען געשטאַנען אַרום און גע־קוקט אויפן וואונדער.

און אַ וואונדער איז עס געווען, אָט ערשט האָבן דאָ געהערשט די נאַציס. יידן זיינען ניט געווען זיכער מיטן לעבן. פון אַ יידיש וואָרט און אַ יידישער צייטונג איז דאָך שוין אָפּגערעדט. זיינען געקומען די אַמעריקאַנער, יידישע סאָלדאַטן צווישן זיי, פאַרטריבן די דייטשן, און איצט מעג מען שוין לייענען יידיש, און ריידן יידיש. און לעבן ווי יידן.

דעם טשעפּלעינס אָפיס איז אין שטאָט. יידן האָבן אָנגעהויבן גיין צו אים נאָך הילף וועגן פאַרשיידענע ענינים, און ער האָט גע־טאָן, און טוט נאָך איצט, איבער די כוחות. די שול האָט מען ווידער געעפנט. אַלע פרייטיק אָוונט דאַוונט מען דאָרטן, שבת אין דער פרי קומט פאַר אַ מנין. פאַר די יידישע סאָלדאַטן, וואָס געפינען זיך אַרום אַראַנזשירט מען שמחות, ווי די חנוכה־פייערונג. טשעפּ־לעין קליין האָט אויך געווירקט אויף די יידן, אַז זיי זאָלן אָנשטעלן אַ יידישן לערער פאַר זייערע קינדער.

אין מיטן דערציילן האָט דער טשעפּלעין עפּעס באַמערקט. ער האָט צוגערופן צו זיך עמעצן אין פראַנצייזיש. פאַר מיר איז

געשטאַנען אַ בחור פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר, מיט אַ בלייך, אויסגעצערט געזיכט, אַ קאָפּ שוואַרצע האָר און שרעקעדיקע אויגן.

— אָט דאָס איז אַ יידיש־פראַנצייזישער בחור — האָט מיר טשעפּלעין קליין געזאָגט. — ווען די נאַציס זיינען אַהער געקומען, האָט אים אַ פראַנצייזישע פאַמיליע אויסבאַהאַלטן אויף אַ קונציקן אופן. צוויי יאָר, איר הערט, צוויי יאָר איז ער געווען אַנגעטאָן אַלס דינסט־מיידל און געאַרבעט אין הויז ביי די גוטע פראַנצויזן.

קיינער האָט דאָס ניט געוואוסט. דער קונץ איז געלונגען און די נאַציס האָט מען אָפּגענאַרט. איך האָב געקוקט אויפן בחור, וואָס האָט יידיש ניט פאַרשטאַנען. יע, ס'איז מעגלעך געווען פאַר אַזאַ צו פאַראַדירן אַלס אַ פרוי. זיין שלאַנקע פיגור און מיידלשער פנים האָט באַשטעטיקט דעם פאַקט.

מיר וואָלטן נאָך געזעסן און געשמועסט, אָדער, בעסער געזאָגט, איך וואָלט זיך צוגעהערט און דער טשעפּלעין וואָלט גערעדט. ס'איז אָבער געוואָרן שפּעט. מיר זיינען אַוועק צוריק אין זאַל. דער עולם איז נאָך דאָרטן געווען. יידישע אָפיצירן — לייטענאַנטן, קאַפּיטאַנען, אַ מאַיאָר פון „עיר קאָר" (לופט קאָרפּוס) — זיינען געשטאַנען אין אַ גרופּע און געשמועסט. צוויי ניט־יידישע טשעפּלעינס האָבן זיך באַגריסט מיט טשעפּלעין קליין.

אויף דער בינע האָבן געברענט די חנוכה־ליכט. דעם שאַמפּאַניער האָט מען שוין לאַנג אויסגעטרונקען, די קוכנס אויפגעגעסן. מיר, סאָלדאַטן, האָבן באַדאַנקט די יידן פאַר אַלץ און פאַרלאָזן דעם זאַל.

איך בין אַריינגעקראָכן אין טראָק מיט עטלעכע חברים־פּאַראַשוטיסטן. די חנוכה־שטימונג האָט נאָך אָנגעהאַלטן. דער שאַמפּאַניער האָט אויך צוגעהאָלפן. מיר האָבן געזונגען יידישע לידער, חסידישע ניגונים, טעאַטער לידלעך.

אָט אַזוי האָבן מיר געזונגען און געפאָרן אין לאַגער אַריין.

רעימס, פראַנקרייך, חנוכה, 1945.

יידיש לעבן

1

אַזוי ווי אַלע דייטש־אָקופּירטע לענדער, איז אויך פראַנקרייך אַנטשוויגן געוואָרן אויף פיר יאָר. פיר יאָר האָבן זיך יידן אויסבאַהאַלטן, אַנטלאָפן, אַריינגעפאַלן צו די נאַציס אין די הענט, זייערע קינדער איבערגעלאָזט מיט גוטע שכנים אָדער אויף גאָטס באַראָט. פיר יאָר גיהנום. פאַרפייניקט געוואָרן אין די דייטשי־שע אויסראָטונגס־לאַגערן, גענומען געוואָרן אויף שקלאַפן־אַרבעט; יידישע טעכטער אין די שאַנד־הייזער פאַרשפּאַרט.

און ווי אין די אַלטע צייטן, האָבן יידן געקעמפט, זיך ניט אונטערגעגעבן, זיך ניט געלאָזט ברעכן. ווי יידן און פראַנצויזן האָבן יידישע בחורים און מיידלעך געקעמפט אין דער אונטערער־דישער באַוועגונג. ווי יידן און פראַנצויזן זיינען פיל געפאַלן אין קאַמף קעגן די נאַציס. ווען אַלע פאַקטן וועלן צונויפגעקליבן ווערן, ווען דאָקומענטן וועלן אַמאָל פאַרעפנטלעכט ווערן, ווען די וועלט וועט זיך דערוויסן — דאַן וועט פאַרשריבן ווערן אַ העלדישער קאַפּיטל אין דער יידישער געשיכטע.

2

נאָך פיר יאָר פינצטערניש האָבן מיר געפייערט דעם יידישן יום־טוב פון באַפרייאונג — פסח.

אין אַ קליין שטעטל. ערגעץ אין מזרח־צפונדיקן טייל פון דער באַפרייטער פראַנצייזישער רעפּובליק, האָבן מיר, עטלעכע יידישע סאָלדאַטן, אָפּגעריכט דעם סדר אין הויז פון דעם איינציקן יידן אין שטעטל. יוסף איינהעבער, אַ פּוילישער תושב פון פראַנק־רייך, אַ זון פון אַ יידן אַ חסיד, וואָס פלעגט פאָרן צום טשאָרטקאָ־

ווער רבין. ער וואוינט שוין כמעט צען יאָר אין פראַנקרייך. דאָ האָט ער זיך איינגעבירגערט מיט אַן אייגענעם געשעפט, קליידט זיך פראַנצייזיש און רעדט פּליסיק ס׳שפּראַך פון לאַנד.

ווען די נאַציס האָבן זיך גענומען דערנענטערן צו זיין שטעטל איז ער אַנטלאָפן אין דער שווייץ. דאָס געשעפט מיט סחורה האָט ער איבערגעלאָזט. אין קראָם פון יוסף איינהעבער האָבן די ס. ס.־טרופן געעפנט אַ ביוראָ פאַר שקלאַפן־אַרבעטער.

און אין פיר יאָר שפּעטער האָט מען פאַרטריבן די דייטשן פון פראַנקרייך. פון דער שווייץ איז ער, איינהעבער, צוריקגעקומען, געפונען שמוץ און מיסט און חורבן אין געשעפט, און געמוזט צוריק אָנהייבן בויען פון דאָס ניי.

פון פאַריז איז געקומען צו גאַסט אויף פסח איינהעבערס אַ באַקאַנטע מיט איר מיידעלע. זי האָט צוגעגרייט הון מיט קניידלעך און זופּ — אַ פסחדיק עסן, וואָס איך האָב שוין דריי יאָר ניט פאַרזוכט.

אין הינטערשטן צימער פון זיין געשעפט האָבן מיר געבראָכן מצה, געטרונקען וויין און געגעסן קניידלעך. פאַר מיר איז דער סדר געווען סימבאָליש. פיר יאָר, אונטערן זעלביקן דאַך, צווישן די זעלביקע פיר ווענט, אויפן זעלביקן דיל, האָבן נאַצישע שטיוול געטראָטן, נאַצישע פליִיצעס זיך אָנגעשפּאַרט און פון דעם זעלביקן צימער האָבן זיי פאַרשיקט מענטשן אויף שקלאַפן־אַרבעט.

און איצט זיינען מיר, יידישע סאָלדאַטן און ציווילע, געזעסן ביי אַ יידישן טיש, גערעדט יידיש און, ווי פרייע מענטשן, הנאה געהאַט פון אונדזער נאַציאָנאַלן יום־טוב.

3

אין דער צעניאָריקער מיידעלע האָב איך זיך גלייך פאַרליבט. אַזאַ באַטעמטן, חנוודיקן יידיש, ווי ס׳האָט גערעדט פייגעלע, האָב איך שוין לאַנג ניט געהערט.

— וואו האָסטו זיך אויסגעלערנט אַזאַ גוטן יידיש? — האָב איך זי געפרעגט.

— איך לערן אין אַ יידישער שול אין אָוונט און ביי טאָג גיי איך אין אַ פראַנצייזישער שול.

— וועלכע שול האָסטו בעסער ליב?

— איך האָב ליב ביידע שולן — האָט פייגעלע געענטפערט — אָבער די פראַנצייזישע קינדער האָבן ניט ליב קיין יידישע קינדער.

און שפּעטער, אין מיטן עסן, שמועסנדיק, זאָגט צו מיר פּיי־געלע:

— איך האָף, אַז ביז איבער אַ יאָר פּסח וועט מען מיין טאַטן באַ־פרייען פון קאָנצענטראַציע־לאַגער. די מאַמע זאָגט, אַז ס'איז בעסער ווען מען האָט אין גאַנצן ניט קיין פאַמיליע.

ערשט צען יאָר איז פייגעלע און שוין טראָגט זי אויף זיך דעם יאָך פון צו זיין אַ ייד.

איך האָב טיף אַריינגעקוקט אין פייגעלעס קינדערשע אויגן, געקוקט אויף איר ערנסטן, ממש דערוואַקסענעם פּנים און געטראַכט בשעת־מעשה, ווי גרויס ס'איז דער אונטערשייד צווישן די אַמערי־קאַנער יידישע קינדער און די אייראָפּעאישע יידישע קינדער. אַ גאַנצער מהלך.

ליאָן, פראַנקרייך, פּסח, 1945.

אַ יידישער שרייבער־פּאַראַשוט

פון מיין טאַטן פלעג איך אָפט באַקומען בריוו פון דער היים מיט גרוסן פון ז. שייקאָווסקין.

פּערזענלעך האָבן מיר זיך ניט געקענט. ער, שייקאָווסקי, האָט אָבער געהערט פון מיר און איך פון אים. פאַר מיר איז ער געווען אַ גוט באַקאַנטער נאָמען. זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן האָב איך אָפט געלייענט, נאָך איידער כ׳בין אַ סאָלדאַט געוואָרן, אין די „ייוואָ־בלעטער״, און אַנדערע אויסגאַבעס פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינ־סטיטוט.

שפּעטער, זייענדיק אין ענגלאַנד, האָב איך, צו מיין גרויסער איבערראַשונג, זיך דערוואוסט, אַז ער, שייקאָווסקי, געהערט צו מיין דיוויזיע, די 82טע „עירבאָרן״. גיי ווייס, אַז אַ יידישער שרייבער איז אַ פּאַראַשוטיסט, און נאָך אין מיין דיוויזיע.

הכלל, איך האָב ניט געהאַט קיין צייט אויפצוזוכן שייקאָווסקין, ווייל מיר האָבן פאַרלאָזט ענגלאַנד. עטלעכע חדשים זיינען אַזוי פאַרבייגעלאָפן ערגעץ אויפן מערב־פראָנט אין האָלאַנד, בעלגיע און פראַנקרייך. קומענדיק קיין פראַנקרייך פון פראָנט אָפּרוען זיך אין לאַגער, האָב איך איין מאָל געבלעטערט מיין קליין אַדרעסן־ביכל און זיך אָנגעשטויסן אויף שייקאָווסקין. אפשר איז ער דאָ אין לאַגער, האָב איך געטראַכט.

דעם זעלביקן טאָג טאָקע, בין איך אַוועק אין די „העדקוואָרטערס״ פון אונדזער דיוויזיע און אויפגעזוכט דעם יונגן יידישן וויסנ־שאַפטלער. איך האָב אים געטראָפן אין אָפיס וואו ער אַרבעט ווי אַן איבערזעצער, קענענדיק גוט פראַנצייזיש. איך האָב זיך פאַרגע־שטעלט, און ער האָט מיר דערלאַנגט אַ ברייטן שלום־עליכם.

פאַר מיר איז געשטאַנען אַ קורצער בחור מיט אַ שטילן שמייכל אויף די ליפּן, ליכטיקע אויגן און קורץ געשוירענע האָר.

זינט יענעם טאָג, זעען מיר זיך אָפט, פאַרברענגען צוזאַמען

און טיילן זיך מיט די מאָגערע ידיעות וואָס מיר באַקומען פון ניו־יאָרק.

שייקאָווסקי קען פראַנקרייך גוט. ניט נאָר איז ער אַ תושב פון פּאַריז, נאָר ער איז אַפילו אַ געוועזענער סאָלדאַט פון דער פראַנצייזישער אַרמיי. אין 1940 האָט ער זיך פרייוויליק אַנגעשלאָסן אין פּאַריז ווי אַ פראַנצייזישער סאָלדאַט. ער איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן אין באָרדאָ און די דייטשן האָבן אים גענומען געפאַנגען. זיי האָבן אים אַוועקגעשיקט קיין דרום־פראַנקרייך און מאָנאַטן־לאַנג איז ער געלעגן אין אַ שפּיטאָל אין קאַרפּענטראַס.

נאָכן פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל, האָט ער זיך גענומען צו וויסנ־שאַפטלעכער אַרבעט. ער האָט געפאָרשט די געשיכטע פון יידישן ישוב אין דרום־פראַנקרייך. לאַנג אָבער אָפּגעבן זיך מיטן שרייבן איז שייקאָווסקין ניט אויסגעקומען. די דייטשן האָבן אים פאַרשיקט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אין מאַראָקאָ, צפון־אַפריקע.

אַ דאַנק די באַמיאונגען פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינ־סטיטוט און יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, האָט מען אים באַפרייט אין סעפּטעמבער, 1941, און ער איז געקומען קיין אַמעריקע. אין ניו־יאָרק האָט ער זיך ווייטער גענומען צו זיין וויסנשאַפטלעכער אַרבעט.

אין יאַנואַר, 1943, איז שייקאָווסקי מאָביליזירט געוואָרן און האָט זיך אַנגעשלאָסן פרייוויליק ווי אַ פּאַראַשוטיסט אין אַנקל סעמס אַרמיי.

אין דער אינוואַזיע פון פראַנקרייך, אין יוני, 1944, האָט זיך שייקאָווסקי אויך באַטייליקט. ער איז געשפּרונגען מיט דער דיוויזיע אין נאָרמאַנדיע. דער שפּרונג איז אים גרינג ניט אַנגעקומען. ער האָט געלאַנדעט לעבן אַ וואַסער, אָבער בשלום.

„קיין יידן האָב איך אין נאָרמאַנדיע ניט געפונען", דערציילט מיר שייקאָווסקי. „איין יידישע מיידל נאָר האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון די דייטשן אין אַ שפּיטאָל פאַר גייסטיק־קראַנקע".

נאָך עפּעס האָט ער מיר דערציילט. אין אַ קליין שטעטל אין נאָר־מאַנדיע, זייענדיק זיי אַריין אין אַ קאַפע. אויפן טיר האָט ער דערזען אַ באַ־קאַנטמאַכונג אין פראַנצייזיש: „אַריינגאַנג פאַר יידן פאַרבאָטן". האָט ער, שייקאָווסקי, אַרונטערגענומען די אויפשריפט און שפּעטער עס אָפּ־

געשיקט קיין ניו־יאָרק צום יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, אַן אָנדענק אויף קומענדיקע דורות.

אָפט ריידן מיר ביידע וועגן דעם באַפרייאונגס־טאָג וואָס וועט קומען. ז. שייקאָווסקי האָט זיינע פּלענער. אַ יאָר צייט וואָלט ער געוואָלט פאַרבלייבן דאָ אין פראַנקרייך, און פאָרשן די געשיכטע פון דעם יידישן ישוב. ער האָט שוין פאַרעפנטלעכט אַרבעטן אויף דעם געביט און האָט נאָך מאַטעריאַלן, אינטערעסאַנטע און וויכטיקע, וואָס דאַרפן ערשט אָנגעשריבן ווערן. צוויי אַזעלכע אַרבעטן וואָס זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין ענגליש אין דעם באַוואוסטן זשורנאַל „דזשואיש סאָשעל סטאַדיס", האָט ער מיר געגעבן לייענען.

אויך וויל שייקאָווסקי אָנשרייבן אַ בוך זכרונות וועגן די יידישע קאָמבאַטאַנטן אין דער פראַנצייזישער אַרמיי. ער אַליין איז געווען איינער פון זיי און האָט פיל דורכגעמאַכט. ביז וואָס־ווען, זיצט ער ניט מיט פאַרלייגטע הענט און טוט וויפל עס איז מעגלעך אונטער די אומשטאַנדן. און דאָ קום איך צו דעם אינטערעסאַנטסטן.

ד"ר מ. ווייַנרייך, דער דירעקטאָר פון „ייוואָ" אין ניו־יאָרק, האָט אָוועקגעשיקט אַ בריוו אַהין וואו מען דאַרף און געבעטן ביי דער אַרמיי, אויב ס'איז מעגלעך צו שיקן שייקאָווסקין קיין מאַרסעי אויפּ־זוכן קאַסטנס מיט יידישע אַרכיוון און דאָקומענטן. און ווי אַזוי קומען די מאַטעריאַלן קיין מאַרסעי?

אין פּאַריז, אַזוי ווי אין אַנדערע שטעט איבער דער גאַנצער וועלט, האָט זיך אָרגאַניזירט אַ גרופּע „פריינד פון ייוואָ". די אַרבעט פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט איז אַלעמען גוט באַקאַנט. אויך אין פּאַריז האָבן יידן געזאַמלט אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיטן יידישן לעבן. עס האָבן זיך אָנגעקליבן דאָקומענטן, אַרכיוון, ביבליאָטעקן, אַלץ פון גרויס וויכטיקייט און פון אַ גרויסן ווערט.

ווען די נאַציס האָבן פאַרכאַפּט פראַנקרייך און אַריינגעמאַר־שירט אין דער הויפּטשטאָט פּאַריז, האָבן די דאָרטיקע „ייוואָ"־טוערס געזוכט אַרויסצוראַטעווען די מיט מי אָנגעזאַמלטע אוצרות. זיי האָבן דאָך געוואוסט, אַז פריער אָדער שפּעטער וועלן די דייטשישע בעסטיעס אַלץ פאַרניכטן און אומברענגען.

עס האָט זיך געפונען אַ פרוי, וואָס איז געשטאַנען אין פאַר־בינדונגען מיט דייטשישע אָפיצירן. דורך דער פרוי האָט מען אונטער־געקויפט די באַטרעפנדיקע נאַצי־אָפיצירן. עס האָט געקאָסט אַ פאַר־

מעגן, אָבער מ׳האָט אָפּגעראַטעוועט אַ גרויסן טייל פון די זאַמ־לונגען.

52 קאַסטנס מיט יידישע אוצרות האָט מען געפירט אין אַ וואַגאָן פון פּאַריז קיין מאַרסעי. פאַרשטייט זיך, אַז די קאַסטנס זיינען גע־ווען געפּאַקט אַזוי, אַז מען זאָל ניט דערטאַפּן די דאָקומענטן און מאַטעריאַלן וואָס זיינען געלעגן אונטן. אַלץ איז קיין מאַרסעי אָנ־געקומען בשלום. פון דאָרטן האָט מען אַ סך אָוועקגעשיקט צום „ייווא״ אין ניו־יאָרק, אָבער עס זיינען נאָך פאַרבליבן קאַסטנס וואָס מען האָט געמוזט באַהאַלטן אויף אַן אַנדערער צייט.

וועגן דעם האָט ד״ר מ. וויינרייך זיך געווענדט צו דער אַמערי־קאַנער אַרמיי. עס האָט גענומען צייט, אָבער די דערלויבעניש איז ענדלעך אָנגעקומען. די אַמעריקאַנער אַרמיי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס זיינען וויכטיקע יידישע אוצרות און זי האָט געגעבן שייקאָווסקין אַ וואָך צייט, זיבן טעג, צו פאָרן קיין מאַרסעי, אויפזוכן די איבער־געבליבענע קאַסטנס ביכער און ראַטעווען אַלץ איידער עס וועט פאַרלוירן גיין.

פּאַריקע וואָך איז צו מיר אַריינגעלאָפן שייקאָווסקי און דער־ציילט די גוטע נייס, אַז ער פאָרט קיין מאַרסעי אויפזוכן די קאַסטנס. מיר זיינען דערנאָך אַרויף צו אים אין צימער און געזופּט אַ פלעשל פראַנצייזישן „קאָנטרא ליקער״. מיר האָבן געטרונקען לחיים און געוואונטשן אַז זיין רייזע זאָל זיין אַ מזלדיקע.

סיסאָן, פראַנקרייך, מערץ, 1945.

דייטשלאנד

אויף דייטשישער ערד

מיר שטייען אויפן מערב־פראָנט, ערגעץ ביי דער דייטשישער גרענעץ. דאָס שטעטעלע וואָס מיר האָבן פאַרנומען ליגט צווישן באַרג און טאָל. דער אַרום איז וואונדער שיין. עס איז אַ צויבער־לאַנד. דאָס וואַסער, וואַלד, בלויע הימלען. די נאַטור ווייסט ניט פון מלחמה.

מען זאָגט אונדז אָן, אַז ביי נאַכט וועלן די דייטשן מאַכן אַן אַטאַקע. אונדזערע האָבן זיך דערוואוסט אַז דער שונא האָט הונדערט טאַנקען און ער וועט פּרוּוון דורכברעכן אַ וועג אין אונדזערע פּאָזיציעס.

צווישן אונדז פליסט אַ טייך. מיר געפינען זיך אויף דער זייט וואַ־סער, דער שונא אויף דער אַנדערער זייט, נידעריקער פון אונדז, נעענטער צום וואַסער. האָבן זיך אונדזערע באַפעסטיקט. הייסט דאָס, אַז איידער די דייטשן וועלן צוקומען צו אונדז, וועלן זיי מוזן צע־קלאַפּן די ערשטע פאַרטיידיקונגס־ליניע. מיר זיינען די צווייטע פאַרטיידיקונגס־ליניע.

אַזוי שנעל ווי עס פאַלט צו די נאַכט, פאַרנעמען מיר אונדזערע פּאָזיציעס אויף דייטשישער ערד. עס איז שטאַרק פינצטער. עס קלייבט זיך אויף רעגן און עס איז קאַלט.

אונדזער אָפיציר גיט באַפעלן. דעם הייסט ער פאַרנעמען אַ פּאָזיציע דאָ, און יענעם — דאָרט. מיט מאַשינביקסן, גראַנאַטן, „באַזוקאַס" און פּשוטע ביקסן קריכן מיר אין די פוקסן־לעכער. אינעווייניק איז פייכט און קאַלט.

איך מיט נאָך איינעם פאַרנעמען אַ פוקסן־לאָך לעבן אַ בוים. מיר האָבן אַ גוטע פּאָזיציע. אויב די דייטשן וועלן, חלילה, דורכ־ברעכן אַ וועג, וועלן זיי מוזן אונדז פאַרבייגיין. זיי ווייסן ניט אַז מיר וואַרטן שוין אויף זיי; וועלן מיר זיי אַרונטערשניידן ווי מען שניידט אַרונטער זאַנגען.

נאָר די נאַכט אַליין ווייסט, וואָס די קומענדע שעהן וועלן ברענ־גען. מיר דערוואַרטן אַ סך און מיר דערוואַרטן גאָרניט. מיט די ביקסן אָנגעלאָדן און גרייט צו שיסן און מיט די גראַנאַטן ביי דער האַנט וואַרטן מיר. די שעהן ציען זיך ווי פעך.

אַרום איז טומלדיק. ערגעץ קומט פאָר אַן אַרטילעריע־דועל צווישן אונדז און זיי. עס הערט זיך ווי מאַשינביקסן שפייען אַרויס קוילן ביים וואַסער. מיר ווייסן שוין ווי עס ריידן די דייטשישע מאַשינ־ביקסן און אונדזערע. דער שונא מאַכט: בוירפּ, בוירפּ! אונדזערע: טאַ־טאַ־טאַ־טאַ־טאַ!

די אויגן קלעפּן זיך. עס ווילט זיך שלאָפן. אַ שטאַרקע מידקייט פאַלט אָן. באַשליסן מיר אַז פריער זאָל איינער כאַפּן אַ דרעמל און דער אַנדערער וועט זיין וואַך. נאָך דעם וועלן מיר זיך בייטן. דער חבר דרייט זיך איין אין זיין קאָלדרע און גיט זיך איבער דעם שלאָף.

איך בין אויף. איך קוק אין דער פינצטער, כאָטש זען זעט מען גאָר ניט. דאָך קען מען ניט וויסן. אָפּט פּאַסירט, אַז אַפילו ביי נאַכט קען אַ סאָלדאַט באַמערקן פון דער ווייטן עפּעס אַ ווייסע זאַך, אָדער עפּעס וואָס גלאַנצט אָפּ, און מען דערקענט אַז דאָס איז דער שונא.

קוק איך אין דער פינצטערניש אַריין. די אויערן זיינען אָנגע־שפּיצט. עס דערהערט זיך אַ טראָט פון עמעצן. שווער צו זאָגן פון וועלכער זייט עס קומט. איך וועק דעם חבר. ביידע זיינען מיר גרייט צו שיסן. איין גראַנאַט רוק איך צו גאָר נאָענט, טאָמער וועל איך זיך דאַרפן באַנוצן מיט דעם.

מיר וואַרטן ביידע. די טריט קומען צו נענטער. מיר דערהערן אַ קול:

— איטס מי, לייטענענט מ.*)

מיר דערקענען זיין קול און מיר אָטעמען פרייער אָפּ. די ביקסן אָבער לאָזן מיר ניט אָפּ. מיר ווילן זיין זיכער, אַז דאָס איז טאַקע לייטענענט מ. דער פינגער אויפן צינגל פון דער ביקס איז גרייט אַ קוועטש טאָן.

דער לייטענאַנט קומט צו. יאָ, דאָס איז ער.

— איז עווריטהינג אָלראַיט? **) — פרעגט ער אונדז.

---

*) דאָס בין איך.

**) איז אַלץ אין אָרדענונג?

— יעס, סיר! — ענטפערט דער חבר. — עווערעטהינג איז אָ־קעי! *)

דער לייטענאַנט גייט אַוועק צו אַן אַנדערער פוקסן־לאָך. דער חבר זאָגט צו מיר:

— שלאָף דו איצט אַ ביסל און איך וועל זיין וואַך.

איך דריי זיך איין אין דער קאָלדרע און פאַרמאַך די אויגן. עפּעס קאַפּעט אויף מיר. עס רעגנט. אַ ווינט שאָקלט דיביימער. די קאַלטקייט נעמט דורך. דער קערפּער ציטערט אויף און יעדע ווײַלע טו איך זיך אַ טרייסל. ווי גוט עס וואָלט איצט געווען צו זיצן ביי אַ פייער, טראַכט איך, און רייכערן אַ ליולקע. אָבער רייכערן טאָר מען ניט. אין אַ פינצטערער נאַכט טראָגט זיך אַ פלעמל גאַנץ ווייט.

זאָג איך צום חבר:

— איך קען ניט שלאָפן. שלאָף דו בעסער.

— אַר יו שור? **) — פרעגט ער.

— יאָ, — פאַרזיכער איך אים. — איך קען ניט שלאָפן.

ער דרייט זיך איין אין דער קאָלדרע און באַלד הער איך זיין אָטעמען. ער שלאָפט שוין.

איך בין וואַך. אויב איך קען ניט שלאָפן, קען איך אָבער לאָזן לויפן די געדאַנקען און טראַכטן וועגן וואָס נאָר איך וויל. און איך טראַכט וועגן דער מלחמה און דער ראָלע וואָס איך שפּיל אין איר.

אָט געפין איך זיך אויף דייטשישער ערד. איך, אַ ייד, וועמען היטלער האָט געוואָלט אומברענגען. ערגעץ אויף אַ וואַנט האָב איך געזען אַן אויפשריפט אין דייטש פון אַדאָלף היטלער:

WO DER DEUTSCHE SOLDAT STEHT
KOMMT KEIN ANDERER HIN.

DER FUEHRER.

נו, איז דאָס מער ניט ווי אַ בלאָף. דעם דייטשישן סאָלדאַט האָבן מיר פאַרטריבן פון זיין היים, און איצט שטייען מיר אויף „הייליקער דייטשישער ערד״. דעם פירערס לאָזונג איז ניט מקויים געוואָרן.

*) אַלץ איז ווי געהעריק!
**) ביסטו זיכער?

דאָ וואו דער דייטשישער סאָלדאַט איז געשטאַנען, זיינען יאָ געקומען אַנדערע. געקומען פון אַ גרויסער דעמאָקראַטישער רעפּובליק, וואו מען וואַרפט ניט אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן איינעם, ווייל ער איז אַ ייד, אָדער אַן איטאַליענער, אָדער אַ פּאָליאַק, אָדער אַ גריך.

אַזוי טראַכט איך זיצנדיק אין פוקסן־לאָך אויף דייטשישער ערד.

דערווייל רוקן זיך שעהן. דער רעגן האָט אויפגעהערט. דער חבר כאַפּט זיך אויף פון שלאָף, ער גענעצט און רייבט זיך די אויגן. זיין זייגערל ווייזט אויף פינף. נאָך אַ שעה און עס וועט נעמען טאָגן.

אונדז ביידן ווילט זיך אַ הייסער טרונק און פאַררייכערן. דער געדאַנק וועגן דעם, מאַכט פריילעכער אויפן האַרצן. די לעצטע שעה וועט זיין גרינג דורכצושטופּן.

זעקס אַ זייגער הייבט אָן ווערן ליכטיק. די דייטשן האָבן ניט אַטאַקירט. מיר קריכן אַרויס פון די פוקסן־לעכער מיט אונדזערע קאָלדרעס, גראַנאַטן, ביקסן, און איילנדיקע גייען מיר צו דער קיך טרינקען הייסע קאַווע.

⁂

איך האָב זיך איין מאָל אויפגעכאַפּט צוויי אַ זייגער פאַר טאָג און געמוזט אַרויסגיין פון פוקסן־לאָך. אין דרויסן איז געווען שטאַרק פינצטער און שטיל ווי אויף אַ בית־עולם. איך בין אַוועק צום „לאַטרין", ד״ה, צו דעם ספּעציעלן פּלאַץ, וואָס אין דער אַרמיי איז דאָס ניט מער ווי אַ גרוב אָדער אַ טראַנשעע אונטערן אָפענעם הימל. זיצנדיק אַזוי, האָב איך פּלוצלונג דערהערט דעם רויש פון אָנקומענדיקע קוילן, דעם פייף מיטן הודזשען און דאַן דעם קראַך. אַ שראַפּנעל איז געפאַלן אַרום מיר. עטלעכע צווייגן פון אַ דערבייאיקן בוים האָבן זיך אָפּגעבראָכן און אַראָפּגעפאַלן.

איך האָב זיך אַ הייב געטאָן און אַרײַנגעלאָפן אין אַ פוקסן־לאָך. מיט אַרונטערגעלאָזטע תחתונים בין איך אַריינגעפאַלן אין דער פינצטערער לאָך. אַ האַלבע שעה בין איך אַזוי געלעגן. צוליב דער ענגקייט האָב איך ניט געקענט מיינע קליידער ברענגען אין אָרדענונג.

ווען עס האָט זיך איינגעשטילט, בין איך אַרויסגעקראָכן פון

פוקסן־לאָך, אויסגעטרייסלט די שטיינדלעך און די ערד וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין מיינע הויזן און בין אַוועק שלאָפן.

שפּעטער אין דער פרי, ווען איך האָב חברה דערציילט וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט, האָבן זיי געלאַכט און זיך געוויצלט, אַז די דייטשן האָבן מיר געכאַפּט מיט אַרונטערגעלאָזטע הויזן...

ערגעץ אין דייטשלאַנד, אַפּריל, 1945.

העלדישקייט

מיט וואָס דערקלערט זיך די העלדישקייט פון אַמעריקאַנער סאָלדאַט? קיין פּראָפעסיאָנעלער סאָלדאַט איז ער דאָך ניט. די וואָס טראָגן איצט אַנקל סעמס מונדירן, האָבן פאַר דעם קריג געטראָגן ציווילע קליידער און זיינען פאַרן קריג געווען אַדוואָקאַטן, פאַרמערס, ווייסע קאָלנער־ארבעטער, קוילן־גרעבערס און מענטשן פון אַנדערע ציווילע פּראָפעסיעס.

נאָר אין אַ נויטפאַל אין צייט פון אַ גרויסער סכנה, ווען שונאים האָבן געדראָט אונדזער לאַנד, האָבן די יונגע בירגער אָנגעטאָן מונדירן, גענומען ביקסן אין די הענט און זיינען אַוועק קעמפן מיטן שונא.

אין סיציליע און אין איטאַליע האָבן זיך אונדזערע אַמעריקאַנער אָפיצירן באַקלאָגט, אַז מיר, די יענקס, ווייזן אַרויס צו פיל העלדישקייט, דאָס הייסט, אַז מיר ריזיקירן מיט אונדזערע לעבנס אַפילו דאַן ווען עס איז ניט נייטיק.

אונדזערע סאָלדאַטן האָבן שוין באַקומען פיל אויסצייכענונגען און מעדאַלן פון פרעמדע רעגירונגען, ווֹעמעס לענדער מיר האָבן אויסגעלייזט פון דעם שונאס הענט. דער ענגלישער קיניג, דזשאָרדזש דער זעקסטער, האָט דעקאָרירט מער ווי איין מאָל אונדזערע טרופּן און פיל לויב אונדז געגעבן. דאָס זעלביקע האָבן געטאָן די בעלגישע, האָלענדישע און פראַנצייזישע רעגירונגען.

אַ וואָך נאָך דעם ווי גענעראַל פאָן רונדשטאַט האָט אָנגעהויבן זיין גרויסע קאָנטער־אַטאַקע אין בעלגיע, האָט אונדזערער אַן אָפיציר געזאָגט:

„פיר טעג און נעכט האָבן מיר געקעמפט קעגן די דייטשן, כמעט גאָר ניט געגעסן און ניט געשלאָפן. פיר טעג און נעכט אָן קאָלדרעס, אָן מאַנטלען, אָן הייסע קאַווע. איך קען זיך ניט אָפּוואונדערן פון אונדזערע סאָלדאַטן. פאַר וואָס קעמפן זיי אַזוי העלדיש? — אַסור אויב איך ווייס“.

ער אַליין, דער אָפיציר, איז ערשט צוריקגעקומען פון פראָנט, אַ ניט־געראַזירטער, מיט בלאָטיקע שטיוול, אין אַ צעריסענעם מונדיר. ער האָט פיל געררייכערט און געגענעצט. די מידקייט איז אים געלעגן אויפן פנים. וועגן זיין אייגענער העלדישקייט האָט ער אַפילו ניט דערמאָנט. ער האָט נאָר געלויבט זיינע סאָלדאַטן פאַר־ראַשוטיסטן.

פון דער נאַטור איז דער אַמעריקאַנער סאָלדאַט אַ צוגעלאָ־זענער, איבערגעגעבענער יונג. ער איז שטענדיק גרייט צו העלפן אַן אַנדערן. עס איז ניט מער ווי נאַטירלעך, אַז אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר זאָל דער פריערדיקער שטילער יונג פאַרהאַרטעוועט ווערן. אונטער דעם דראַנג פון אַרמיי־לעבן און מיליטערישער דיס־ציפּלין האָט ער זיך אויסגעלערנט צו האַסן און טייטן דעם שונא.

***

אין דער היים איז פראַיוועט עקס געווען אַ פאַרמער. צוזאַמען מיט עטלעכע ברידער, אַ שוועסטער און טאַטע־מאַמע האָט ער גע־אַקערט און געזייט פון פינף אַ זייגער פאַר טאָג ביז זעקס פאַר נאַכט. ווייטער פון פאַרם איז בירגער עקס ניט אַוועק.

ווען דער קריג האָט אויסגעבראָכן האָט אים אַנקל סעם צוגע־נומען צו דינען אין מיליטער. דעם אַקעראייזן האָט ער פאַרביטן אויף אַ ביקס און אַ באַיאָנעט. זיין האַרץ איז אָבער געבליבן אויפן פאַרם. אין יעדן בריוו האָט ער זיך נאָכגעפרעגט אויף די פערד און בהמות, אויף די קאַרטאָפל און די קאָרן.

אין דייטשלאַנד איז פראַיוועט עקס געבליבן שטיין לעבן אַ וואַלד. ווייטער האָט זיין סאָלדאַטן־אָפּטיילונג ניט געקענט גיין. דער שונא האָט איבערגעלאָזט עטלעכע דייטשן מיט אַ מאַשינבביקס ווען ער האָט געהאַלטן אין צוריקציען זיך, דאָס וואָס מען רופט אויפן מיליטערישן לשון „ריר גאַרד עקשאָן".

צוויי טעג האָבן די אַמעריקאַנער געפּרואווט זיך דורכברעכן אַ וועג, אָבער די דייטשן האָבן זיי צוריקגעשטויסן. פראַיוועט עקס מיט זיינע חברים סאָלדאַטן האָבן זיך געפּרואווט ביי נאַכט צוגנבבענען, אָבער דער שונא האָט געוואַכט און ביים מינדסטן שאָרך האָט ער באַשפּריצט די ערד מיט קוילן.

אויפן דריטן טאָג, אין אַ פרימאָרגן, האָט דער געוועזענער פּאַרמער, איצט פּראַיוועט עקס, געקוקט דאָרט וואו די דייטשן האָבן זיך איינגעגראָבן און האָט עפּעס געחשבונט. אין קעשענע זיינע בײַ אים געלעגן עטלעכע גראַנאַטן און אין האַנט האָט ער געהאַלטן זיין ביקס.

פּלוצלונג האָט ער זיך אַ יאָג געטאָן צום שונא. ער איז געלאָפן מיט דער ביקס אין האַנט, געלאָפן ניט וויסנדיק אַז יעדער טראָט זיינער קען ברענגען טויט. אָדער אפשר האָט גאָר פּראַיוועט עקס ניט געטראַכט וועגן לעבן און טויט.

זיין ציל האָט ער אָבער דערגרייכט. די עטלעכע הונדערט יאַרד איז ער דורכגעלאָפן און גענומען וואַרפן גראַנאַטן אויפן שונא. די דייטשן האָבן באַלד זיך אונטערגעגעבן.

שפּעטער, ווען מען האָט די דייטשן געפרעגט פאַר וואָס זיי האָבן אויף דעם יענקי־סאָלדאַט ניט געשאָסן בשעת ער איז גע־לאָפן צו זיי, האָבן זיי געענטפערט, אַז די איבעראַשונג איז פאַר זיי געווען צו גרויס. זיי האָבן זיך בשום אופן ניט פאָרגעשטעלט, אַז אָן באַשיצונג וועט אַ יענקי־סאָלדאַט זיך אַ לאָז טאָן אויף זיי. און אונדזערע אַמעריקאַנער סאָלדאַטן האָבן זיך דאָס אויך ניט פאָר־געשטעלט.

***

מיר, אַמעריקאַנער, שטייען אויף דער זייט בריק. די דייטשן — אויף דער אַנדערער זייט. זיי האַלטן אונדז אָפּ פון צו שטופּן זיך ווייטער. זיי האַלטן אָפּ אויך אַנדערע, וועלכע שטייען הינטער אונדז. מען מוז די בריק נעמען. די ערשטע פּרוּוון גיבן זיך ניט איין. עס בלייבן נאָר עטלעכע פאַרוואונדעטע נאָך יעדן פאַרזוך אונדזערן.

אַלע קוקן צום אָפיציר. ער איז דער הויפּט פון דער פאַמיליע. ער איז דער טאַטע וואָס ווייזט דעם וועג. די קינדער פאַרלאָזן זיך אויף אים און ער — אויף די קינדער. איינציקע וועלן מיר דעם בריק ניט נעמען. אַלע צוזאַמען, אָבער, וועלן אים יאָ פאַרכאַפּן און אַריבערגיין. דער טאַטע, דער אָפיציר, וועט ווייזן דעם וועג.

מיר גרייטן זיך צו דער אַטאַקע, צו דער שעה ווען מיר אַלע ווי איינער אַטאַקירן. מיר שטעלן אָן די האַנט־זייגערס. אַלץ דאַרף דורכגיין ווי געשמירט. דער קלענסטער טעות און מיר וועלן, חלילה, טראַגיש דורכפאַלן.

די שעה קומט אָן. מיר לאָזן זיך צו דער בריק. דער אָפיציר פירט ווי אַ טאַטע זיין הויזגעזינט. ער איז דער ערשטער, מיר נאָך אים. מיט אַ 45־רעוואָלווער אין האַנט גייט ער באַגעגענען דעם שונא. דער שונא באַגעגנט אים מיט עטלעכע קוילן אין רעכטן פוס און איינע אין זייט. ער פאַלט, קניענדיק. עטלעכע סאָלדאַטן לויפן צו אים העלפן, אָבער דער אָפיציר שרייט, אַז ער דאַרף ניט קיין הילף; ער שרייט, אַז מען זאָל ווייטער לויפן.

און עס שלעפּט זיך אונדזער אָפיציר איבערן בריק. בלוט רינט פון אים און לאָזט איבער סימנים אויפן בריק. דאָס פּנים איז ביי אים פאַרקרימט. דער ווייטיק נעמט די איבערהאַנט. מיט די לעצטע כוחות שרייט ער אויס באַפעלן, דערמוטיקט זיינע קינדער און קריכט אויך אַליין וואָס ווייטער אויף דער אַנדערער זייט בריק.

די אַטאַקע האָט זיך איינגעגעבן. די בריק האָבן מיר פאַרנומען. דעם שונא דערהרגעט, דעם וועג אָפּגעראַמט פון אַלע שטערונגען.

דער אָפיציר האָט דערגרייכט די אַנדערע זייט. זיין לעבן, אָבער, האָט ער פאַרלאָרן, דעם לעצטן אָטעם אויסגעהויכט, פירנדיק זיינע סאָלדאַטן צו אַ באַשטימטן ציל.

***

העלדישקייט מיינט ניט נאָר נעמען עטלעכע דייטשישע גע־פאַנגענע, אָפּראַמען פון וועג אַ מאַשין־ביקס־נעסט, אָדער אַריינגנבע־נען זיך אין דעם שונאס רייען.

העלדישקייט מיינט, ליגן אין בלאָטע, אין וואַסער, אין שניי און רעגן און אין קעלט טעג און נעכט; העלדישקייט מיינט הונגערן, דורשטן נאָך אַ טרונק וואַסער, לעכצן נאָך אַ פּאַפּיראָס; העלדישקייט מיינט, האַסן דעם שונא, צוקוקן זיך ווי חברים ווערן געהרגעט, שילטן די אומשטאַנדן אונטער וועלכע מען קעמפט, דערמאַנען זיך אָן דער היים, בענקען נאָך אַ מיידל... העלדישקייט מיינט — דאָס און נאָך מער.

ערגעץ אין דייטשלאַנד, אַפּריל, 1945.

מיט אָפענע אויגן

יעדער טאָג אין דייטשלאַנד איז פאַר מיר געווען אַן אָפּקוּמעניש. איך האָב דאָס לאַנד פיינט געהאַט און איך האָב געוואָלט אוועק פון דאָרטן.

איך האָב זיך ניט געקענט באַפרייען פונעם שוידער־געפיל צו די דייטשן. פיל שלאָפלאָזע נעכט האָב איך דאָרטן דורכגעמאַכט.

איך האָב געקוקט אויף די דייטשן, ווען מיר איז אויסגעקומען צו ריידן מיט זיי, און געזען געפייניקטע יידן, פאַרברענטע יידן, פאַרגאַזטע יידן. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז איך הער יידישע געוואַלד־געשרייען און „שמע ישראל״. אַלע דייטשן, מיט וועלכע איך בין געקומען אין קאָנטאַקט, האָבן געטראָגן אויף זיך די שולד פון זייער פאָטערלאַנד.

ווי האָבן זיי מיר געקענט קוקן גלייך אין די אויגן, ווויסנדיק אַז איך בין אַ ייד? זיי האָבן פריער פיינט געהאַט יידן און געוויס האָבן זיי זיך איצט ניט געביטן. עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך זע אַ מאַסקע אויף זייערע פּנימער.

קען מען זיי דען גלייבן? אַלע דייטשן האָבן פּאַרטיק געהאַט איין ענטפער:

— מיר זיינען ניט קיין נאַציס. מיר האָבן ניט געוואָלט דעם קריג.

ווער־זשע דען איז געווען אַ נאַצי? ווער האָט „געהעילט״ היטלערן? ווער האָט באַשעפטיקט שקלאַפן־אַרבעטער? ווער האָט אָנגערויבט יידיש פאַרמעגן? ווער האָט געלינטשט אַמעריקאַנער לופטפליערס, ווען מען האָט זיי געפירט געפאַנגענע דורך אַ שטאָט? ווער, אויב ניט זיי?

גלייך ביים אַריינפאָר האָבן מיר דערפילט די אָנגעשטרענגטקייט און שווערקייט. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די לופט אַליין ווייסט די שולד, און פילט זיך שולדיק.

די ערשטע נאַכט האָבן מיר איבערגענעכטיקט אין אַאַכען. אַמאָל, איינע פון די גרעסטע דייטשישע שטעט מיט אַ גרויסער באַפעלקע־רונג. איצט אַ חרובע שטאָט. און די באַפעלקערונג וואו איז? צעלאָפן זיך, באַהאַלטן זיך וואו די אויגן האָבן געטראָגן. געזוכט אַ מקום מקלט פון אונדזערע אַמעריקאַנער באָמבעס, אָבער ניט געפונען.

גאַס נאָך גאַס פול מיט ציגל, אייזן, האָלץ, שטיינער. אַמאָל זיינען דאָס געווען געביידעס. איצט — חורבות. דאָס וואָס איז געבליבן שטייט ווי דורך אַ נס, טראָגט נאָר דעם נאָמען געביידע. לעכער, וואו פריער זיינען געווען טירן און פענצטער. לעכער, וואו פריער זיינען געווען דעכער און ווענט און אַריינגאַנגען. לעכער גרויסע, וואו פריער זיינען געווען שויפענצטער, קינאָס, קלויסטערס, און קוואַרטירן.

דאָ און דאָרט זיינען נאָך פאַרבליבן האַקנקרייצן אויף ווענט און טירן. דאָ און דאָרט זיינען נאָך פאַרבליבן וועג־וויזערס און גאַסן־שילדן מיט נעמען: היטלערשטראַסע, אַדאָלף היטלער בריק און אַנדערע. דעם לעצטן שילד האָט אונדזערער אַ סאָלדאַט איבער־געדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ... פריער זיינען דאָס אַלץ געווען לעבע־דיקע זאַכן, איצט — טויטע.

מיר זיינען געפאָרן דורך די גאַסן, אָבער דייטשן האָבן זיך געזען ווייניק. דאָ און דאָרט פלעגט פאַרביילויפן אַ פרוי אָדער אַן עלטערער מאַן, אַריינדרייען זיך אין אַ חרובער געביידע און פאַר־האַקן הינטער זיך אַ האַלב פאַרבליבענע טיר. דייטשן, וואָס זיינען פאַרבייגעגאַנגען און האָבן אונדז ניט געקענט אויסמיידן, האָבן אויף אונדז ניט געקוקט. מיט אַרונטערגעלאָזטע אויגן, די קערפּערס איינ־געבויגן האָבן זיי אויסגעזען ווי באַשעפענישן וואָס ווילן זיך פון אַלעמען אויסבאַהאַלטן.

***

מיט אַ חבר בין איך געגאַנגען באַזוכן אַ שפּיטאָל אין לוד־וויגסלוסט (פּראָווינץ מעקלענבורג). דאָרטן זיינען נאָך פאַרבליבן קראַנקע יידן פון אונגאַרן, פּוילן און גאַליציע, באַפרייטע פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. די געזונט־געוואָרענע (מ׳שטיינס געזאָגט, „געוואָרענע״. נאָך אַזעלכע פּייניקונגען וועלן די יידן פאַרבלייבן

אייביקע חולאים) האָט מען צוריקגעשיקט אין די לענדער פון וואַנען מען האָט זיי געפירט צו דער שחיטה.

מיטן חבר האָב איך געפירט עסנוואַרג צו די קראַנקע יידן. מיט אַ גרויסן פּאַק זיינען מיר ביידע אַריין אין אַ צימער. דערזען צוויי אַמעריקאַנער סאָלדאַטן, האָבן זיך אַלע קעפּ אַ הייב געטאָן. יונגע און אַלטע האָבן אונדז אָנגעקוקט. זשעדנע אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אין פּעקל.

אין אַ ווינקל איז געלעגן אַ ייד, אַ יונגער, בלייכער, שוואַכער מענטש, וואָס האָט שווער געאָטעמט. מיר זיינען צו אים צוגעגאַנגען, באַקענט זיך, געזעצט זיך לעבן בעטל און געשמועסט. דאָס הייסט, ער האָט גערעדט און מיר האָבן זיך צוגעהערט. ווען ניט ווען, האָב איך אָדער דער חבר אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט, אַ באַמערקונג. מער האָבן מיר אים ניט געקענט זאָגן.

דער ייד האָט דערציילט פון טרויעריקע טעג אין דער לאָד־זשער געטאָ, פון טראַנספּאָרטן, פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. עס איז געווען אַזוי שוידערלעך, אַזוי גרויזאַם זיין שילדערן און דערציילן. אים אַליין האָט זיך נאָך ניט געגלייבט, אַז ער איז אַ גע־ראַטעוועטער מענטש און אַז ער וועט בלייבן לעבן. נאָך אַזוי פיל פּייניקונגען און אַכזריותן, האָט דען דער לאָדזשער ייד געקענט גלייבן אין רעטונג און אין ניסים מן השמים?

און אַז ער איז מיד געוואָרן פון דערציילן — די הענט האָבן זיך ביי אים געטרייסלט אַזוי ווי דאָס קול — זיינען מיר געבליבן זיצן שטילע און נידערגעשלאָגענע. נאָך דעם שטילשווייגן, האָט דער חבר מיר אַריינגעשושקעט:

— דערלאַנג דאָס פּעקל און מיר וועלן אים געבן די שפּייז.

אָבער עפּעס האָט אין מיר געשטיקט. איך האָב דעם חבר נאָר געקענט זאָגן:

— גיב דו אים. ווער האָט דאָס אַ האַרץ?

איך האָב זיך אַ שטעל געטאָן און בין אַרויס אין קאָרידאָר. טרערן האָבן זיך געריסן. אין די אויערן האָט נאָך געקלונגען דאָס שוואַכע קול פון געראַטעוועטן יידן. איך האָב אַרויסגענומען אַ נאָז־טיכל און געווישט די אויגן. אַ דייטשישער „אָרדערלי" איז פאַרביי־געגאַנגען. ער האָט מיר אַזוי מאָדנע אָנגעקוקט. אַט שטייט אַן אַמע־ריקאַנער סאָלדאַט און ווישט זיך די אויגן. האָט ער געוואוסט פאַר וואָס איך וויין?

איך בין אַריין צוריק אין צימער. מיין חבר איז נאָך דאָרט געווען. ער איז שטאַרקער פון מיר. דאָס פּעקל האָט ער אָפּגעגעבן, צעטיילט דאָס עסנוואַרג. מיר האָבן זיך געזעגנט און צוגעזאָגט ווידער קומען.

***

אין דעם אייבנדערמאַנטן דייטשישן שפּיטאָל האָבן געאַרבעט דייטשישע דאָקטוירים, קראַנקן־שוועסטערס און אָרדערליס. ווי די יידן האָבן אונדז דערציילט, האָט מען זיי דאָרטן זייער גוט באַהאַנדלט. איך בין געזעסן לעבן אַ יידישן מאָלער, וואָס האָט זיך אויך געראַטעוועט פון אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. אים האָט זיך פאַרוואָלט אַ הייסן טרונק. ער האָט צוגערופן אַ קראַנקן־שוועסטער, אַ בלאָנדע מיידל, און געבעטן ביי איר אַ גלאָז טיי. אין אַ ווײַלע אַרום איז זי צוריקגעקומען מיט דעם טיי, דערלאַנגט דעם קראַנקן מאָלער, און ווען ער האָט איר באַדאַנקט, האָט זי אַ געצוואונגענעם שמייכל געטאָן.

איז דאָס ניט איראָניש? פריער האָט מען די זעלביקע יידן געוואָלט אומברענגען, אָבער די אַמעריקאַנער אַרמיי האָט זיי אָפּגעראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט. פריער האָט מען זיי געפּייניקט און דערנידעריקט, ווייל זיי זיינען יידן. איצט האָט זיך שוין אַלץ געביטן. ריינע צימערן, ווייסע ציכלעך, גוטע שפּייז. און אַלץ האָבן די דייטשן געטאָן — געראַמט, געוואַשן, גערייניקט — ניט ווייל זיי האָבן דאָס געוואָלט, נאָר אונדזער אַרמיי האָט אַזוי באַפוילן, אַז זיי, די „אייבערהאַרן", זאָלן איצט היילן די געפּייניקטע און גערודפטע.

איך בין אַרומגעגאַנגען איבערן שפּיטאָל, אַלץ געזען און באַטראַכט, און מיינע געדאַנקען זיינען געווען צעטומלט. נעכטן — שונאים. היינט — רעטערס. נעכטן האָבן זיי, די דייטשן, מיט מעסערס און ביקסן אויסגעראָטן טויזנטער יידן. היינט האָבן זיך די אויסראָטונגען אָפּגעשטעלט. די מעסערס און ביקסן האָבן זיי פאַרביטן אויף ווייסע פאַרטעכער, מעדיצין און באַקוועמלעכקייטן פאַר די נעכטיקע קרבנות.

קען זיך אַ פאָלק אַזוי שנעל בייטן? קען מען איבער נאַכט ווערן אויס שטן?

***

מ'האָט אונדז, אַמעריקאַנער סאָלדאַטן, געפירט אין אַ קאָנ־צענטראַציע־לאַגער. האָבן דאָך אַ סך מענטשן געגלייבט, אַז דאָס וואָס מען האָט געשריבן אין די צייטונגען וועגן די קרעמאַטאָריעס און גאַז־קאַמערן איז איבערגעטריבן, עס איז ניט מער ווי פּראָ־פּאַגאַנדע.

נו, זיינען די סאָלדאַטן געגאַנגען און געזען און געפונען אַלץ ווי עס איז געווען באַשריבן: ברען־אויוונס, גאַז־קאַמערן, אָפענע קברים, נאַקעטע מתים אַנגעוואָרפן איינע אויף די אַנדערע. מענטש־לעכע ביינער, בגדים, שיך — אַלץ איז געווען גרייט אָוועקצושיקן קיין בערלין, נאָר מיר, אַמעריקאַנער, האָבן זיי געשטערט...

לעבעדיקע מתים זיינען געלעגן אויף טויטע. זיי האָבן קיין כוח ניט געהאַט אַראָפּצוקריכן פון דער קופּע. מיט אָפענע מיילער, סטאַר־טשענדיקע אויגן, שטומע בליקן האָבן זיי געקוקט אויף די סאָל־דאַטן. די ביינער האָבן זיך אַרויסגעזען פון דער הויט. זיי זיינען געווען פאַרשמוציקט און עס האָט געשלאָגן אַ שרעקלעכער ריח. קען זיין, אַז זייערע שטומע בליקן האָבן געזאָגט: ראַטעוועט אונדז ניט. שוין פאַרפאַלן. צו וואָס מאַטערן זיך און לעבן?

האָבן די סאָלדאַטן אַלץ געזען מיט גרויסע אָפענע אויגן, מיט אַנגעצויגענע פּנימער.

מיין חבר, דער סאָלדאַט ק., האָט מיטגענומען אַ פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט. אים האָט זיך געוואָלט בילדער, דאָקומענטאַלע באַווייזן פון דאָס געזעענע. האָט ער געדרייט דעם אַפּאַראַט און פאָטאָגראַ־פירט דעם גיהנום. זאָל בלייבן אַן אייביקער דאָקומענט. אַז ער וועט אַהיים קומען, וועט ער אַלעמען ווייזן די בילדער. זאָל מען זען וואָס פאַר אַ פאָלק די דייטשן זיינען. זאָל מען איינזען, אַז די קאָנצענטראַציע־לאַגערן זיינען ניט קיין פּראָפּאַגאַנדע נאָר אמתע פאַקטן.

אַרויסגייענדיק פון לאַגער האָבן די סאָלדאַטן פרייער אָפּגע־אָטעמט. פון דער פינצטערניש אַרויס אין דער ליכטיקייט. דער חבר ק. איז געווען בלייך. עפּעס האָט זיך אין אים געטרייסלט. „עס איז שרעקלעך, שרעקלעך!" — האָט ער געזאָגט. פּלוצלונג האָט ער אויפגעעפנט דעם אַפּאַראַט, אַרויסגעריסן דעם פילם און עס אַוועקגעוואָרפן.

— איך וואָלט ניט געקענט קוקן אויף די בילדער — האָט ער מיט כעס אויסגערופן — זאָלן זיי בעסער בלייבן דאָ אין היטלער־לאַנד. ניין, אַזעלכע שוידערלעכע בילדער, וויל איך אין אַמעריקע ניט פירן.

דאָס קול זיינס האָט געציטערט.

איבער גאַנץ דייטשלאַנד האָבן זיך אָפּגעשפּילט אַזעלכע סצע־נעס וואָס האָבן אויפגעטרייסלט אונדזערע סאָלדאַטן.

ערגעץ אין דײַטשלאַנד, אַפּריל, 1945.

„מיינע אויגן האָבן דאָס געזען"

די שטיינער פון דייטשלאַנד זיינען באַגאָסן מיט בלוט, יידיש בלוט; די ערד פון דייטשלאַנד איז אָנגעזאַפּט מיט בלוט, יידיש בלוט. קאָנצענטראַציע־לאַגערן און אויסראָטונגס־לאַגערן שטייען ווי לעבעדיקע עדות, וואָס האָבן צוגעזען דאָס מאַרטירערטום פון די געפּייניקטע יידן.

יידישע קרבנות פון הונגער, פּעסט און פּייניקונג; יידישע קרבנות פאַרברענטע, פאַרגאַזטע און לעבעדיק־באַגראָבענע; יידישע קרבנות דערשאָסענע, צעשניטענע און צעהרגעטע, — זאָל אייער אָנדענק געהייליקט זיין.

דער עסטרייכיש־געבוירענער פירער פון גרויסן רייך, אַדאָלף היטלער, האָט צו די דייטשן געזאָגט בזה הלשון:

„היינט דייטשלאַנד, מאָרגן די גאַנצע וועלט".

עס איז אָבער ניט מקוים געוואָרן. אײן וועלטטייל נאָר, ניט די גאַנצע וועלט, האָבן זיי דעראָבערט. מיט דער דעראָבערונג איז געקומען טויט, פאַרוויסטונג, בלוט.

און ווען אַדאָלף היטלערס לעגיאָנען האָבן זיך צו זאַט אָנגע־טרונקען מיט בלוט און אָנגעפּרעסן מיט מענטשלעך פלייש, האָט זיך דאָס רעדל אַ דריי געטאָן, דייטשלאַנד האָט זיך אויסגעשפּילט, דייטשלאַנד האָט דעם קריג פאַרלאָרן.

די אַמעריקאַנער האָבן גענומען שטאָט נאָך שטאָט. היטלערס „איבערהאַרן" האָבן זיך אונטערגעגעבן אין די הונדערטער, טויזנ־טער, אָוועקגעוואָרפן די וואָפן.

די אַליאירטע טרופּן זיינען אַזוי שנעל געקומען, אַז ניט קוקנ־דיק אויף היינריך הימלערס באַפעלן: „אַלץ צו צעשטערן!", כדי עס זאָל גאָר ניט פאַרבלייבן אַלס עדות, זיינען דאָך איבערגעבליבן קאָנצענטראַציע־לאַגערן און עדות; לעבעדיקע און טויטע.

זיינען מיר געגאַנגען אין די דייטשישע אויסראָטונגס־לאַגערן

און געפונען דאָרט דאַנטעס אינפערנאָ: די גאַז־קאַמערן, די קרעמאַטאָריעס, די ברען־אויוונס, אויף גאַנצע גאַסן, די קברים האַלב פאַרשאָטענע.

זיינען מיר געגאַנגען אין די אויסראָטונגס־לאַגערן און געפונען דאָרט מענטשלעכע ביינער און בגדים; צעבראָכענע קערפּערס, שטיקלעך פּיס, הענט, האָר; בר־מינגס קופּעס, איינע אויף איינע אָנגעלייגט, נאַקעטע, אויפגעבלאָזענע פון הונגער, דורכגעשאָסענע פול מיט לעכער, צעממיטעטע; פאַרווערעמטע, פאַרלייזיקטע, אויסגעקרענקטע קערפּערס — מענער, פרויען, קינדער, וואָס זיינען אַמאָל געווען יידן פון פּוילן, יידן פון רומעניע און אונגאַרן, פראַנצייזישע יידן, בעלגישע יידן, האָלענדישע יידן און דייטשישע יידן.

דאָס אַלץ האָבן מיר געפונען אין היטלערס, אין גערינגס, אין געבעלס, אין הימלערס, אין שטרייכערס קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

דער ריח פון מענטשן־פלייש איז געהאַנגען אומעטום. עס האָט געשמעקט מיט טויט פון אַלע ווינקעלעך. פון די אויוונס איז נאָך געגאַנגען אַ גערוך פון מענטשן־פלייש.

עס האָט געזעצט אין נאָז און אין מויל. די סאָלדאַטן־פאַראַשוטיסטן, וואָס האָבן געגוג דורכגעמאַכט אויפן שלאַכטפעלד, געלעבט מיטן טויט טאָג און נאַכט, אַליין באַגראָבן געהרגעטע חברים, געטראָטן אויף בלוטיקע וועגן — די סאָלדאַטן־פאַראַשוטיסטן האָבן שטום געקוקט.

***

די אַליאירטע מיליטערישע רעגירונג האָט באַפוילן: די קראַנקע, לעבן געבליבענע יידן און קריסטן — אַוועקנעמען אין שפּיטאָלן. די טויטע — באַגראָבן אין מאַסן־קברים. זי האָט געהייסן אויסגראָבן הונדערט קברים אין רעכטן מיטן שטאָט.

און די דייטשן, זיי, וואָס האָבן געוואוסט און געזען און דערלאָזט, אַז מען זאָל אומברענגען יידן — זיי אַליין האָבן געמוזט באַגראָבן די יידן. אַזוי האָט אונדזער מיליטערישע רעגירונג באַפוילן.

אין לודוויגסלוסט, דייטשלאַנד, אויפן סקווער אין מיטן שטאָט, האָבן די דייטשן געגראָבן הונדערט קברים. און זיי האָבן פון קאַנ־

צענטראַציע־לאַגער געבראַכט הונדערט בר־מינבס, יידן און קריסטן, געלייגט זיי לעבן די גריבער און געוואַרט אויף ווייטערדיקע פאַר־אָרדענונגען.

די גאַנצע שטאָט האָט געמוזט בייוואוינען די קבורה. מענער און פרויען און קינדער—אַלע דייטשן, אַלע זיינען זיי מערדערס, ווייל זיי האָבן געוואוסט און צוגעלאָזט, אַז מען זאָל הרגענען און ברענען יידן.

יעדער דייטש האָט געמוזט פאַרבייגיין, אָפּשטעלן זיך, אָנקוקן די טויטע, וואָס זיינען געלעגן נאַקעטע, מיט אָפענע אויגן, מיט קוילן־לעכער אין די העלדזער, אין די קעפּ און בייכער. יעדער דייטש האָט געמוזט אָנקוקן די צעפּייניקטע יידן, די צום טויט פאַרמאַטערטע יידן, די פאַרגאַזטע יידן, די יידן מיט האַלב צעקאַ־ליעטשעטע קערפּערס.

און די דייטשן, וואָס האָבן פריער קעגן די מערדערייען קיין פּראָטעסט ניט אויפגעהויבן, האָבן איצט געוויינט. פרויען האָבן געחלשט, אַנדערע האָבן אָפּגעקערט די פּנימער, כדי ניט אָנצוקוקן די בר־מינבס, גאָר אַנדערע האָבן געקוקט אין דער ווייט, געקוקט אַריבער די טויטע. וואָס האָבן זיי געזען? וואָס האָבן זיי געטראַכט בעת־מעשה? אונדזערער אַן אָפיציר פון דער מיליטערישער רע־גירונג האָט דורך אַ מיקראָפאָן גערעדט אין דייטש צו די דייטשן און זיי באַשולדיקט אין די מערדערייען, זיי באַשולדיקט אין גוואַלד־טאַטן, אוממענטשלעכקייט און בעסטיאַליטעט. „די וועלט וועט אייך משפּטן”, האָט ער געזאָגט, „און אויף אייך וועט בלייבן אַ שאַנד־פלעק אויף דור דורות”.

דערנאָך האָבן די דייטשן אַריינגעלייגט די מתים אין די גריבער, פאַרשאָטן זיי מיט ערד און אויף יעדן קבר אַ בוקעט בלומען גע־לאָזט ליגן.

מיט צוויי וואָכן שפּעטער, זייענדיק אין לודוויגסלוסט מיט מיין חבר שמואל שוואַרץ, האָבן מיר באַזוכט די קברים. פּופּציק יידישע און פופציק קריסטלעכע, די מגן־דודס זיינען נאָך געווען פריש, די בוקעטן בלומען זיינען נאָך געלעגן אויף די קברים. מיר זיינען געגאַנגען צווישן די רייען, געשוויגן, זיך אַ ווייל אָפּגעשטעלט, און ווייטער געגאַנגען.

די קברים וועלן שטיין אין מיטן שטאָט. זיי וועלן רייסן די

אויגן ביי די דייטשן, וואָס גייען פאַרביי, און וועלן פאַרבייגיין, אין די וייטערדיקע דורות. ווי דער אַמעריקאַנער אָפיציר האָט געזאָגט, וועלן די קברים פאַרבלייבן אַן אייביקער פלעק אויפן דייטשישן פאָלק.

***

און נאָך האָט אַדאָלף היטלער געזאָגט:

— גיט מיר פינף יאָר, און איר וועט דייטשלאַנד ניט דער־קענען.

יע, דייטשלאַנד דערקענט מען איצט ניט. אַאַכען, בערלין, האַנאָווער — חרובע שטעט; ברעמען, האַמבורג, קעלן — חרובע שטעט. קופּעס ציגל, מעבל פאַרברענטע, צעלעכערטע הייזער, קראַ־מען און געביידעס.

די איינוואוינערס דרייען זיך אַרום ווי פאַרלוירענע שאָף. צו וואָס נעמען זיך? וואָס צו טאָן? אַן היימען, אָן אַ צוקונפט, אָן פריינד.

די וואָס זיינען געלאָפן פון די רוסן טיפער אין דייטשלאַנד קומען איצט צוריק, שלעפּן זיך אויף די וועגן צו פוס, אויף וועלי־סאָפּעדן, מיט פערד און וואָגן, אין צעקלאַפּטע טראָקס און אויטאָס. יע, זיי שלעפּן זיך צוריק אַהיים, אָבער קיין היים געפינען זיי ניט, נאָר חורבות.

— גיט מיר פינף יאָר און איר וועט דייטשלאַנד ניט דער־קענען — אַזוי האָט היטלער נביאות געזאָגט. זיינע רייד זיינען מקוים געוואָרן.

ערגעץ אין דייטשלאַנד, אַפּריל, 1945.

יאָסל, דער ייִנגל פון פּוילן

ווי אַזוי זאָל איך אָנהייבן? ווי אין די אַלטע יידישע כראָניקעס פון פאַרצייטנס:

ויהי בימי...

און עס איז געווען אין די טעג... און אין לאַנד פון די דייטשן איז אויפגעשטאַנען אַ המן הרשע וואָס זיין נאָמען איז געווען אַדאָלף היטלער און ער אַיינער האָט געוואָלט פאַרטיליקן אַלע יידן.

אָדער זאָל איך צוגיין צו דעם מיט אַ ניכטערער פען, און שרייבן ווי מען שרייבט אין די צייטונגען: פופציק טויזנט יידן זיינען אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן און קאָנצענטראַציע־לאַגער... צוואַנציק טויזנט יידן האָט מען פאַרברענט און... פערציק טויזנט יידן געשטאָרבן פון הונגער און... צען טויזנט יידישע קינדער לעבעדיקערהייט באַגראָבן אין...

איך וועל שרייבן ווי איך קען. די פען איז שווער, אָבער זי וועט שוין דערציילן און שילדערן וואָס איך האָב געזען און געהערט אין דייטשלאַנד — אַ שלאַכטהויז פאַר מענטשן.

פאַר מיר איז עס דאָפּלט שווער צו שרייבן וועגן דער גרויסער יידישער טראַגעדיע פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווייל איך מוז עס צוויי מאָל דורכלעבן. דאָס ערשטע מאָל: ווען איך האָב גערעדט מיט די לעבעדיקע עדות, געזעסן אויף זייערע בעטלעך אין שפּיטאָל אין לודוויגסלוסט און אַלץ פאַרשריבן. דאָס צווייטע מאָל: איצט, ווען איך דאַרף עס איבערדערציילן.

איך שרייב איצט ביי נאַכט, ווען אַרום איז שטיל. אַזאַ שטילע נאַכט האָבן די יידן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער געוויס ניט געהאַט. זיינען דאָך זייערע נעכט געווען אָנגעלאָדן מיט שרעק און פּיין און זיי האָבן גוט געוואוסט וואָס דער מאָרגן וועט זיי ברענגען, ווייל די גאַז־קאַמערן און די ברען־אויוונס זיינען שטענדיק געווען גרייט אויפצונעמען פרישע קרבנות; און די אָפענע קברים האָבן געוואַרט אויף פרישע קרבנות.

***

מיין חבר פון פיטסבורג, פאַ., הערי יאַלענאָוויץ, אַ געבוי־רענער אין דייטשלאַנד, איז געגאַנגען אין לאַגער אין בראַונשוויג זוכן זיינע עלטערן. ער האָט זיי איבערגעלאָזט אין דייטשלאַנד און געהאָפט אַז אפשר, אפשר וועט ער זיי געפינען ערגעץ לעבעדיקע.

אויסגעלאָזט האָט זיך פאַרקערט. אין לאַגער האָט ער געפונען ניט זיי, די עלטערן זיינע, נאָר זיינעם אַ יוגנט־פריינד, איינער אַ פרענקעל.

און דער דאָזיקער פרענקעל האָט מיין חבר, הערין, איבער־געגעבן די טרויעריקע בשורה, אַז זיינע עלטערן זיינען שוין ניטאָ צווישן די לעבעדיקע; געפאַלן זיינען זיי קרבנות פון היטלערס הענקערס.

צוזאַמען מיט פרענקלען איז געווען אויך אַ יתום־בחורל, יאָסל ווייסבלאַט. זיי ביידע, פרענקעל און יאָסל, האָבן זיך געראַ־טעוועט פון קאָנצענטראַציע־לאַגער.

דער יתום, אַ ייִנגל מיט ביינער, איז דעם חבר מיינעם גלייך געפעלן געוואָרן, און ער האָט געבראַכט יאָסלען אין באַראַק צו אונדז.

אַלע האָבן דעם יתום ליב באַקומען, אויך די ניט־יידן און די אָפיצירן אַפילו.

יאָסל האָט זיך איינגעבירגערט צווישן אונדז, געפונען דאָ אַ דערוואַרעמ־ליכקייט „היים", און כאָטש די אַרמיי דערלאָזט ניט קיין ציווילע צווישן אונדז, האָבן מיר אָבער אים דאָך אַדאָפּטירט. ער, יאָסל, איז געבוירן געוואָרן אין שבט, 1929, אין קאָנסטאַנטין, לעבן לאָדזש, פוילן, איינער פון פיר קינדער. דער טאַטע זיינער האָט געהאַט אַ געשעפט פון פלאַטין־זאַכן און ביי זיי אין קראָם האָבן געאַרבעט 15 מענטשן.

אַ הייסער חסיד, פלעגט דער פאָטער שטענדיק לערנען, אָפּט פאָרן צום טשאָרטקאָווער רבין און אויך מיטנעמען יאָסלען. דעם זון האָט ער געגעבן אַ רעליגיעזע יידישע דערציאונג. יאָסל האָט שוין געלערנט אין חדר אַחוץ חומש מיט רש"י, אויך גמרא און פויליש.

און דער דאָזיקער יתום־בחורל האָט מיר אין זיין פּוילישן יידיש דערציילט און דערציילט פון לאָדזשער געטאָ און פון אַנ־דערע פּייניקונג־פּלעצער, דעם שוידער, אַכזריות און רציחות פון די דייטשישע בעסטיעס.

אין 1940 האָבן די דייטשן איינגעפּירט די לאָדזשער געטאָ. 120 טויזנט יידן האָט מען דאָרטן איינגעשפּאַרט. ניינציק פּראָצענט פון די יידן זיינען אויסגעשטאָרבן פון הונגער און קעלט. צווישן זיי זיינען אויך געווען יאָסלס עלטערן. דער פאָטער איז אַלט געווען 41 יאָר און די מוטער 43 ווען זיי זיינען אַוועק פון דער וועלט.

די לאַגע אין געטאָ איז געווען שרעקלעך. ניט נאָר זיינען יידן געשטאָרבן פון הונגער, נאָר אויך זיינען פיל געשטאָרבן אין די בעטן פון קעלט.

אַרבעטן האָבן געמוזט אַלע. די גרויסע צען שעה אַ טאָג, די קליינע — פינף. יאָסל האָט געמאַכט האַנטגראַנאַטן פאַר דער דייטשישער אַרמיי. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע און דער הונ־גער האָט געגנאַגט. עסן פלעגן די דייטשן אויסטיילן 250 גראַם ברויט אַ טאָג און צוויי ליטער וואַסערדיקע זופּ. אויף דעם נישטיקן קעסט האָבן קראַנקע, שוואַכע, אַלטע און קינדערלעך געמוזט לעבן.

יידן זיינען געשטאָרבן אין די טויזנטער, און אויב ניט גע־שטאָרבן, פלעגט מען פאַר דער מינדסטער קלייניקייט הענגען. ביים הענגען פלעגן די דייטשן מאַכן אַ גאַנצע צערעמאָניע, ווי עס פּאַסט פאַר די גערמאַנען פון היטלערס לעגיאָנען. מען האָט אַלע יידן צונויפגעטריבן צו קוקן ווי זיי, די דייטשן, באַשטראָפן „יודן פאַר־ברעכער".

דער קאָמענדאַנט פון דער לאָדזשער געטאָ איז געווען הימ־לערס שוואָגער, זור ביבאָף. ער אַליין האָט ניט געדאַרפט טאָן די „שמוציקע אַרבעט". אַחוץ זיינע אייגענע געסטאַפּאָ־לייט, אַזעלכע ווי שווינדט, בראַטפיש און אַנדערע, האָט ער געפונען געגוג אונטער־וועלט מענטשן, וואָס האָבן אים אַרויסגעהאָלפן אין דער ראָלע פון הענקערס. אַזעלכע אַרויסהעלפערס, וואָס האָבן פאַר אים, ביבאָפן, געאַרבעט, האָבן געוויס באַקומען מער ווי 250 גראַם ברויט אַ טאָג און צוויי ליטער וואַסערדיקע זופּ.

זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן, אַז ביבאָף, דער דייטשישער קאָ־מענדאַנט, האָט אויסגעקליבן אַ יידישן פּרעזידענט — „עלטסטען

דער יודען״ — אַ פירער פון די יידן פון לאָדזשער געטאָ, און דאָס איז געווען חיים רומקאָווסקי, אַ טראַגיש באַרימט געוואָרענע פיגור אין גאַנץ פוילן.

ער האָט אויך באַשטימט צוויי „יודען־מיניסטאָרן״, וואָס זאָלן אָנפירן מיטן אָפּשיקן יידן אויף שקלאַפן־אַרבעט. זיי זיינען געווען יאַקובאָוויטש און בערנאַרד פוקס.

אין 1942 האָט מען יאָסלס יינגסטן ברודער, צען יאָר אַלט, צוגענומען פון געטאָ קיין טרעבלינקע. מיט יאָסלען זיינען נאָך פאַר־בליבן זיינע אַ שוועסטער פון 17 יאָר און אַ ברודער פון 12.

אין 1944 האָט ביבאָף אָנגעזאָגט אַלע יידן, אַז די רוסישע אַרמיי קומט אָן. אַלץ האָט ער באַפוילן איינצופּאַקן און פירן מיט זיך. די יידן האָט ער געפּאַקט אין וואַגאָנען. אַלטע יידן, קראַנקע יידן, שוואַכע יידן, און זיי טראַנספּאָרטירט קיין אָשוויענטשים, דער טרויעריק באַרימטער קאָנצענטראַציע־לאַגער וואָס האָט ביי אַלעמען אַרויסגערופן שרעק און מורא.

זיין שוועסטער און ברודער האָט שוין יאָסל מער ניט געזען. צי זיי לעבן ערגעץ, צי ניט, וויס ער ניט.

מיטן לאַגער פון אָשווינטשים האָט אָנגעפירט ד״ר מענגעלעס, אַ רשע, אַ סאַדיסט, אַ פייניקער פון יידן, אַן ס. ס.׳ניק.

אָנקומענדיק אין לאַגער, האָבן די יידן געמוזט איבערלאָזן אַלע זייערע פּעקלעך אויפן באַן. דאָרטן פלעגט מען זיי צונויפקלייבן און סאָרטירן.

פון באַן האָט מען די יידן געפירט אין באָד אַריין און אַלעמען אויסגעטאָן נאַקעט. און איינער אַ ייד, אַ מסור, שמואליק, האָט צו די יידן געזאָגט בזה הלשון:

— איר זייט געקומען אַהער שטאַרבן, ניט לעבן. איך גיב אייך צען מינוט צייט. אויב איר האָט רינגעלעך, דימענטן, צירונג, גיט אַלץ אָפּ, אויב ניט וועל איך אויסקלייבן צען יידן און זיי הענגען אָדער שיסן גלייך אויפן אָרט.

דער שמואליק איז געווען אַ הויכער, געזונטער, ווי עס פּאַסט פאַר אַ תליון. אַלע האָבן פאַר אים געציטערט. עס איז פּיינלעך, עס ווילט זיך ניט גלייבן, אַז איין ייד האָט זיך איזדיעקעוועט איבער אַנדערע יידן. קען ס׳אָס זיין, אַז אין אונדזער יידיש פלייש און בלוט זאָל זיך געפינען אַזאַ שטשור מיט אַזוי פיל סם און בעסטיאַליטעט,

ווי עס האָט געהאַט אַט דער מיאוסער מסור שמואליק, וואָס האָט קאַלטבלוטיק און געלאַסן באַגעגנט יידן־ברידער מיט אַזעלכע ווער־טער: „איר זייט געקומען אַהער שטאַרבן, ניט לעבן". — קען דאָס זיין ?

מיט דעם שמואליקן האָבן זיך די יידן שפּעטער אָפּגערעכנט. איינער אַ ייד, משה חסיד, האָט געפּאַקט שמואליקן אין מקווה און אים דאָרטן דערטרונקען.

איז געקומען אַ יידישער יום־טוב, האָט מען געברענט יידן און זייערע קינדער. שבועות, ראש־השנה, יום־כיפּור. יידן זיינען געגאַנגען אויף קידוש־השם אין דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אין די הונדערטער טויזנטער. יידישע קינדער האָבן געברענט אין אויוונס און געשלונגען גיפטיקן גאַז. שבועות ראש־השנה און יום־כיפּור.

אויסקלייבן קרבנות צום פאַרברענען, האָט מען אָנגערופן „סעלעקציעס". פאַרקומען פלעגט עס אַזוי: מען האָט צונויפגעקליבן אַלע יידן, קינדער באַזונדער, פרויען באַזונדער און מענער באַ־זונדער. דער עלטסטער פון די נאַציס פלעגט דורכשפּאַצירן דורך די רייען יידן, אָפּשטעלן זיך לעבן איינעם, אַ מאַך טאָן מיטן קאָפּ, אַ וואונק טאָן מיטן אויג און מיט די הענט פאַרלייגט אויף זיין האַרצן האָט ער דעם אָנגעמערקטן געהייסן זיך שטעלן באַזונדער. די דאָ־זיקע אָפּגעזונדערטע גרופּע מענטשן זיינען געגאַנגען צום טויט.

אַט אַזוי האָט מען געמאַכט סעלעקציעס.

שבועות איז געווען אַ סעלעקציע. יאָסלען האָט מען אויך אויס־געקליבן פאַר דער גאַזקאַמער. אַ יונג מיט ביינער און קוראַזש. האָט יאָסל ווי עס איז זיך אָפּגעטיילט פון די אומגליקלעכע פאַר־משפּטע קינדער און איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ וואַנט.

דער וועכטער, אַ ס. ס.־מאַן, האָט אים דערזען און אים אָנגע־כאַפּט ביי די פיס. יאָסל האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ און יענער האָט אָפּגעלאָזט. איז יאָסל אַנטלאָפן צוריק אין בעלאק (ד"ה באַראַק) און זיך אויסבאַהאַלטן.

איז געקומען נאָך אַ סעלעקציע אַרום ראש־השנה. אַ גרויסער יידישער יום־טוב — ווי ברענט מען דאָס ניט יידישע קינדער? אויך דאָס מאָל איז יאָסל געווען צווישן די אויסגעקליבענע.

300 קינדער, יידישע יינגלעך און מיידלעך, האָט מען אויסגע־

טאָן נאַקעט און געפירט אין די גאַזקאַמערן. דאָרטן איז געווען אַ קליין פענצטערל אין דער הייך. איז יאָסל אַהין אַרויפגעקראָכן, דורכגעשטופּט זיך און געווען אויף דער פריי. אויך אַנדערע קינדער האָבן זיך אַזוי געפּרוּווט ראַטעווען, עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. אין צוויי מינוט צייט זיינען שוין אַלע קינדער פאַרגאַזט געוואָרן.

אין דרויסן איז יאָסל געקראָכן אַרום עלעקטרישע דראָטן. אָן ס. ס.־מאַן האָט אויף אים אויסגעשאָסן אָבער ניט געטראָפן. און ער האָט זיך אַ צווייט מאָל געראַטעוועט.

אויף יום־כּיפּור האָט איינער אַ באַאַמטער פאַרברענט יידישע קינדער אָן דעם וויסן פון דעם לאַגער־קאָמענדאַנט, ד״ר מענגעלעס. ווען דער דאָקטאָר האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם „פאַרברעכן״, האָט ער זיך שטאַרק געבייזערט: וואָס הייסט פאַרברענען קינדער אָן זיין דערלויבעניש?! ער וועט שוין ווייזן דעם באַאַמטן ווער עס איז דער באַלעבאָס פון לאַגער!

און דעם באַאַמטן אויף צו להכעיס, האָט דער דאָקטאָר געמאַכט זיין „אייגענע״ סעלעקציע. ער האָט אויסגעקליבן „זיינע״ פופציק קינדער אויף צו פאַרברענען, יאָסלען צווישן זיי.

דאָס מאָל האָט יאָסלען געראַטעוועט דער גוטער ייד מרדכי רינג. אָט דער דאָזיקער ייד רינג איז געווען אַ חסיד, דער זון פון אַ העברעאישן לערער. זיין אַרבעט אין לאַגער איז געווען צונויפ־קלייבן די יידישע פעק און זיי סאָרטירן פאַר די דייטשן. פון דאָרטן פלעגן זיי אַלץ אָפּשיקן קיין דייטשלאַנד, ווייל די זאַכן געהערן דאָך צום „פאָטערלאַנד״...

רינג האָט פיל יידן געראַטעוועט פון די ברען־אויוונס און גאַז־קאַמערן. ווען יאָסל האָט זיך אויסגעדרייט פון ד״ר מענגעלעס סע־לעקציעס, איז ער געלאָפן דורך רינשטאָקן און גריבער צו מרדכי רינג, און יענער האָט אים אויסבאַהאַלטן.

אַזוי האָט זיך יאָסל ווייסבלאַט דריי מאָל געראַטעוועט פון אַ זי־כערן טויט.

יאָסל האָט אויך דערציילט וועגן „קליינע״, „לייכטע״ פּייני־קונגען, וואָס די דייטשישע סאַדיסטן פלעגן אָנווענדן אַלס שטראָף. אַחוץ יידן, האָבן זיך אין לאַגער אויך געפונען דייטשישע פּאָליטישע אַרעסטירטע, בעלגיער, פּאָליאַקן, האָלענדער, פראַנצויזן און אַנ־

דערע. אַלעמען האָט מען געצוואונגען מאַכן גימנאַסטיק, די קראַנקע און די געזונטע. און טאָמער האָט זיך עמעצער אַ שוואַכער דערלויבט אָפּכאַפּן דעם אָטעם, האָט מען אים דערשלאָגן אויף טויט.

אַן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרווען פלעגט מען אָפּט באַשטראָפן. איין שטראָף איז געווען: שטיין ביז די קני אין שניי אין די גרעסטע פרעסט אַ גאַנצן טאָג, אָן עסן און האַלב נאַקעט.

און די אָבנאָרמאַלע כעקסועלע פאַרברעכנס וואָס די שטורעם־טרופּערס זיינען באַגאַנגען מיט די יידישע קינדער? וועגן דעם קען מען ניט שרייבן, ווייל מעז טאָר ניט פאַרשעמען דעם מין מענטש, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן בצלם אלהים.

פון לאַגער האָט מען יאָסלען גענומען אויף אַרבעט קיין נוי־גאַמע (אונטער האַמבורג), בראַונשווייג, וואַטעשטעט, זאַקסן־האַוזען, ראַווענס ברוקען (ביי מעקלענבורג) און אַנדערע פלעצער. געאַרבעט האָט ער ביי אויטאָמאָבילן און אין אַמוניציע־פאַבריק אויף הער־מאַן גערינגס נאָמען.

די שקלאַפן־אַרבעטער וואָס האָבן געאַרבעט אין די פאַבריקן, האָט מען געהאַלטן אין כאַטקעס און פאַרשטייט זיך, אַז קיין האָניק האָבן זיי דאָרטן ניט געלעקט. די כאַטקעס זיינען געווען ניט קיין באַשיצטע, אָן קאַמאַפלאַזש, דאָס הייסט, אָן באַדעקעכץ, אַזוי אַז ווען אַן אַליאירטער עראָפּלאַן איז געפלויגן, האָט ער דערזען די כאַטקעס און זיי באָמבאַרדירט.

די שקלאַפן־אַרבעטער האָבן זיך געדאַרפט פאַרלאָזן אויף מזל. וועט אַ באָמבע טרעפן אין ציל, איז שוין זייער ביטערער גורל באַ־שטימט. אויב ניט, איז דאָך גוט און די האָפענונג ביי זיי האָט גע־טליעט. אפשר וועט מען פאָרט אַרויסקומען אַמאָל אַ לעבעדיקער פון די דייטשישע הענט.

יאָסלען האָט אָפּגעגליקט. אַ באָמבע איז איין מאָל געפאַלן און אים פאַרוואונדעט דעם קאָפּ. ער איז אָבער אָפּגעקומען מיט לייכטע וואונדן. צייכנס זיינען נאָך פאַרבליבן ביי אים עד־היום.

דאָס אַלץ האָט דער יתום יאָסל ווייסבלאַט דורכגעמאַכט אין דער לאָדזשער געטאָ, אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און אַלס שקלאַפן־אַרבעטער אין „גרויסן רייך". דאָס האָט ער מיר דערציילט און דאָס האָב איך פאַרשריבן.

שפעטער אַ ביסל האָב איך געהערט פון אַנדערע מענטשן,

עלטערע פון יאָסלען, ווי דער מאָלער י. קאָוונער, ד״ר סער, כמעט דאָס זעלביקע וועגן יידישע יסורים און דעם ווילדן סאַדיזם פון די נאַצי־דייטשן.

***

איצט וויל איך איבערגעבן עטלעכע לידער וואָס די יידן האָבן געזונגען אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, לידער געשאַפן פון פאָלק, וואָס האָבן אַ קולטור־היסטאָרישן ווערט.

ניט אַלע לידער געדענקט יאָסל. דאָס דערמאָנען זיך איז דאָך פּיינלעך. מיט זיין הייזעריקער שטים (אין לאַגער האָט ער זיך שטאַרק פאַרקילט און שיר ניט פאַרלאָרן די שטים) האָט ער פאַר מיר געזונגען אַ ליד אָן אַ נאָמען:

אָן אַ היים און אָן אַ דאָך,
געוואַנדערט האָבן מיר אַ גאַנצע נאַכט.
כ׳האָב ניט געוואוסט וואו אַהין
און וואָס וועט זיין אונדזער דין
אוי, ווען וועט שוין אויפהערן דאָס וואַנדערן?

מען יאָגט אונדז, מען פּלאָגט אונדז, מען מאַטערט אונדז,
מען יאָגט אונדז אַרויס פון דער הויז...

(מער געדענקט ניט יאָסל).

אָט איז נאָך אַ ליד:

שטובן עלטסטער 1), גיבסטו געפעלסטו,
איינעם אַ זופּ און דעם צווייטן אַ פּאַטש.
הייבט מען אָן שרייען: „ס׳איז ניטאָ צו קייען!״
און מען ראַבאַיעט אַז יעדער איז אַ כוואַט.

פון באַגינען פרי, האָב איך ניט קיין רו.
מוז מען גלייך איינטרעטן 2) און איך ווייס ניט וואו.
דאָרט אין קלאָזעט, שפּראַכן מען רעדט.
טרעפסטו איינעם שלאָפן ווי ביי זיך אין בעט.

קומט אָן מיטיק שעה,
ווער איך געל און גרוי.

1) אָנפירער פון אַ באַראַק.
2) שטיין אין ריי באַקאַם, ווי אַ סאָלדאַט.

שרייט דער בלאָקאָוואַי 1)
ער וויל האָבן רו.
זופּן מען טיילט,
גרויפּן, קאַשע, מאַנע, קאַרטאָפל אומגעשיילט.
דאָ ביי אונדז אין בלאָק 2)
הערט מען שוין דעם גלאָק.

(מער געדענקט ניט יאָסל).

כאָטש די טערמינאָלאָגיע פון די לידער איז אונדז פרעמד, דאָך קען מען אויפכאַפּן און פילן דעם יידישן קרעכץ און וויי. נאָך איין ליד וואָס די יידן האָבן געזונגען אין לאַגער לעבן האַמבורג, איז געמישט, האַלב־דייטש, האַלב יידיש:

דאָרטן נאָענט ביי האַמבורג ליגט אַ לאַגער,
הינטער שטעכן דראָט פאַרהאַפט.
דריי מאָל טויזנט יונגע מענער
די וואָס זיינען אין לאַגער זיגן נאָענט.

אונדזערע באָזן איצטער שפּאַטערט
טייערע היימאַט, פעלד געשריי,
איין מאָל קומט דער טאָג דער פרייהייט
מיט אייערע זינע (זין) קערן אַ היים.

דאַן די יאָרן, די פאַרפלאָסן,
האָבן האַרט ווי אייזן אונדז געמאַכט.

הערט איר ניט דען רופט די היימאַט?
ביים אַפּעל 3) די נאָמען שרייט.
קיינע טרערן! שטעלט דעם קאָפּ הויך!
קאָנצענטראַציאָנערע 4) — אַך, דו ווילסט פריי!

דייטשלאַנד, מיי, 1945.

---

1) אָנפירער פון אַ באַראַק.
2) דער לאַגער איז געווען צעטיילט אין בלאָקן.
3) אָפּציילן יידן אין לאַגער.
4) די יידן אין קאָנצענטראַציע לאַגער.

האַלב טויטע יידן

ווען די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן זיינען אַריין אין די קאָנצענטראַציע לאַגערן, האָבן זיי געפונען מער טויטע מענטשן ווי לעבעדיקע. פון די לעבן געבליבענע זיינען אַ סך געשטאָרבן אין אַ פּאָר טעג אַרום. אונדזערע דאָקטוירים האָבן זיי שוין ניט געקענט העלפן. לעבעדיקע מתים, הויט און ביינער, אויפגעשוואָלענע בייכער פון הונגער, אָנגעשטעקט מיט אַלערליי קראַנקייטן, אָן דעם ווילן צו וועלן ווייטער לעבן, זיינען די יידן געשטאָרבן און געפאַלן ווי פליגן.

די וואָס האָבן זיך געלאָזט אָפּראַטעווען, האָט מען פאַרנומען אין אַ דייטשישן שפּיטאָל, אין לודוויגסלוסט.

איך בין אַריין אין שפּיטאָל, וואו עס האָבן זיך געפונען די אָפּגעראַטעוועטע יידן פון פוילן, אונגאַרן און אַנדערע לענדער. אין די קאָרידאָרן האָבן זיך אַרומגעדרייט קראַנקן־שוועסטערס און „אָרדערליס" — אַלע דייטשן. זיי האָבן איצט געמוזט אויפפּאַסן אויף די קראַנקע יידן, געבן זיי עסן, וואַשן זיי און רייניקן די בעטן. ווי מאָדנע דאָס איז: נעכטן האָבן דייטשן געברענט יידן צום טויט; היינט דאַרפן דייטשן ברענגען די זעלביקע יידן צוריק צום לעבן.

איך האָב אַן עפן געטאָן אַ שווערע טיר און בין אַריין אין אַ גרויס ליכטיק צימער. אַרום די ווענט בעטלעך, לעבן די בעטלעך קליינע טישלעך מיט טעלער און גלעזער. עס איז גראָד געווען נאָך מיטיק. אַלע האָבן מיך אָנגעקוקט מיט אויפגעהויבענע קעפּ.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט און איך בין צוגעגאַנגען צו איינעם, וואָס איז געלעגן לעבן דעם אָפענעם פענצטער.

— אַ ייד? — האָב איך געפרעגט.

— יאָ, אַ ייד, — האָט אַ שוואַך קול געענטפערט און זיך אַ הייב געטאָן.

— שלום־עליכם — האָב איך אויסגעשטרעקט אַ האַנט.

— עליכם־שלום — האָט מיר דער ייד געגעבן זיין האַנט, אַ

שוואַכע, אַ ציטערדיקע, און אין די אויגן איז נאָך געלעגן דער שרעק און די מורא פון די שווערע יאָרן פול מיט קאָשמאַרן.

— פון וואַנען קומט אַ ייד?

— אַ לאָדזשער.

איך האָב זיך צוגעזעצט אויפן בעטל. דער ייד האָט זיך אָנגע־שפּאַרט אָן קישן און מיט אַ שטיל, כמעט וויינענדיק קול, האָט ער דערציילט און גערעדט פּאַמעלעך.

דער נאָמען זיינער איז: יוסף גאָלדשטיין, 33 יאָר אַלט. אויס־געזען האָט ער אַ סך עלטער. ווי קען מען בלייבן יונג דורכמאַכנדיק אַזוי פיל צרות, פּיין און יסורים?

מיר האָבן גערעדט וועגן דער גרויסער שטאָט לאָדזש. גאָלד־שטיין איז דאָרטן געווען אַ וועבער־אַרבעטער. די גרויסע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג פון לאָדזש האָט ער געקענט דורך און דורך, ווייל ער איז געווען טעטיק אין איר. פּאַראיינען, אַרבעטער־קלובן, כאָרן, ביבליאָטעקן — אַלץ איז גאָלדשטיינען געווען נאָענט אין לאָדזש.

אַחוץ דעם האָט ער אויך געשריבן וועגן אַרבעטער־ענינים אין דער אַרבעטער־צייטונג „לאָדזשער אַרבעטער״, און אַנדערע אויסגאַבעס, וואָס עס האָט רעדאַגירט דער באַוואוסטער זרובבל, שריפטשטעלער און לינקער פּועלי־ציון, וועלכער געפינט זיך היינט אין ארץ ישראל.

דאָס איז פאַר מיר געווען אַן אָנגענעמע איבערראַשונג. איך האָב טאַקע געזוכט און געהאָפט צו געפינען יידישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון היטלערס גיהנום. אַ גרויסן טייל פון אונדזער אינטעליגענץ האָבן דאָך די נאַציס אומגעבראַכט. דאָס איז דאָך געווען דער ערשטער פּונקט אויף דער נאַצישער פּראָגראַם — די אויסראָטונג פון די גייסטיקע פירער. און וואָס פאַר אַ ווערט האָט אַ פאָלק אָן פירער?

דאָ איז פאַר מיר געזעסן אַ יידישער קולטור־מענטש, אַ שריי־בער, וואָס האָט דורכגעמאַכט דעם לאַנגן, דאָרנדיקן וועג פון דער לאָדזשער געטאָ ביז דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דייטשלאַנד.

דער מאַרטירער האָט גערעדט וועגן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, די יידישע וועבערס און שטריקערס, וועגן די ביבליאָטעקן, וואו טויזנטער אַרבעטער האָבן געלייענט יידישע ביכער, צייטונגען

און זשורנאַלן. איצט איז גאָר ניט פאַרבליבן. אַלץ פאַרניכטעט, אַלץ צעשטערט. די עלטערן זיינע? ווער ווייסט? אפשר לעבן זיי נאָך ערגעץ, אָדער זיי זיינען אומגעקומען אויף קידוש־השם צוזאַ־מען מיט אַנדערע הונדערטער טויזנטער יידן.

איך האָב זיך מיט גאָלדשטיינען געזעגנט, צוגעזאָגט ווייטער צו קומען און ברענגען אים יידישע צייטונגען און זשורנאַלן פון אַמע־ריקע, אויף וואָס ער האָט זיך שטאַרק נאָכגעפרעגט.

⁂

איך בין אַרויף אויף אַ העכערן גאָרן, אַריין אין אַן אַנדער צימער, און אויף אַ בעט אין אַ ווינקל באַקענט זיך מיט אברהם שרוט, 25 יאָר אַלט, אויך אַ לאָדזשער וועבער־אַרבעטער, אַזוי ווי יוסף גאָלדשטיין.

אַ קורצער, אַ דאַרער, מיט אַ מאָגער פנים און רייטלעכע האָר. ער האָט דורכגעמאַכט די לאָדזשער געטאָ און דעם קאָנצענ־טראַציע־לאַגער אין אַשוויענטשים.

פאַר מענטשן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון טויט, איז שווער צו רעדן וועגן זייערע איבערלעבונגען.

שרוט, דער 25־יאָריקער, וואָס האָט אויסגעזען ווי 40 יאָר, האָט דערציילט פון קאָנצענטראַציע־לאַגער זאַכן, פון וועלכע עס שטעלן זיך די האָר קאַפּויער. שוואַכע, קראַנקע, אומבאַהאָלפענע יידישע פרויען האָט מען פאַרברענט. די ס.ס.־לייט האָט זיך געוואָלט שנאַפּס, פלעגן זיי פאַרקויפן ברויט און קויפן שנאַפּס. כדי צו באַקו־מען מער ברויט, האָבן זיי פאַרברענט מער יידן. די ניכטערע דייטשי־שע אויסרעכענונג: וויניקער יידן, מער ברויט. וואָס מער ברויט, אַלץ מער שנאַפּס.

פון די צרות אין לאַגער זיינען מיר איבערגעגאַנגען אויף אַן אַנדערער טעמע: לאָדזש. און אַז מען רעדט וועגן לאָדזש, מוז מען רעדן וועגן יידישע אַרבעטער, קלובן, קולטור, כאָרן. און ער, שרוט, איז געווען טעטיק אויף אַלע געביטן אין דער יידישער לאָדזש.

פאַרן אַוועקגיין האָט ער ביי מיר אויך געבעטן צייטונגען און זשורנאַלן צום לייענען — אַזוי לאַנג ניט געזען קיין יידיש וואָרט.

*
**

אויפֿן זעלביקן גאָרן האָב איך געפֿונען אַ יונגן ייִדישן פּאָעט פֿון לאָדזש, ירחמיאל בריקס, 32 יאָר אַלט. אַ קורצער און אַ קראַנקער. ער האָט מיר געוויזן לידער, וואָס ער האָט געשריבן אין לאָדזשער געטאָ און אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין בראַנשווייג, לידער וועגן לעבן, טויט און האָפֿענונג.

בריקס איז, אַחוץ אַ דיכטער, אויך אַ רעציטאַטאָר. אויף אַ וואונדערבאַרן אופֿן האָט ער פֿאָרגעלייענט אַ ליד וועגן דער רויטער אַרמיי. אין צימער איז געוועזן שטיל. אַפֿילו די פּאָליאַקן און בעלגיער, וואָס זײַנען געלעגן אין זעלביקן צימער, אַפֿילו זיי האָבן זיך צוגעהערט, כאָטש פֿאַרשטאַנען האָבן זיי גאָר ניט.

בריקס האָט זיך געדרוקט אין דעם לאָדזשער זשורנאַל „אינדזל“, און אין 1939 איז אַרויס זײַנס אַ בוך לידער אונטערן נאָמען „יונג גרין מיי“.

*
**

עס איז לעבן געבליבן דער 50־יאָריקער מאָלער יוסף קאָוונער. דער נאָמען און רעפּראָדוקציעס פֿון זײַנע בילדער זײַנען מיר שוין פֿון לאַנג געוועזן באַקאַנט. איך געדענק, אַז נאָך אין די וואַרשעווער „ליטעראַרישע בלעטער“ פֿלעג איך אָפֿט לייענען רעצענזיעס וועגן זײַנע אויסשטעלונגען.

און אָט בין איך אַליין געזעסן לעבן דעם איידעלן, ציטערדיקן, 50־יאָריקן קאָוונער, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ זקן פֿון 75 יאָר. די הענט האָבן זיך בײַ אים געטרייסלט, דאָס קול האָט געציטערט און אין זײַנע אויגן זײַנען געשטאַנען פּערלדיקע טרערן, ווען ער האָט גערעדט וועגן אַמאָל, וועגן די פֿאַר־היטלער־יאָרן, ווען ער האָט געמאָלן און געלעבט מיט זײַנע טיפּן.

וועגן אים האָט מען אַמאָל אַ סך געשריבן אין אַלע שפּראַכן. איינער פֿון זיי איז געוועזן קאַרל הילער, וועמען די דײַטשן האָבן דערמאָרדעט.

אויסשטעלונגען פֿון זײַנע בילדער זײַנען געוויזן געוואָרן אין פּאַריז אין דער גאַלעריי בערנהיים, אין גאַלעריי זאַק, אין בוקאַרעשט, בריסעל, ראָטערדאַם, בעלגראַד, אין די גרעסערע פּוילישע שטעט, און אויך אין מאָסקווע.

קאָוונער האָט זיך נאָכגעפרעגט און דערציילט וועגן זיין פריינד־שאַפט מיט באַוואוסטע מאָלערס: שאַגאַל, מענקעס, י. ברוינער, סוטין און דער איטאַליענער מעדעליאַני.

ער איז אויך געווען טעטיק אין יידישן וויסנשאַפטלעכן אינ־סטיטוט און האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן דעם „אַנסקי מוזיי״ אין ווילנע. ער האָט זיך שטאַרק נאָכגעפרעגט אויפן ייוואָ און צי עס איז געלונגען אָפּצוראַטעווען פון די נאַצישע הענט עפּעס פון די ייוואָ־אוצרות. שוין פינף־זעקס יאָר אַז ער האָט ניט באַקומען קיין ידיעות פון דער דרויסנדיקער וועלט.

וועגן דער לאָדזשער געטאָ האָט קאָוונער גערעדט און גע־וויינט.

ער האָט דערציילט:

די נאַציס האָבן געכאַפּט צוויי יידן, איינעם אויסגעצויגן אויף דער ערד אין מיטן גאַס, דעם אַנדערן געגעבן אַ זעג און געצוואונגען אים צו זעגן יענעמס האַלדז.

דאָס הייסט ווייזן אַלעמען אַז יידן זיינען באַרבאַרן. זעט, ווי יידן זעגן אייגענע יידן.

אַ ייד האָט זיך פאַרזינדיקט. דאָרט אין דער פאַבריק, וואו ער האָט געאַרבעט פאַר די דייטשן, האָט ער זיך דערלויבט צו נעמען אַ שטיקל לעדער, אַ פּאַסיקל, ניט מער. האָבן די דייטשן פון דעם געמאַכט אַ גאַנצן טאַראַראַם: יידן זיינען גנבים! זיי גנבענען זאַכן, וואָס געהערט צום „גרויסן רייך״. איר פאַרשטייט די איראָניע? זאַכן, וואָס געהערן צום „גרויסן רייך״! דאָס וואָס „דער רייך״ האָט צוגערויבט ביי אַנדערע פעלקער געהערט שוין צו זיי.

דעם יידן, דעם „גנב״ האָט מען פאַרמשפּט צום טויט. פאַר צונעמען אַ שטיקל רימען האָט אים געקומט הענגען.

האָט מען יידן געצוואונגען אויפצובויען אַ תליה און דער תליון איז אויך געווען אַ ייד. האָט איין ייד געהאַנגען אַן אַנדער ייד.

מיט אַ ריס אין האַרצן האָט דער מאָלער יוסף קאָוונער דער־ציילט וועגן יידישע ספרים און ביכער. ס׳איז אַרויס אַ באַפעל פון דער דייטשישער מאַכט, אַז אַלע יידישע ספרים, ביכער, זאָלן צו־נויפגעקליבן ווערן אויף איין אָרט צום סאָרטירן. האָבן יידן אָנגע־הויבן ברענגען אַלטע גמרות, חומשים, סידורים, פּנקסים און ביכער פון יידישע ביבליאָטעקן: ראָמאַנען פון באַוואוסטע יידישע

שרייבערס, לידער, ביכער פון יונגע און אַלטע פּאָעטן, עסייען און וואָס נאָר די יידישע ליטעראַטור אין פּוילן האָט פאַרמאָגט.

אַלץ איז געלעגן אין אַ קופּע, גרויס און הויך. מיליאָנען יידישע ווערטער צווישן טאָוולען. און עס האָט זיך געוואַלגערט אין גאַס אין רעגן און אין ווינט. מייז האָבן געריסן און צעפּרעסן די ספרים.

איך האָב זיך מיט קאָוונערן געזעגנט, צוגעזאָגט קומען אויף מאָרגן און זען ברענגען יידישע צייטונגען. ער האָט מיך ניט גע־וואָלט אָפּלאָזן, געדריקט מיר די האַנט און געהאַלטן אין איין דאַנ־קען.

איך האָב געהאַלטן וואָרט. איך בין אויף מאָרגן ווידער גע־קומען אין שפּיטאָל.

***

אַ גאַנצע נאַכט האָב איך ניט געקענט שלאָפן. דאָס, וואָס איך האָב געהערט ביי טאָג אין שפּיטאָל, האָט אויפגערודערט און צע־טרייסלט.

בין איך צום צווייטן מאָל געגאַנגען אין דייטשישן שפּיטאָל אין לודוויגסלוסט און באַגעגנט די לעבעדיקע עדות פון אונדזער טראַגעדיע.

אָט איז פאַר מיר געשטאַנען ד״ר סער, אַ קורצער, אַנגעטאָן אין ווייסן, מיט שוואַרצע געקרייזלטע האָר. דאָרט, אין לאָדזש, איז ער געוועזן דער „דאָקטער פון די יידישע שרייבער״, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט. געקענט אַלעמען, געוועזן געקניפּט און געבונדן מיט דער שרייבער משפּחה, מיט קינסטלער און אַקטיאָרן.

אים האָב איך עס אָפּגעגעבן אַ פּעקל יידישע צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס איז מיר גראַד דאַן אָנגעקומען פון דער היים. דאָס איז ביי אים געווען די גרעסטע און בעסטע מתנה, וואָס איך האָב אים געקענט ברענגען. דער הונגער נאָך אַ יידיש וואָרט איז גרויס ביי די לעבן געבליבענע יידישע אינטעליגענטן.

אַרום מיר האָבן זיך אַרומגעקליבן יידן, עלטערע און יינגערע. זיי זיינען נאָך געווען שוואַך און קראַנק. איינער האָט מיר געוויזן זיינע פיס. הויט און ביינער. נאָר איינער האָט אויסגעטאָן דאָס העמד. די ריפּן האָבן אויסגעסטאַרטשעט. איך האָב אויפגעשוידערט. האָט איר אַ מאָל געזען אַ סקעלעט? אַזוי זיינען זיי געווען.

מיט ד״ר סער איז אויך געווען משה סאַנעק, אַן אַקטיאָר און פּראָפעסער פון לידער, צו וועלכע דער קאָמפּאָזיטאָר דוד בייגעלמאַן האָט געשריבן מוזיק. אַ דאַרער, מיט ווייניק האָר אויפן קאָפּ, האָט סאַנעק דערציילט וועגן יידישן טעאַטער אין די פאַר־מלחמה־יאָרן אין לאָדזש, וואַרשע און אַנדערע שטעט.

ער און ד״ר סער האָבן מיר געגעבן אַ צעטל פון יידישע שרייבערס, אַקטיאָרן און מאָלערס, וואָס זיינען אומגעקומען, אָדער וועמעס גורל איז אומבאַוואוסט. אָט זיינען זיי:

ישראל ראָזענבערג, רעדאַקטאָר פון לאָדזשער „פאָלקס־בלאַט״, איז געשטאָרבן אין וואַרשעווער געטאָ.

דער באַוואוסטער קאָמפּאָזיטאָר און מוזיקער דוד בייגעלמאַן איז דעם 20טן אויגוסט, 1944, פאַרברענט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אָשוויענטשים.

שמעון יאַנאָווסקי, לאָדזשער מאָנאָלאָגן־שרייבער, פאַרברענט אין לאַגער אָשוויענטשים.

יאַכומאָוויטש, לאָדזשער דיכטער, 38 יאָר אַלט, אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער „וואָלקנרזיך״, צוגענומען ערגעץ־וואו מיט אַ טראַנספּאָרט פון לאַגער אָשוויענטשים. גורל אומבאַוואוסט. אויך דער זון זיינער האָט געשריבן לידער אין יידיש און פויליש, און אויך זיין גורל איז אומבאַוואוסט.

געווען אין זעלבן לאַגער אָשוויענטשים אַ 17־יאָריקער ייִנגל פון לאָדזש, צוקער, אַ באַגאַבטער פּאָעט. גורל אומבאַוואוסט.

געווען אין לאַגער דער קונסט־מאָלער יצחק ברוינער. גורל אומבאַוואוסט.

געווען אין לאַגער דער מאָלער לייזעראָוויטש, גורל אומבאַוואוסט.

געווען אין לאַגער דער אַקטיאָר און רעציטאַטאָר משה פולאַווער. אין אָשוויענטשים, אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, צווישן די ברען־אויוונס און גאַז־קאַמערן און פרישע קברים, האָט אָט דער פולאַווער געשפּילט יידיש טעאַטער. איז דאָס ניט אַ נס? מען האָט אים צוגענומען אויף אַ טראַנספּאָרט. ווייטערדיקער גורל אומבאַוואוסט.

קען זיין, אַז פון די אויבן־אויסגערעכנטע האָבן זיך אפשר אַנדערע געראַטעוועט. עס ווילט זיך האָפן.

אַט אַזוי בין איך געגאַנגען פון צימער צו צימער, געזען און געהערט, און אינעווייניק אין מיר האָט זיך געוויינט.

די לעבן געבליבענע יידן האָבן געהאַט טענות צו מיר. וואו זיינען די אַמעריקאַנער יידן? פאַר וואָס הערט מען ניט פון זיי? פאַר וואָס העלפן זיי ניט? אַט זעט, האָבן זיי געזאָגט, מיט אונדז ליגן דאָ אויך ניט־יידן: בעלגיער, פראַנצויזן, האָלענדער. נו, קומען צו די בעלגיער פאַרטרעטערס פון בעלגיע; קומען צו די פראַנצויזן פאַרטרעטערס פון פראַנקרייך; קומען צו די האָלענדער פאַרטרעטערס פון האָלאַנד. און צו אונדז ווער קומט? קיינער ניט! וואו איז די הילף פון די אַמעריקאַנער יידן? פאַר וואָס שווייגן זיי?

און נאָך האָבן זיי געוואָלט וויסן. אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי דינען דאָך טויזנטער יידישע סאָלדאַטן, פאַר וואָס קומען זיי אַזוי ווייניק זען און הערן און באַקאָנען זיך מיט אונדז. זיינען זיי דאָך זין פון יידישע טאַטע־מאַמעס, קען דאָס זיין, אַז זיי אינטערעסירט ניט דער גורל פון די אייראָפּעאישע יידן? זיי האָבן דאָך געקעמפט און פאַרניכטעט דעם היטלעריזם. טאָ פאַר וואָס קומען זיי ניט?

איך האָב זיי גאָר ניט געקענט ענטפערן אויף דעם.

לודוויגסלוסט, דייטשלאַנד, מיי, 1945.

וטהר לבנו

מיטן חבר שמואל שוואַרץ פון ניו־יאָרק, בין איך געגאַנגען אין שפּיטאָל אין לודוויגסלוסט. דאָרטן זיינען געלעגן יידן וואָס די אַמעריקאַנער האָבן געראַטעוועט פון קאָנצענטראַציע לאַגער, פיר מייל פון שטאָט.

שוואַרץ איז געגאַנגען אין לאַגער זוכן זיין מוטער, שוועסטער און ברודער, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט מיט פינף יאָר צוריק אין אונגאַרן. זיי האָט ער ניט געפונען, נאָר באַקאַנטע יאָ, צווישן זיי אַ רב, וואָס איז געווען זיין טאַטנס אַ יוגנט־פריינד. צוזאַמען האָבן זיי געלערנט אין די ישיבות און שפּעטער פאַרנומען כיסא הרבנות, איינער אין אונגאַרן און דער צווייטער, שמואלס פאָטער, אין אַמע־ריקע.

מיר זיינען אַרויפגעקראָכן אויפן אייבערשטן עטאַזש, דורכ־געגאַנגען אַ לאַנגן קאָרידאָר און אַריין אין אַ גרויס צימער. יידן און ניט־יידן זיינען געלעגן אויף בעטן אָדער קוים אַרומגעשלעפּט זיך איבערן צימער. אַלע זיינען געווען חולאים, ערשט אָפּגעראַטעוועטע פון קאָנצענטראַציע־לאַגער.

אין אַ ווינקל אויף אַ בעטל איז געלעגן אַ מענטש מיט אַ שוואַרץ, שיטער בערדל. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ יאַרמלקע. אַרום אים איז געשטאַנען אַ גרופּע מענטשן און זיך צוגעהערט צום קראַנקן. דער קראַנקער, דאָס איז דער רב, דער יוגנט־פריינד פון מיין חבר שוואַרצס פאָטער.

מיר זיינען צו צום בעטל. שוואַרץ האָט מיך פאָרגעשטעלט. איך האָב אויסגעשטרעקט אַ האַנט.

— שלום עליכם, רבי.

— עליכם שלום, עליכם שלום — און ער, דער רב האָט גע־כאַפּט קושן מיין האַנט. איך האָב זיך צעטומלט.

— צו וואָס קושן די האַנט, רבי? — האָב איך אַרויסגעשטאַמלט.

— איר אַמעריקאַנער האָט אונדז געראַטעוועט פון טויט. דער

חלף איז דאָך שוין געלעגן אויפן האַלדז ווען איר זייט אָנגעקומען.
— און דער רב, הערמאַן מייזעלס פון אונגאַרן, האָט זיך צעוויינט.

איז דאָס ניט געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב געזען יידן וויינען, יידן פון די אייראָפּעאישע לענדער, וואָס האָבן דורכגע־פּייניקט דעם דאָרנדיקן וועג פון געטאָ ביז דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער. אָבער אַ רב, מיט אַ באָרד אין אַ יאַרמלקע זאָל וויינען, דאָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ פּיינלעכן איינדרוק.

דער רב האָט מיך געבעטן זעצן זיך אויף זיין בעטל. אָבער איך האָב קיין העזה ניט געהאַט און האָב געוואַרט ביז אַ ייד האָט מיר צוגעטראָגן אַ בענקל. מיר האָבן זיך פונאַנדערגערעדט און דערפירט דעם שמועס צום נעכטן, צום היינט און צום מאָרגן. אַזוי איז עס שוין געגאַנגען. די געראַטעוועטע יידן האָבן גערעדט וועגן דעם וואָס איז געווען פאַר היטלערן, דאָס וואָס עס איז איצט, און געפרעגט: וואָס וועט מאָרגן זיין?

דער רב מייזעלס האָט פאַרן קריג פיל אַרומגערייזט. צען יאָר האָט ער געוואוינט אין פּוילן. ער האָט געגרינדעט חדרים און ישיבות. אין איין ישיבה האָבן געלערנט 150 ישיבה־בחורים. ער איז 43 יאָר אַלט און איז דער מחבר פון צוויי ספרים. ער האָט איבערגעלאָזט אין דער היים פיל כתב־ידן וואָס זיינען מסתמא פאַרניכטעט געוואָרן פון די נאַציס.

אַ טאַטע פון צען קינדער, איז אים נאָר פאַרבליבן איין זון. די רביצין מיט פינף קינדער זיינען אומגעקומען אויף קידוש־השם. אַ מיידל פון 20 יאָר איז געבליבן, אָבער וואו זי איז ווייס ער ניט. מען וויל האָפן, אַז זי לעבט. אָבער וויפל יונגע יידישע מיידלעך האָבן זיך געקענט ראַטעווען פון די דייטשישע הענט?

פון די יינגלעך איז אים נאָר איין זון פאַרבליבן, דער 16־יאָריקער זלמן לייב, אַ דאַרער, אַ בלייכער און מיט קלוגע יידישע אויגן. זלמן לייב האָט שוין צו ניין יאָר געלערנט ספרים. צו זיין בר־מצוה האָט ער געהאַלטן אַ דרשה פול מיט תורה. ער קען גוט מאַטעמאַטיק און איז אויך אַ בעל־תורה. אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן האַלט זלמן לייב אין איין לערנען בעל־פה, גמרא און משניות. ווער ווייס, אפשר האָט דעם רבס זון געפונען אין די הייליקע יידישע ספרים דעם ענטפער אויף מאי קא משמע לן, דאָס יידישע לעבן? אפשר האָט ער אין שאָטן פון טויט דערגריבלט זיך צו עפּעס?

רבי מייזעלס האָט אַזוי פיל צו דערציילן. פון וואַנען זאָל ער אָנ־הייבן? וואָס מען באַרירט, וועגן וואָס נאָר מען רעדט, איז אַלץ יידיש בלוט, קידוש־השם און אויסראָטונג.

פון אונטערן קישן האָט דער רב אַרויסגענומען אַ טלית און תפילין. ער האָט עס פונאַנדערגעוויקלט און געזאָגט:

— איר קוקט אַן אָט דעם טלית און די תפילין? דאָס האָב איך מיטגעפירט אַ לאַנגן וועג, שטענדיק געהיט ווי דאָס אויג פון קאָפּ. אויב שוין גיין על־קידוש־השם, טאָ זאָל זיין ווי אַ ייד, אין טלית און תפילין. אויב עס וועט באַשערט זיין אויסשרייען „שמע ישראל", טאָ זאָל זיין אין טלית און תפילין. וויפל מאָל זיי האָבן דאָס געוואָלט צונעמען און צערייסן, אָבער איך האָב זיך שטענדיק אָפּגעבעטן.

איך האָב געגלעט די שוואַרצע תפילין און דעם זיידענעם טלית. איך האָב געטראַכט בשעת־מעשה, אַז אין די צוויי זאַכן האָבן יידן געפונען מוט און בטחון, און דאָס גיין אויף קידוש־השם האָט שוין באַקומען אַן אַנדערע אויסטייטשונג.

רבי מייזעלס האָט די גאַנצע צייט אויך געטראָגן אַן אַרבע כנפות און ציצית. אונטער די בגדים איז עס דורכגעגאַנגען אומבאַ־מערקט. אין לעצטן קאָנצענטראַציע־לאַגער אָבער האָט אַ שטורעם־טרופּער זיך דערוואוסט וואָס דער רב טראָגט. ער האָט דעם אַרבע־כנפות אַרונטערגעריסן און דעם רבין האָט זיך געדוכט, אַז דאָס רייסט מען ביי אים שטיקער פלייש. עס האָט ניט געהאָלפן דאָס בעטן זיך און דאָס טענהן מיט דעם שטורם־טרופּער, אַז דער אַרבע־כנפות און די ציצית זיינען הייליקע יידישע זאַכן.

דער רבי אָבער האָט דערלעבט צו זען די מפלה פון דעם שטורם־טרופּער. די אַמעריקאַנער אַרמיי איז אָנגעקומען. דעם לאַ־גער האָבן זיי פאַרנומען. דער זעלביקער שטורעם־טרופּער האָט געוואָלט אַנטלויפן, אָבער קוילן פון אַ סאָלדאַטס ביקס האָבן אים אַרונטערגעשאָסן ביידע הענט.

ר' מייזעלס האָט עס צוגעזען. ווען דער שטורם־טרופּער איז געלעגן אויף דער ערד אין אַ טייך בלוט און געוואַרט אויף אַ טראָג־בעטל וואָס זאָל אים נעמען אין שפּיטאָל, איז דער רבי צו אים צו־געגאַנגען און געזאָגט:

— דו זעסט? גאָטס שטראָף ליגט אין דעם. אַן אַרבע כנפות

איז אַ הייליקע זאַך ביי יידן און דער וואָס וויל עס אַנטאָן שאָדן, ווערט אַליין באַשעדיקט.

די יידן וואָס זיינען געשטאַנען אַרום אונדז, און זיך צוגעהערט צו רבי מייזעלס ווערטער האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ. זיי זיינען אַלע געווען צוזאַמען מיטן רבין אין קאָנצענטראַציע־לאַגער און דאָס וואָס זיי האָבן דורכגעלעבט און דורכגעמאַכט האָט איצט דער רבי מיר דערציילט.

— יום־כיפּור האָט דער טאַטע געפאַסט — האָט זיין זון גע־זאָגט — ער האָט ניט געוואָלט עסן, כאָטש ער איז געווען קראַנק און שוואַך. אַלע האָבן זיך ביי אים געבעטן ער זאָל נעמען עפּעס אין מויל אַריין, אָבער ער האָט געענטפערט: ניין, ניין, און ניין.

— נו, מילא — האָט דער רבי געזאָגט מיט אַ שמייכל — וואָס געווען איז געווען. איך בין פון הונגער ניט אויסגעגאַנגען. דער אייבערשטער האָט זיך מרחם געווען. די קינדער אָבער האָבן געליטן מער פון מיר. אָט וועל איך אייך דערציילן און פאַרשרייבט עס פאַר די יידישע צייטונגען אין אַמעריקע.

ער האָט דערציילט, און איך בין געזעסן און פאַרשריבן, און דאָס הארץ האָט אין מיר געוויינט. און די וואָס זיינען געשטאַנען אַרום אונדז, עטלעכע יינגלעך און דערוואַקסענע, די וואָס האָבן עס געזען מיט זייערע אייגענע אויגן, האָבן געקוקט אויפן רב און געשוויגן. זיי האָבן ניט געוויינט, ווייל זייערע טרערן האָבן זיך שוין אויסגענומען.

דער רב האָט דערציילט:

מען האָט געברענט יידישע קינדער. איז עס שוין ניט געווען קיין נייס אין לאַגער. עס איז אָבער געווען ראש־השנה. מען האָט שוין געמאַכט אַ „סעלעקציע״, ווער עס זאָל פאַרברענט ווערן. האָט דער רב אַליין אויסגעהובלט אַ שופר פון עפּעס און איז אַוועק צום עלטסטן פון בלאָק.

דערזען דעם רב ביי זיך, האָט דער עלטסטער געמיינט, אַז ער איז געקומען צו אים מיט אַ גרויסער בקשה.

— וואָס וויל דער ראַבינער? — האָט אים דער עלטסטער געפרעגט.

האָט אים דער רב ר׳ מייזעלס געזאָגט, אַז ראש־השנה איז אַ גרויסער יידישער יום־טוב, אַ הייליקער יידישער יום־טוב, און

האָט אים געוויזן דעם אַליין געמאַכטן שופר און געבעטן אַ דערלוי־בעניש צו בלאָזן שופר, ווי עס פירט זיך ביי יידן, און צו האַלטן אַ דרשה פאַר די קינדער איידער זיי גייען צום טויט.

דער עלטסטער האָט אים אויסגעהערט, אָנגעקוקט דעם שופר און אַ לאַך געטאָן:

— דאָס אַלץ וואָס דער ראַבינער וויל? זיכער קאָנסטו בלאָזן.

האָט אים דער רב באַדאַנקט און איז אַוועק מיטן שופר צו די קינדער וואָס האָבן געוואַרט אויפן טויט. צווישן די קינדער האָבן זיך געפונען זיינע תלמידים, וואָס האָבן געלערנט ביי אים אין חדר און ישיבה, און צו זיי האָט ער געוואָלט ריידן.

רבי מייזעלס האָט אַלעמען צונויפגעקליבן, זיך געשטעלט אויף אַ טיש און געהאַלטן אַ דרשה. ער האָט געקוקט אויף די יונגע פּנימער וואָס וועלן באַלד גיין על קידוש־השם. ער האָט געבלאָזן שופר, און האָט גערעדט צו זיי. ער האָט זיי געזאָגט, אַז פאַרן טויט זאָלן זיי זיך ניט שרעקן. אויב גאָט ברוך הוא פאַרלאַנגט פון זיי, אַז זיי זאָלן צו אים גיין, ווייס ער מסתמא וואָס ער טוט. עס איז אַ גרויסער און הייליקער יידישער יום־טוב. זיי זיינען יידישע קינדער. זיי טאָרן דעם יום־טוב ניט פאַרשעמען. פאַר זיי וועט עס זיין אַ נייער אָנהייב. אויף קידוש־השם דאַרפן זיי גיין ווי שטאָלצע יידן, ניט וויינען, ניט שרייען, ניט מורא האָבן.

די קינדער האָבן זיך צוגעהערט צום רב און עס איז געווען שטיל. זיי האָבן אים פאַרשטאַנען. זיי האָבן באַגריפן די אַחריות וואָס ער האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט.

ר׳ הערמאַן (הירש) מייזעלס האָט זיי דערהויבן צו עפּעס הימלישעס. ער האָט זיי עקזאַלטירט. ער האָט ריין געמאַכט זייערע קינדערשע נשמות פון יעדער ערדישער זינד. ר׳ מייזעלס האָט זיי פאַרטראָגן אין נייע וועלטן.

און נאָך זיין דרשה און נאָך זיין שופר־בלאָזן זיינען די 117 יידישע קינדער יענעם ראש השנה געגאַנגען על קידוש־השם. די משהלעך און שלמהלעך, די 9 און 10־יאָריקע, די 14 און 15־יאָריקע, די תלמידים פון ר׳ הערמאַן מייזעלס חדרים און ישיבות האָבן ניט געוויינט, האָבן ניט געקלאָגט, האָבן זיך ניט געריסן די האָר פון קאָפּ. זיי זיינען געגאַנגען באַגעגענען זייער באַשאַפער זינגענ־דיק: וטהר לבנו...

און די אַנדערע געפאַנגענע אין לאַגער, די פּאַליאַקן, די האָלענדער, די טשעכן האָבן געשטוינט און ניט געוואָלט גלייבן די אייגענע אויגן. און די געפאַנגענע פראַנצויזן, די בעלגיער, די רוסן האָבן געקוקט אויפן וואונדער איבער וואונדער: ווי איז דאָס מעגלעך, אַז קינדער זאָלן גיין צום טויט זינגענדיק? ווי איז דאָס מעגלעך ?

ווער קען פאַרשטיין און ווער קען אַריינקוקן אין דער נשמה פון יידישע קינדער? זיי האָבן געלייטערטע, מיט געזאַנג אויף די ליפּן און מיט שמע ישראל, אדוני אלקינו, אדוני אחד, זיך געלאָזט פאַרברענען.

דאָס האָט מיר דערציילט רבי מייזעלס און צוהערנדיק זיך צו אים, ווי ער האָט מיט פאַרמאַכטע אויגן און מיט אַ גמרא־ניגון געשילדערט פאַר מיר די אויפטרייסלענדיקע געשיכטע, האָב איך געקענט פאַרשטיין ווי ער האָט מיט זיין כוח פון דרשנען, דערהויבן די 117 יידישע קינדער, און פאַרגרינגערט זייערע לעצטע מינוטן אויף דער זינדיקער ערד.

דייטשלאַנד, מיי, 1945.

חיות — ניט קיין מענטשן

מען האָט מיך באַקענט אין שפּיטאָל אין לודוויגסלוסט מיט אַ קריסט, אַ שיינער מאַן פון מיטעלן וואוקס, מיט וואָנצעס און אַ מיליטערישן גאַנג. אַליין אַ פּאָליאַק, איז ער געווען אַן אָפיציר אין דער אונגאַרישער אַרמיי און האָט געקענט רעדן אונגאַריש, פּויליש, דייטש און אַ ביסל יידיש.

זיין אמתן נאָמען האָט ער מיר ניט אָנגעגעבן. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אונטער אַ פּסעוודאָנים וויניאַרטשיק געאָרג. (דעם דאָזיקן נאָמען האָט ער אַליין אַריינגעשריבן אין מיין נאָטיצביכל).

ער איז געווען צוזאַמען מיטן רבי מייזעלס אין לאַגער, און האָט פאַר אים געהאַט דעם גרעסטן דרך־ארץ וואָס אַ קריסט קען האָבן פאַר אַ יידישן גייסטלעכן. דעם רב האָט ער ניט אָנגערופן ביים נאָמען, נאָר: ראַבינער.

מיר האָבן זיך געזעצט לעבן טיש און ער, דער קריסט, וואָס האָט אַליין אויך געצנוג געליטן פון די נאַצים, האָט מיט מיר געשמועסט וועגן דעם ווי וויכטיק עס איז, אַז מען זאָל דעם ראַבינער אַראָפּברענגען קיין אַמעריקע.

ער האָט געהאַט אַ יידיש האַרץ אָט דער פּאָליאַק. ער האָט אָנגעוויזן אויפן רב און געזאָגט:

— די ראַבינערס, דאָס זיינען דאָך די, וואָס אויף זיי האַלט זיך דאָס יידישע פאָלק. אין זיי ליגט דער כוח פון יידישקייט.

נאָך דעם איז דער שמועס אַריבער אויף די דייטשן.

— דאָס זיינען חיות, ניט קיין מענטשן. איך שעם מיך, וואָס איך בין אַ קריסט — האָט ער געזאָגט.

און ווייל איך האָב געוואָלט צונויפקלייבן וואָס מער פאַקטן פון לעבעדיקע עדות, האָט דער פּאָליאַק מיר אויך דערציילט פון קאָנצענטראַציע־לאַגער. ווען ער האָט גערעדט, האָט ביי אים די שטים געציטערט.

— איר ווילט הערן פון בעסטיאַליטעט? — האָט דער קריסט געאָרג וויניאַרטשיק גערעדט. — אין לאַגער איז מען ערשט אַריין פון דער אַרבעט. דער שטורעם־טרופּער שטעלט אָפּ אַ יידן און הייסט אים ווייזן די הענט. דער ייד הייבט אויף די הענט און ווייזט אים. „שמוציקע הענט!" שרייט אויס דער שטורם־טרופּער — וואָרום וואַשסטו זיי ניט?"

— עס איז געווען ווינטער. קעלט, שנייען מיט זאַווערוכעס. אין די לייכטע צעריסענע בגדים איז מען דערפראָרן פון קעלט. און דאָ פרעגט דער פאַסקודנער שטורם־טרופּער דעם יידן, פאַר וואָס ער וואַשט ניט זיינע הענט. דער ייד האָט געענטפערט, אַז פון שווערער אַרבעט זיינען ביי אים די הענט צעריסן און צעוואונדיקט, און ער קען זיי ניט לייגן אין וואַסער ווייל זיי ווערן פאַרפראָרן.

— שרייט דער שטורעם־טרופּער, אַז ער וועט דעם שמוציקן יידן שוין ווייזן, וואָס עס מיינט קאַלט וואַסער און וואָס עס מיינט פאַרפראָרן ווערן. דעם יידן באַפעלט ער אויסטאָן זיך נאַקעט (און פאַרגעסט ניט, אַז עס איז געווען דאַן אַ מוראדיקער פראָסט) און קריכן אין פאַס אַריין. וואָס קען דער ייד טאָן? אַנטזאָגן זיך וועט אים דער שטורעם־טרופּער שיסן אויפן אָרט. איז ער אַריינגעקראָכן אין פאַס וואַסער, ווי די מאַמע האָט אים געהאַט. דער ס. ס.־מאַן האָט אים אַזוי איבערגעלאָזט און איז אַוועקגעגאַנגען.

— איר ווילט הערן וועגן דייטשישן סאַדיזם? אין מיטן העלן טאָג קומט אַריין דער הויפּט פון בלאָק. ער ציילט אָפּ אַזוי פיל און אַזוי פיל יידן, באַפעלט זיי אויסציען זיך אויף דער ערד. די וועכטער, וואָס זיינען אַריין מיטן הויפּט, שטופּן אונטער און שלאָגן. די יידן לייגן זיך אויף דער ערד. דער הויפּט גייט צו צו איינעם, שטעלט אַרויף אַ שווערן שטיוול יענעם אויפן האַלדז, און מיטן גאַנצן כוח דערשטיקט ער דעם יידן ביזן טויט. דער הויפּט גייט צו צו אַן אַנ־דערן און טוט דאָס זעלביקע. ער קלייבט נחת צוזעענדיק ווי יענעמס פּנים ווערט געל און גרין און שוואַרץ און הערט אין גאַנצן אויף צו אָטעמען. אַזוי פון איין ייד צום צווייטן, פון איין ריי צו אַ צווייטער ריי. אָט האָט איר דייטשישן סאַדיזם.

— ווייסט איר ווי דער דייטש לאַכט? מען כאַפּט אַ יידן און מען הייסט אים אויסציען דעם האַלדז. דער ייד טוט וואָס מען צווינגט אים. ער שטייט מיט אַן אויסגעצויגענעם האַלדז. אַ דייטש

כאַפּט אַרויס אַ מעסער און טוט אַ שניט דעם ייד אין האַלדז. בלוט הייבט אָן רינען אויפן ייד און אויפן דיל. דער דייטש גיט אַ צווייטן שניט. עס רינט מער בלוט. דער דייטש צעלאַכט זיך. — אַט זעט, — זאָגט ער, ווי איך באָד זיך אין יידיש בלוט — און מיט די שטיוול טרעט ער אויפן יידנס בלוט און לאַכט.

— איר ווילט וויסן פאַר וואָס איך האַלט די דייטשן פאַר חיות? אָט הערט: זיי האָבן אין לאַגער געהאַט ווילדע, גרויסע דייטשישע הינט. פאַר די הינט האָט מען געציטערט. פלעגט אָפט פּאַסירן אַז זיי פלעגן אויסשטעלן יידן אין אַ ריי אַזוי ווי סאָלדאַטן און אָנרייצן אויף זיי די הינט. און די הינט פלעגן זיי צערייסן אויף טויט.

דאָס האָט מיר דערציילט דער קריסט, דער פּאָליאַק.

דייטשלאַנד, מײַ, 1945.

זשאָרזשעט — אַ יידישע מיידל פון פּאַריז

אַ יידישע מיידל פון פּאַריז, זשאָרזשעט זאַזשאַנק, ביז איצט האָב איך נאָר באַגעגנט מענער וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון קאָנצענטראַציע־לאַגערן. זשאָרזשעט איז די ערשטע געראַטעוועטע פרוי מיט וועמען איך האָב גערעדט.

אַ שיינע יידישע טאָכטער מיט לאַנגע האָר און טיף פּילנדיקע אויגן, איז זשאָרזשעט געווען טעטיק אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פּאַריז. ווען די דייטשן זיינען אַריין, האָט זי זיך אויסבאַהאַלטן. אירע צוויי שוועסטערס האָט מען אַרעסטירט. אויב זיי וועלן אויסזאָגן וואו זייער שוועסטער באַהאַלט זיך אויס, — האָבן די דייטשן צוגעזאָגט, — וועט מען זיי פריי לאָזן.

זשאָרזשעט האָט זיך דערוואוסט פון דעם דייטשישן אָנבאָט. די צוויי שוועסטערס אירע האָבן קיין האָניק ניט געלעקט ביי די נאַציס. אַלס יידן איז זיי געווען גאָר שווער אין אַרעסט. זשאָרזשעט האָט באַשלאָסן אונטערצוגעבן זיך, כדי אירע שוועסטערס זאָלן באַפרייט ווערן.

עס האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט גאַנץ אַנדערש. דייטשן האַלטן ניט קיין וואָרט. זשאָרזשעט האָט זיך אונטערגעגעבן און — אירע שוועסטערס האָט מען ניט באַפרייט. מען האָט זיי אַלע דריי פאַרשיקט אין אַ קאָנצענטראַציע לאַגער.

די עטלעכע טויזנט יידישע מיידלעך האָט מען געהאַלטן באַזונדער פון די קריסטלעכע. יעדער מיידל האָט מען טאַטואירט אַ נומער אויפן לינקן אָרעם און אַ האַלבן מגן־דוד. זשאָרזשעט האָט נאָך איצט דעם אָנדענק. עס זעט אויס אָט אַזוי:

46745 (לאַגער נומער)

— (מגן־דוד)

ווען איך בין געזעסן אַנטקעגן איר און זיך צוגעהערט ווי זי האָט דערציילט פון לאַגער און די נאַציס, האָט איר קול געציטערט פון אויפרעגונג און אַ כעס האָט זיך געטראָגן פון יעדן וואָרט. וואָס ווייטער עס גייט אַוועק די צייט, אַלץ בולטער שטייט פאַר די אויגן

די פאַרגאַנגענהייט און דאָס איבערגעלעבטע נעמט אָן שאַרפערע פאָרמען. פאַרגעסן די ליידן פון לאַגער? ווי קען מען דאָס? וואו מען ווענדט זיך און וואו מען קערט זיך, דערמאָנט עפּעס אָן נעכטן.

וואָס איז געווען דער קאָנצענטראַציע־לאַגער? אַן אָרט פון אויסראָטונג און פאַרניכטונג. אַלטע און שוואַכע האָט מען ניט גע־דאַרפט. צו וואָס טויגן זיי? צו וואָס קאָרמענען איבעריקע מיילער? וואָס פאַר אַ נוצן קענען זיי ברענגען דעם גרויסן רייך? האָט מען מיט דייטשישער ניכטערקייט געברענט, פאַרגאַזט און פאַרהונגערט צום טויט אַלטע און שוואַכע יידן.

און די יידישע קינדער? לאָזן זיי לעבן וועט דאָך ניט שטימען מיט היטלערס פּראָגראַם. דאַרף מען זיי אָפּראַמען פון וועג, זיי זאָלן זיך ניט פּרוכפּערן און זיך ניט מערן.

אין לאַגער־בלאָק וואו זשאַרזשעט האָט זיך געפונען, האָבן זיי געקענט אַרויסקוקן צו דער באַן און זען אַלץ וואָס דאָרטן קומט פאָר. די וואַגאָנען האָבן געבראַכט צו פירן פיל יידישע קינדער פון אי־בער גאַנץ איירָאָפּע. מען האָט זיך מיט זיי לאַנג ניט געעסקט און שנעל אָפּגעראַמט זיי פון וועג אויף אַזאַ אופן:

לעבן די רעלסן האָט מען גרויסע גריבער געגראָבן, מאַסן־קברים. ווען די וואַגאָנען מיט די קינדער זיינען אָנגעקומען, זיינען די דייטשן אַריין אין יעדן וואַגאָן און דורך דער אָפענער טיר גע־וואָרפן די קינדער גלייך אין גרוב אַריין. לעבעדיקערהייט האָט מען זיי באַגראָבן, פון באַן גלייך אין קבר אַריין, אַלע צוזאַמען, און די וואָס האָבן זיך געפונען אין יענעם בלאָק וואָס האָט אַרויסגעקוקט צו דער באַן, זיי האָבן דאָס אַלץ געזען. זשאַרזשעט צווישן זיי.

די יידישע פרויען און מיידלעך האָבן יאָ געבראַכט נוצן היט־לערס דייטשלאַנד. ערשטנס האָבן די ווערמאַכט סאָלדאַטן געדאַרפט פרויען... האָט מען יידישע טעכטער געשיקט אין די שאַנדהייזער. צווייטנס, האָבן די דייטשישע דאָקטוירים געדאַרפט האָבן מענטשלעכע „גיני־פּיגס" פאַר ביאָלאָגישע און אַנדערע עקספּערימענטן. דריטנס, האָט זיך דייטשלאַנד גענייטיקט אין שקלאַפן־אַרבעטער.

די דייטשישע דאָקטוירים מיט זייערע נייסטע אינסטרומענטן און מעדיציניש דערפינדונגען, האָבן עקספּערימענטירט אויף יידי־שע מיידלעך. די „מענער אין ווייסן" האָבן געשניטן ברוסטן. זייער ווייניק זיינען לעבן געבליבן. די „מענער אין ווייסן" האָבן סטערי־

ליזירט די יידישע מיידלעך. דאָס אַלץ אין נאָמען פון דייטשישער מעדיצין. עס וועט נאָך קומען אַ צייט און אַלץ וועט באַשריבן ווערן און דאָקומענטירט ווערן פאַר די מענטשן צו לייענען און שטוינען, און ניט פאַרשטיין וועט מען די ווילדקייט פון דייטשישע דאָקטוירים אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

זשאַרזשעט מיט אירע צוויי שוועסטערס האָבן זיך געפונען אין איין און דעם זעלבן בלאָק. איין שוועסטער האָט געהאַט אַ גע־שוואָלענע פוס. זשאַרזשעט אַליין איז קראַנק געווען אויף טיפוס. די אויפפאַסערין פון בלאָק האָט זייביידן שוין געוואָלט אַוועקשיקן אין קרעמאַטאָריע דורך די גאַז־קאַמערן. דאָס איז געווען דער וועג צום טויט; פריער פאַרגאַזן און דערנאָך די קערפּערס פאַר־ברענען. אָבער ביידע האָבן ווי דורך אַ נס — זיי ווייסן אַליין ניט ווי עס איז געשען — זיך אַרויסגעראַטעוועט פון טויט.

עס זיינען געווען גרויסע פרעסט אין לאַגער. אַלע האָבן גע־פרוירן. קיין קוילן האָט מען ניט געגעבן. דאָס איז דאָך געווען אַ לוקסוסזאַך. האָלץ איז געווען ווייניק. דאָס וואָס האָט זיך געפונען אין בלאָק געמאַכט פון האָלץ, ווי בעטלעך, למשל, האָבן שוין די מיידלעך לאַנג פאַרברענט.

אין קיך אָבער איז געווען אַ סך האָלץ. פלעגט זיך זשאַרזשעט אַרויסגנבענען ביי נאַכט פון בלאָק, דורכן הויף קריכן אין קיך און צוריקקערן זיך מיט אָרעמס פול מיט האָלץ. אַזוי האָט זי געטאָן עטלעכע נעכט ביז דער קוכער האָט זיך געכאַפּט ביי דער גנבה. עמעצער האָט געמסרט אויף די יידישע מיידלעך. דער קוכער האָט אַלע מיידלעך אַרויסגערופן אין הויף און זיי באַגעגנט מיט זידלערייען און קללות, איינע שמוציקער פון דער אַנדערער. די זידלערייען און קללות האָט מען פאַרשוויגן, אָבער די שטראָף? קלעפּ, שלאָגן, אָן עסן, אָן וואַסער. די שמוציקע יידישקעס האָבן זיך פאַרזינדיקט.

שפּעטער צו איז אין לאַגער אויסגעגאַנגען דאָס ברען־האָלץ. און קיין גאַזאָלין איז אויך ניט געווען. די יידן האָט מען געמוזט אָפּראַמען פון וועג. אַזוי האָט דאָך געוואָלט און אַזוי האָט באַפוילן דער פירער.

אָבער גייט ברענט יידן אָן האָלץ, אָן גאַזאָלין. נאָר פאַרלאָזט זיך שוין אויף די דייטשן. זיי וועלן שוין עפּעס געפינען אָן אַנדער מיטל, אַן אַנדערע דערפינדונג. זיי וועלן ניט בלייבן הינטערשטעליק.

עלעקטריק האָבן זיי דאָך. ווען זיי איינשפּאַנען די דאָזיקע נאַטור־קראַפט, זי זאָל אומברענגען די יידן. זיי האָבן גענומען לאַנגע טישן, צוגעמייסטערט צו זיי גרויסע עלעקטרישע מעסערס, וואָס האָבן געטאָן די טייטלעכע אַרבעט. די יידן האָט מען צוגעבונדן צו די טישן און די שניידמעסערס האָבן געשניטן מענטשלעך פלייש אַזוי ווי מען שניידט קאַלבפלייש און רינדפלייש אין די שלאַכטהייזער. און די דייטשישע דאָקטוירים זיינען אַרומגעגאַנגען אַרום די טישן, פון וואַנען עס איז געפאַלן מענטשלעך פלייש, פיס הענט און קעפּ. זיי האָבן געדאַרפט אַכטונג געבן, אַז די מאַשינען זאָלן אַרבעטן ריכטיק.

די צעשניטענע חלקים זיינען געפאַלן אויפן דיל. בלוט האָט זיך אויסגעמישט מיט פלייש. ס'איז אָבער ניט געבליבן ליגן. וואַסער האָט אַלץ אָפּגעשווענקט אין אַ רינשטאָק. אַלץ מאָדערן...

אין לאַגער זיינען געקומען דייטש־שע אינדוסטריאַליסטן און פאַרלאַנגט מיידלעך אויף שקלאַפן־אַרבעט. פיר טויזנט האָט מען אויסגעקליבן און געשיקט זיי אין אַן אַמוניציע־פאַבריק. זשאַרזשעט און איר שוועסטער זיינען געווען צווישן די אויסגעקליבענע.

זשאַרזשעטן האָט מען געשטעלט אַרבעטן ביי קוילן. אַ גרויסע מאַשין האָט אין בלעכן געשאָטן קוילן. די ווייזערס אויפן מאַשין־זייגער האָבן געמוזט אָנווייזן ביז אַ געוויסן נומער און ניט מער. העכער פון דעם וואָלט שוין די מאַשין געפּלאַצט.

ווען זשאַרזשעט האָט זיך אויסגעלערנט אַרבעטן אויף דער מאַשין, האָט זי בכיוון סאַבאָטאַזשירט: קאַליע געמאַכט פיל קוילן און געדריקט די מאַשין ביז זי האָט געפּלאַצט. וואָס האָט זי געהאַט צו פאַרלירן? עסן האָט מען געגעבן ווייניק. געשלאָפן האָט מען כמעט גאָר ניט. טאָג און נאַכט האָט די פאַבריק געאַרבעט.

אויב עס האָט זיך פאַרבענקט אַ מיידל זינגען אַ יידיש ליד און דער אויפזעער האָט דערהערט דאָס געזאַנג, האָט זי באַצאָלט דערפאַר מיט בלוטיקע קלעפּ. און געשלאָגן האָט מען אָפט, מיט אַ רציחה און ווילדקייט, ווי עס פּאַסט פאַר זיגערס, וואָס איזדיעקעווען זיך איבער זייערע שקלאַפן־אַרבעטער.

פאַר קאַליע מאַכן די מאַשין, האָט מען זשאַרזשעטן באַשטראָפט מיט אַכט טעג אָן עסן. אירס אָבער האָט זי אויסגעפירט. די מאַשין האָט מער קיין קוילן ניט אַרויסגעוואָרפן.

דאַן זיינען געקומען די אַמעריקאַנער און אַלעמען באַפרייט. דער לאַגער בלוטיקער וועג האָט זיך געענדיקט. זשאַרזשעט און אירע שוועסטערס זיינען בשלום דורכגעקומען און אַרויס לעבעדיקע פון שונאס הענט.

***

זי האָט דערלעבט נקמה. ערשטנס, האָבן זיך די דייטשן אונ־טערגעגעבן, און צווייטנס, האָט זי, זשאַרזשעט, אַ יידישקע, געשלאָגן דעם שונא, אַ דייטשקע.

די דייטשישע אויפזעערין פון בלאָק אין לאַגער, די, וואָס האָט געוואָלט שיקן איר שוועסטער אין קרעמאַטאָריע, ווען יענע האָט געהאַט אַ געשוואָלענע פוס, איז געווען צווישן די געפאַנגענע ביי די אַמעריקאַנער. זשאַרזשעט האָט זי געפּאַקט לעבן קיך, געכאַפּט אַ שטיק האָלץ און זיך גענומען צו דער דייטשקע. אַלץ וואָס האָט זיך ביי איר אָנגעקליבן אויפן האַרצן פון ערשטן טאָג אָן זינט דעם אַרעסט, דער גאַנצער כעס, די דערנידעריקונג, דאָס לעבן ווי חיות, דיליידן און צרות — אַלץ, אַלץ, האָט זי איצט אויסגעלאָזט צו דער דייטשקע. זשאַרזשעט האָט געשלאָגן מיטן גאַנצן כוח און ווען די אַמעריקאַנער וואָלטן זיך ניט אַריינגעמישט, וואָלט זי די דייטש־קע דערהרגעט.

די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן, אַ רעגימענט פון פּאַראַשוטיסטן, האָבן זייער גוט באַהאַנדלט די געראַטעוועטע מיידלעך, געגעבן זיי גוט עסן און טרינקען און אַרויסגעוויזן פיל פריינדשאַפט. עס האָט זיך די יידישע מיידלעך גאָר ניט געגלייבט, אַז עס גע־פינען זיך נאָך גוטע מענטשן, איבער הויפּט סאָלדאַטן.

צוריקפאָרן קיין פראַנקרייך האָט זיך זשאַרזשעטן זייער ניט געוואָלט. וואָס וואַרט אויף איר דאָרטן? וואָס וועט זי אין פּאַריז געפינען? אירע עלטערן, וואָס זיינען דאָרטן פאַרבליבן, לעבן זיי נאָך, אָדער זיינען זיי טויט?

אָזעלכע ווי זשאַרזשעט און אירע שוועסטערס זיינען אַהיים געקו־מען. געפונען האָט מען ליידיקע ווענט. די דייטשן האָבן אַלץ אַוועק־געראויבט. דאָס וואָס מען האָט איבערגעלאָזט ביי פראַנצייזישע שכנים, ביים אַנטלויפן, ווילן זיי ניט אָפּגעבן.

דייטשלאַנד, מיי, 1945.

מיר פאָרן אַהיים

מיר פאָרן אַהיים!

עס רעדט זיך אַזוי אַז מיר פאָרן אַהיים. זינט „ווי אי דעי" גרייטן מיר זיך. צוויי מאָנאַטן זיינען שוין אַריבערגעלאָפן זינט דאָן און מיר זיינען נאָך אַלץ דאָ.

אָן אָנהייב האָבן מיר יאָ געמאַכט. נאָך פאָרן וואָפן־שטילשטאַנד האָבן אַלע שוין געציילט זייערע „פּאָינטס", געחשבונט און גע־רעכנט ביי טאָג און ביי נאַכט. ס'איז זייער אַ וויכטיקע זאַך 1 „פּאָינט", וויל אָן דעם ווענדט זיך דעם סאָלדאַטס צוקונפט, צי ער פאַרבלייבט אויף ווייטער אין דער אַרמיי, אָדער ער פאָרט אַהיים נאָך אָן אָפּ־וועזנהייט פון עטלעכע יאָר. איין איינציקער „פּאָינט" באַשטימט דעם גורל פון הונדערטער טויזנטער סאָלדאַטן.

איך האָב מער ווי גענוג, ברוך־השם — 101 „פּאָינטס". איז מיר גוט, וויל איך פאָר אַהיים, כאָטש דערוויל האָבן מיר זיך נאָך פון אָרט ניט גערירט. אָבער דער אָנהייב איז דאָך געמאַכט. אי־בעריקע בגדים האָט מען ביי אונדז צוגענומען. זיינען מיר געבליבן בלויז מיט איינציקע זאַכן. ווערט עפּעס שמוציק, דאַרף מען עס וואַשן. אָבער גיי וואַש, אַז מיר האָבן ניט קיין אַנדערע קליידער מיט וואָס זיי צו פאַרבייטן! די אַרמיי פאָדערט אָבער, אַז סאָלדאַטן מוזן זיך האַלטן ריין.

פריער האָבן מיר געוואוינט אין אַ קאַזאַרמע מיט צעבראָכענע פענצטער. ווען עס האָט גערעגנט, האָט דער רעגן אַריינגעשמיסן. אין קאַלטע וועטערן האָט דער ווינט געפייפט פון די פענצטער ביזן טיר.

שפּעטער האָבן מיר זיך אַרויסגעקליבן פון קאַזאַרמע אין ביידלעך. בעסער איז אונדז ניט געוואָרן. ביי טאָג איז שרעקלעך הייס. מיר געפינען זיך אין מאַזעל טאָל אין די וואָזשבערג. די זון ברענט אָן אַ גאַנצן טאָג און ס'איז אוממעגלעך צו זיצן אין ביידל.

ביי נאַכט ווערט קאַלט. מען האָט אונדז נאָר איבערגעלאָזט צו צוויי קאָלדרעס פון די פיר און פינף וואָס מיר האָבן פריער געהאַט. דער תירוץ: מיר פאָרן דאָך אַהיים, דאַרפן מיר מער ניט ווי צוויי. שלאָפן אַ סך אין די זאַכן.

קיין טישן און בענק זיינען ניטאָ, עסן מיר זיצנדיק אויף דער ערד, אַזוי ווי די אַראַבער. אויב עס רעגנט, מישט זיך דאָס עסן אויס מיט דעם וואַסער. ווען דער ווינט בלאָזט, מישט זיך דאָס עסן אויס מיט זאַמד און שטויב.

דעם 4טן יולי האָבן מיר פאַראַדירט אין שטאָט. אַזוי דאַרף זיין. אַ גרויסער אַמעריקאַנער יום־טוב, דאַרפן מיר פייערן. אָבער — אַכט אַ זייגער אין דער פרי זיינען מיר געווען גרייט, 9 אַ זייגער האָט זיך נאָך דער פאַראַד ניט אָנגעהויבן. ביז צען אַ זייגער, צוויי שעה אונטער אַ הייסער זון, זיינען מיר געשטאַנען אויף דעם סקוועער אין לאַגער און געוואַרט. דאַן ערשט האָבן מיר אַרויסגעמאַרשירט אויפן וועג צו דער שטאָט.

זאָגן מיר: מיר וועלן שוין ווי עס איז „אויסשוויצן" די צוויי מאָנאַטן ביז די גוטע שיף וועט אונדז ברענגען צום אַמעריקאַנער ברעג און מיר וועלן איין מאָל פאַר אַלע מאָל אויסטאָן די מונדירן און אָנטאָן ציווילע קליידער.

***

מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָב איך שפּאַצירט מיט מיין איר־לענדישן חבר פון מאַסאַטשוסעטס. אונדזער לאַגער ליגט אין אַ טאָל, צווישן בערג. אַרום און אַרום ציען זיך פעלדער, און לעבן אונדז שטייט אַ גרויסע שאָטאָ (עסטעיט). עס קען זיין, אַז די לאַנדשאַפט האָט דעם חבר דערמאָנט אָן דער היים; ס'קען זיין, אַז ער האָט זיך פאַרקוקט אויפן בלויען, לויטערן הימל.

— ווייסט, — האָט ער צו מיר געזאָגט, — לעצטנס טראַכט זיך מיר אָפט ווי עס וועט זיין, ווען מיר וועלן אַהיים קומען. ווען אונדזער שיף וועט זיך אַריינגליטשן אין ניו־יאָרקער האַפן און איך וועל דערזען די „סטאַטוע פון פרייהייט", דאָס ערשטע מאָל אין צוויי און אַ האַלב יאָר, ווי וועט דאָס מיך רירן? וועלן זיך אין די אויגן שטעלן טרערן? וועל איך וויינען? וועל איך קושן די אַמערי־קאַנער ערד ביים אַראָפּגיין פון שיף? אַסור אויב איך ווייס.

אַט אַזוי טראַכטן און טרוימען די מער פּילנדיקע סאָלדאַטן, וואָס זיינען אויסגעוווען אַ וועלט. דער טאָג איז ניט ווייט, ווען זיי וועלן דאַרפן דורכלעבן די געפילן פון אַהיים קומען.

און איך אַליין, ווי שטעל איך זיך פאָר מיין אַהיים קומען? איך בין ניט בעסער און ניט ערגער פון די אַנדערע סאָלדאַטן. אין די לאַנגע נעכט צי איך דעם רויך פון מיין ליולקע און טראַכט פון דער היים. אין די לאַנגע נעכט, צווישן חברים, וואָס קענען ניט שלאָפן, און צווישן חברים, וואָס שלאָפן מיט אַ שווערן שלאָף, ליג איך מיט אָפענע אויגן, קוק אין דער פינצטערניש און לאָז לויז די געדאַנקען.

ווי וועל איך באַגעגענען די „סטאַטוע פון פרייהייט" אין די וואַסערן פון ניו־יאָרקער האַפן, שטייענדיק אָנגעשפּאַרט אָן פּאַרענטש מיטן פּנים צו ניו־יאָרק? וועט דאָס האַרץ קלאַפּן, וועלן די אויגן פאַרצויגן ווערן מיט טרערן? וועל איך קוקן אין דער ווייט אַרום, אָדער אויף די חברים לעבן מיר, זען וואָס זיי טוען?

און שפּעטער, אין לאַגער, נאָכן אַרויסלאָזן אונדז פון דער אַר־מיי, וועל איך גלייך לויפן צום באַן און פליען אַהיים? אָדער וועל איך גאָר פריער אַראָפּ ערגעץ אויף אַ ניו־יאָרקער גאַס און שפּאַצירן ווי אַ פרעמדער, וואָס האָט דאָרט אַ מאָל, לאַנג צוריק, געוואוינט, און איצט זיך צוריקגעקערט נאָך אַ לאַנג וואַנדערן איבער ימען און לענדער.

וועל איך גיין דורך די שטילע גאַסן און דורך די טומלדיקע עוועניוס און קוקן אויף די מענטשן און מויערן און געשעפטן? וועל איך טראַכטן וועגן די סאָלדאַטן, וואָס האָבן פאַרלאָזן היים און עלטערן, צו שלאָגן זיך מיט אַ שונא אין ווייטע לענדער, און זיינען מער ניט צוריקגעקומען? און די צוריקגעקומענע, וואָס ליגן פאַר־וואונדעטע און פאַרקריפּלטע אין די שפּיטאָלן?

און ווען איך וועל גיין אַהיים דורך די ברוקלינער גאַסן מיט האַסטיקע טריט (אָדער פּאַמעלעך) פאַרביי הייזער און פּלעצער, וואָס זיינען מיר באַקאַנט פון פריער, וועל איך באַמערקן צי עפּעס האָט זיך געביטן, אָדער אַלץ איז ווי געווען יענעם אַפּריל, אין 1943, ווען איך האָב זיי דאָס לעצטע מאָל אָנגעקוקט?

וועל איך אָנקלינגען אין טיר מיט ציטערדיקע הענט, אָדער מיט פולער זיך־באַהערשונג? און מיינע ערשטע ווערטער צו טאַטע־

מאַמע, וואָס וועלן זיי זיין? נאָך צוויי און אַ האַלב יאָר צעשיידונג, נאָך צוויי און אַ האַלב יאָר האָלאַנד און סיציליע, אין דייטשלאַנד און איטאַליע און בעלגיע — נאָך צוויי און אַ האַלב יאָר, וואָס וועל איך זיי זאָגן?

און דאָרען, מיין קליינער, שוואַרצהאָריקער דאָרען, ווען זי וועט מיר גיין אַנטקעגן, וועל איך אויסשטרעקן מיינע אָרעמס צו איר, אָדער שטיין אַ פאַרלוירענער און ניט גלייבן מיינע אייגענע אויגן, אַז דאָס איז זי, נאָך ווען איך האָב מאַנאַטן און וואָכן און יאָרן געבענקט אַזוי שטאַרק, אַז דאָס האַרץ האָט שיר ניט געפּלאַצט?

און וואָס וועל איך איר זאָגן, איר, וואָס האָט מיר געהאָלפן פון דער וויטן פאַרלייכטערן דאָס שווערע סאָלדאַטן־לעבן אין דער הייסער אַפריקע, אין די נאַסע פוקסן־לעכער, אויף די שטורעמדיקע וואַסערן, אין מאָטאָר־רוישנדיקע עראָפּלאַנען? וואָס וועל איך איר זאָגן, אַריינקוקנדיק אין אירע פייכטע אויגן?

אין די שטילע, טיפע נעכט, ווען די חברים שלאָפן אַרום מיר, צי איך דעם רויך פון מיין ליולקע און טראַכט וועגן דעם.

ראַמבערווילער, פראַנקרייך, אויגוסט, 1945.